STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11055

AMUNDSEN

Aleksandr Iosifovich Deutsch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווײַסע פלעקנ

— ראָאלד, קומ שפּילנ פוטבאָל!
— איכ גיי ניט.
— פארוואָס?
— ניט איכ האָב ליב אונ ניט איכ וויל. איכ האָב אנ אנדער ארבעט.

די ייִנגלעכ האָבנ זיכ געזעגנט. אָניאָגנדיק זײַנע כאוויירימ, איז עריק, א ייִנגל מיט רויטע באקנ, אװעקגעלאָפנ צומ פוט־באָל־פּלאצ, אונ דער מאָגערער ראָאלד מיט די לאנגע האָר איז אוועק אהיימ. דאָרט האָט אפ אימ געווארט זײַנ מוטער — זי פלעגט שטענדיק נערווירנ, ווענ איר זונ פלעגט זיכ ערגעצ לאנג פארהאלטנ.

דאָס באשיידענע אונ שטילע ייִנגל האָט ניט ליב געהאט ארויסצוווײַזנ פאר זײַנ מוטער די געפילנ, וואָס האָבנ אימ גערעגט, נאָר אינ זיכ האָט ער געהאלטנ פארבאָרגנ א קאָמפּליצירטנ געפיל פונ טיפנ אונ צארטנ ראכמאָנעס אונ דערבײַ שטענ־דיק א פארדראָס, — אָט אזא געפיל פלעגט בא אימ ארויסרופנ זײַנ מוטער.

נאָכנ טויט פונ ראָאלדס פאָטער איז די מוטער אזוי ווי פארגליווערט געוואָרנ אינ צאר, האָט אופגעהערט צו אינטע־רעסירנ זיכ מיט דער אויסערלעכער וועלט; זיצנדיק איבער איר האנטארבעט, פלעגט זי שטיל לאָזנ א טרער אונ אָנגע-

שטרענגט זיכ צוהערנ, צי קערט זיכ ניט אומ אהיימ ראָאלד, — דער לעצטער פונ די זינ אירע, וואָס איז נאָכ געבליבנ בא איר. די עלטערע פייגעלעכ אירע, ווי נאָר זיי האָבנ באקומענ פעדערנ, זיינענ ארויסגעפליגנ פונ נעסט אונ האָבנ אָנגעהויבנ פירנ א זעלבשטענדיק לעבנ, וואָס איז איר ווייט אונ פרעמד.

וויסנדיק, אז ער איז דער איינציקער טרייסט פאר דער מוטער אינ איר איינזאמענ אונ טרויעריקנ לעבנ, האָט זיכ ראָאלד געמיט ניט צו פארשאפנ איר קיינ פארדראָס, אָבער אינ דער זעלבער צייט האָט דאָס פופצניאָריקע יינגל, אינ וועלכנ עס האָבנ געברויזט יוגנטלעכע שטרעבונגענ אונ האָפענונגענ, ניט געוואָלט זיינ אָפגעזונדערט פונעמ לעבנ אונ פונ מענטשנ, ווי עס איז געווענ די מוטער נאָכנ מאנס טויט.

אויכ איצט, ווענ ער איז ארויס אפ דער הויפט-גאס, ווו עס האָבנ געיילט פארבייגייער, ווו עס זיינענ געפאָרנ עקיפאזשנ אונ עס זיינענ געלאָפנ יינגלעכ, וואָס האָבנ אויסגעשריענ די נעמענ פונ די אָוונט-צייטונגענ, האָט ראָאלד געשפירט דעמ געוויינלעכנ אָטעמ פונ דעמ אלגעמיינעמ אונ טעטיקנ שטאָטישנ לעבנ, אונ עס האָט אימ פארקלעמט זאָט הארצ, ווענ ער האָט א טראכט געטאָנ, אז איצט וועט אימ ווידער באגעגענענ די פארוויינטע מוטער, וואָס איז אזוי עלנט אינ איר שטיבעלע אונ ווייסט ניט פונ די טרוימענ אונ שטרעבונגענ פונ איר זונ.

„ניט שוינ-זשע קאָנ די מאמע ניט פארשטיינ, — האָט דאָס יינגל געטראכט בא זיכ, — אז לעבנ — דאָס איז באוועגונג, קאמפ, א שטרעבנ צו א ציל, אונ ניט קיינ מויזנ-לאָכ, ווו עס דארפ נאָר זיינ זאט אונ ווארעמ? קאָנ מענ דענ אזוי איינגאנצנ זיכ ארייַנטאָנ אינעמ קליינעמ פערזענלעכנ לעבנ אונ מער זיכ מיט קיינ זאכ ניט אינטערעסירנ אינ דער דאָזיקער ברייטער וועלט?”

באזונדערס האָט ס'יינגל געפייניקט דאָס, וואָס זיינ מוטער האָט אויכ אימ געוואָלט צוגעווינענ צו דער שטוב, צו געמיטלעכקייט, צו דער רו פונעמ פארגליווערט-מאָנאָטאָנעמ שטייגער,

זיכ גאָר ניט רעכענענדיק מיט זײַנ גרויסנ דאָרשט נאָכ וויסנ, מיט זײַנ פארלאנג צו געפינענ א גרויסנ אונ נוצלעכנ לעבנס־צוועק, פאר וועלכנ עס לוינט צו ארבעטנ אונ קעמפנ. אונ ראָאלדנ פלעגט נערווירנ דער טיש־לאָמפ, בא וועלכנ זײַנ מוטער פלעגט זיצנ אינ אָוונט מיט איר האנטארבעט, א באַרויִקטע, קוקנדיק אפ איר זונ, וואָס זיצט בא א ביכל.

ראָאלד אמונדסענ (א פאָטאָגראפיע פונ 1926 יאָר)

גייענדיק איצט איבערנ גאס אונ ווידער פאָרויסזעענדיק א לאנגנ שטילנ אָוונט מיט דער מוטער, וועלכע דארפ גאָרנישט ניט, נאָר דער זונ זאָל זיצנ לעבנ איר, — האָט זיכ דאָס ייִנגל קימאט ניט־ווילנדיק אָפגעשטעלט אונ האָט זיכ הילפלאָז ארומגעקוקט.

— וועגנ וואָס האָסטו זיכ פארטראכט, אמונדסענ? — האָט פלוצלינג שטיל זיכ אָנגערופנ אנ אָנגענעמ, נאָר א ביסל הייזעריק קאָל. ראָאלד האָט אופגעהויבנ זײַנ קאָפ אונ האָט דערזענ דעמ געוועזענעמ שול־לערער, וואָס האָט איבער א האלדז־קראנקײַט אופגעהערט לערנענ אונ לעבט פונ א קליינער פענסיע.

— האָסט איבערגעלייענט דזשאָנ פראנקלינ, וואָס איכ האָב דיר רעקאָמענדירט? — האָט דער לערער אימ ווײַטער געפרעגט, ניט ווארטנדיק אפ זײַנ ענטפער. ער האָט געוווּסט דעמ ייִנגלס שטענדיקע געווינהײַט ארומצוגיינ אָדער זיצנ פארטראכט אונ

האָט באַרשטאַנען, אַז ראָאַלדן איז שווער צו ענטפערן, וואָס ער האָט אייגנטלעך אָקאָרשט געטראַכט.

דער עלטער לערער און דער יונגער באָכער זײַנען אַוועק צוזאַמען, און ראָאַלד האָט מיט היץ דערציילט דעם ליבן לערער וועגן דעם אײַנדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט דעם באַרימטן ענגלישן נאַוויגאַטאָרס בוך, וואָס ער האָט דורכגעלייענט.

— גיט מיר אַן אייצע, — האָט ראָאַלד געבעטן, — וועלכע נאָך ווערק פֿונעם סער דזשאָן זאָל איך איבערלייענען, און דערציילט מיר, זײַט אַזוי גוט, אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס שײַנט מיר צו זײַן דער סאַמע דרייסטער מענטש.

דער לערער האָט אים אָנגערופֿן עטלעכע ווערק פֿראַנקלינס און האָט צוגעגעבן:

— אין קורצן איז די געשיכטע פֿון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פֿאָרשער אַזאַ: די ענגלישע רעגירונג האָט אים געהייסן אין 1825 יאָר דורכפֿירן פֿונעם טײַך מעקענזי צום בערינג-דורכגוס מיליטערישע אָטריאַדן. דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן, אָבער פֿראַנקלין האָט פֿונדעסטוועגן ניט געהאַלטן פֿאַר מעגלעך אומצוקערן זיך „מיט ליידיקע הענט". און ווירקלעך, נאָך דעם, ווי ער האָט בײַגעקומען אַ סך שוועריקייטן פֿונעם פּאָליאַר־וועג, האָט דער דרייסטער נאַוויגאַטאָר אַנטדעקט די דעמלט נאָך ניט באַוווּסטע אינדזלען פּאָרי און טענדאַל. אויסער דעם האָט ער אָנגעמערקט אַ פּלאַן פֿון אַן עקספּעדיציע, וועלכע ער האָט געקאָנט אָנהייבן דורכצופֿירן ערשט אין 20 יאָר אַרום. אין 1845 יאָר האָט ער אויסגעריכט צוויי שיפֿן, — „ערעבוס" און „טעראָר", — מיט וועלכע ער האָט זיך געלאָזט צום פּאָליאַר־אײַז. וועגן דעם אָנהייב־עטאַפּ פֿון דער דאָזיקער מערקווירדיקער רײַזע ווייסטו, ראָאַלד, געניי זיך דערוויסן פֿון די ווערק, וואָס איך האָב דיר אָנגערופֿן...

— נו, און דער סאָף, דער סאָף פֿון דער עקספּעדיציע? —

האָט אים מ׳ט אומגעדולד איבערגעשלאָגן דאָס ייִנגל. — ני׳ט שוין זשע ווייסט מען טאקע וועגן אים גאָרנישט?

— דאָס לעצטע מאָל האָבן די וואלפיש־פאנגער געטראָפן פראנקלינען באַם 75° צאָפן־ברייט אין דעם זעלבן יאָר 1845, און ווײַטער האָט מען קיין שום ידיעות וועגן דער עקספעדיציע ניט געהאט. איבער צוויי צענדליק שיפן האָט ענגלאנד געשיקט אופצוזוכן פראנקלינען, אָבער די אלע עקספעדיציעס האָבן קיין רעזולטאטן ניט געגעבן.

— און דזשאָן רע? — האָט ראָאלד געפרעגט; ער האָט שוין, אפּאָנעם, עפּעס־וואָס געלייענט וועגן דעם.

— יאָ, דזשאָן רע האָט אין 19 יאָר ארום זיך דערוווּסט פון די עסקימאָסן, אַז עס זײַנען אומגעקומען עפּעס ווײַסע מענטשן, און ער האָט ארויסגעזאָגט א מיינונג, אַז דאָס מוז אוודאי זײַן פראנקלינס עקספעדיציע. מער באגלייבטע ידיעות האָט געבראכט א קליינע שיף, וואָס עס האָט אויסגעריכט לעדי פראנקלין, וועלכע האָט ניט געקאָנט שאָלעם מאכן מיטן געדאנק, אַז איר מאן איז שפורלאָז פארשווּנדן. דער קאפּיטאן פון דער שיף, מאק־קלינטאָק, האָט געפונען דאָקומענטן פון צוויי מאטראָסן פונעם פּערסאָנאל פון „ערעבוס”, וואָס זײַנען אומגעקומען, ווײַזט אויס, שפּעטער. פון די דאָזיקע פּאַפּירן האָט מען געקאָנט ארויסדרינגען, אַז ביידע שיפן זײַנען פארקלעמט געוואָרן אינעם אײַז, און זייער פּערסאָנאל צוזאמען מיט פראנקלינען איז אומגעקומען פון הונגער אין 1848 יאָר.

— דאָס מאָל האָבן שוין אפילע די שטיוול ניט געהאָלפן! — האָט ראָאלד באמערקט מיט טרויער.

— וואָס עפּעס די שטיוול? — האָט זיך דער לערער געוווּנדערט. אַן ערנסטער געאָגראפ און אויסגעצייכנטער קענער פון צאָפן, האָט ער שטענדיק געפרייט דאָס ייִנגל דערמיט, וואָס ער פלעגט אים אין זײַנע דערציילונגען געבן ניט ווייניקער ידיעות איידער א בוך. אָבער ראָאלדן פלעגט שטענדיק וווּנדערן, וואָס דעם אלטיטשקן אינטערעסירן בלויז דאטן, נעמען

און אנדערע ריין טעאָרעטישע מאטעריאַלן, אָבער לעבעדיקע געשטאלטן, קליינע כאראקטעריסטישע דעטאלן און די בילדע־רישקייט פון דער באשרייבונג זיינען אים געווען אינגאנצן פרעמד: ער פלעגט זיי קיינמאָל ניט דערמאָנען, און ראָאלד האָט זיך געדוכט, אז ער באמערקט זיי אפילו ניט.

— ניט שוין זשע האָט איר פארגעסן גראָד דאָס, וואָס מיך האָט מער פון אלץ פארכאפט בא פראנקלינען? — האָט זיך אויך ראָאלד פארוואונדערט.

— וועגן וואָס רעדסטו, מיין פריינט?

— וועגן סער דזשאָן האָט געפירט זיינע מאטראָסן פון דער שיף, וואָס דאָס אייז האָט זי איינגעקלעמט, דורכן פאר־פראָרענעם מידבער צו דאָרעם, זיינען די מענטשן קימאט אף יעדן ביוואַק געפאלן און געשטאָרבן פון הונגער. נאָר פראנק־לין האָט אלעמען געוויזן א מוסטער פון פעסטקייט און מוט, ער איז געגאנגען פאָרויס און האָט אופגעמונטערט די הינטער־שטעליקע. צולעצט איז שוין ניט געבליבן קיין שפייז און קיין קויכעס פארן ווייטערדיקן וועג. דעמלט האָט פראנקלין מיט זיינע באגלייטער אָנגעהויבן אויסשניידן רימענס פון זייערע שטיוול און קייען זיי. זיי האָבן געגעסן זייערע שטיוול, האלטנ־דיק, אז דער ציל, וואָס די עקספעדיציע האָט זיך געשטעלט, מוז אומבאדינגט דערגרייכט ווערן... איז עס דען ניט פרעכ־טיק, זאָגט אליין?

דער לערער האָט אָבער ניט געענטפערט אף דער פראגע, וואָס דאָס יינגל האָט אים מיט אופרעגונג געשטעלט.

ראָאלד האָט דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס פונעם אלטן האָט זיך דאָס מאָל ניט געפאָדערט קיין וויסנשאפטלעכער נאָ־מען און קיין דאטע. אָנשטאָט צו ענטפערן האָט דער אלטער צוגעפירט ראָאלדן צום פענצטער פון א מאגאזין, וווּ ס'איז צווישן ביכער און שרייבגעצייג געווען ארויסגעשטעלט א גרוי־סער פארשיידנפארביקער גלאָבוס.

— אָט זאָגסטו, אמונדסען, אז דו וואָלסט וועלן ווערן א

פאָליאר־ריַיזנדער, — האָט זיך דער לערער געווענדט צו זיַינ יונגנ באַגלייטער. — אָבער דאָס וועט זיַינ א געוויינלעכער קינדערשער כאָלעמ, אויב דו וועסט זיך פריִער פאר אלצ ניט פרעגנ: צו וואָס?

— איך האָב זיך געפרעגט. קעדיי צו ווערנ אזא, ווי פראנקלינ אונ אנדערע.

— אָבער צו וואָס? דאָך ניט קעדיי צו עסנ די אייגענע שטיוול.

דאָס ייִנגל איז רויט געוואָרנ.

דער לערער האָט איראָניזירט גראָד איבער דעמ „מארטירערטומ", וואָס האָט אזוי באַצויבערט ראָאלדנ. אָבער דער לערער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט א שפּאס.

ער האָט וויַיטער אנטוויקלט זיַינ געדאנק.

— שווערע ארבעט, ליידנ, הונגער — דאָס זיַינענ ניסיוינעס, אומפארמיַידלעכע בא א גרויסנ ציל. אָבער דאָס איז נאָך ניט דער ציל. דו ווייסט, ווי עס זעט אויס א גלאָבוס. אלצ, וואָס איז באַדעקט מיט פארבנ, איז שוינ פאר די מענטשנ באַוווסט, ווי צוויי מאָל צוויי. אָבער אויבנ אונ אונטנ ליגנ וויַיסע פלעקנ. דאָס זיַינענ דערוויַיל נאָך אומבאַקאנטע, סוידעספּולע ראַכוועסנ. מע דארפ זיי אויספאָרשנ, אנטדעקנ, ארײַפריַיסנ פונ זיי דעמ שלייער. ס'איז נייטיק, זיי זאָלנ אויך דינענ דער מענטשהיַיט, ווי די גאנצע איבעריקע יאבאָשע אונ די יאמענ. אָט דאָס איז א ציל.

— יאָ... די וויַיסע פלעקנ... — האָט ראָאלד געמורמלט, ווי אינ קישעפ, הערנדיק דעמ לערער.

— אונ איצט גיי אהיימ, — האָט דער אלטער געזאָגט, א קוק געבנדיק אפנ זייגער, — אונ ווענ דו וועסט לייענענ פראנקלינענ, טראכט ניט וועגנ זיַינע שטיוול, נאָר וועגנ זיַינ ציל.

דער פײַנלעכער אויסוואל

— וואָס שרײַבסטו דאָרטן, ראָאלד? לייענ מיר דורכ, — האָט די מוטער געפרעגט פאָרשנדיק אונ מיט עפּעס אנ אומ־צוטרוי, זעענדיק, אז דאָס יינגל רײַסט זיכ ניט אָפּ פונ העפט שוינ א האלבע שאָ צײַט.

— דיר איז דאָס ניט אינטערעסאנט, מאמע, — האָט ראָאלד געענטפערט אויסווײַכנדיק אונ האָט ארײַנגעקוקט אינ בוכ, פונ וועלכנ ער האָט עפּעס ארויסגעשריבנ.

ער איז געווענ אומצופרידנ דערמיט, וואָס נאָכ אָוונטברויט האָט ער געדארפט ארבעטנ אינ עסצימער אונ האָט ניט גע־קאָנט גלײַכ אוועקגיינ אינ זײַנ צימערל, ווו ער פלעגט זיכ פילנ א סאכ רויִקער ווי דאָ. דאָרטנ זײַנענ געווענ זײַנע ביכער, קארטעס, דער קאָמפּאס אונ די שטיקער מאגנעט, וואָס האָבנ אימ שטענדיק צוגעצויגנ. אונ אינ עסצימער האָט ער זיכ גע־פילט פרײַ נאָר ווענ ער האָט געגרייט די לעקציעס פאר דער שול; פלעגט ער זיכ אָבער נעמענ צו זײַנ באליבטנ ביכל אָדער אָנהייבנ פארשרײַבנ עפּעס „זײַנס“, פלעגט ער פילנ אפ זיכ דעמ פאָרשנדיקנ בליק פונ דער מוטער, אונ דאָס פלעגט אימ אופרעגנ.

— לייענ דאָס פונדעסטוועגנ איבער, — האָט די מוטער גע־זאָגט, אונ ראָאלד האָט געמוזט נאָכגעבנ.

— הײַנט האָב איכ פארשריבנ אָט וואָס: „אפילע אזוינע

דרייסטע פאָרשער, ווי קאַבאָט, באַרענצ און הודזאָנ, ווענ זיי זייַנענ צוגעקומענ צו די ראַכוועסנ פונ אייביקנ אייַז, זייַנענ שוינ נאָכ די ערשטע פּרוווּנ צו לאָזנ זיכ ווייַטער געווענ געצווּונגענ צו אָנערקענענ זייער מאַכטלאָזיקייַט און אָפּטרעטנ.

דאָס איז געווענ אינ XVII יאָרהונדערט.

אינ XVIII און XIX יאָרהונדערט האָט א גאַנצע ריי גרויסע נאַוויגאַטאָרנ פאָרגעזעצט זייער ארבעט. פונ זיי האָט דזשאָנ פראַנקלינ..." דאָ שטייט בא מיר אינ קלאַמערנ: זע די ציטאַטנ פונ נעכטנ און פונ אייערנעכטנ, — האָט ראָאַלד צוגעגעבנ און האָט ווייַטער געלייענט:

„פּיפּס, פּונקט ווי פראַנקלינ, האָט אויסגעפאָרשט דאָס וואַסער און דאָס אייַז ארום שפּיצבערגענ, נאָרדענשילד איז אוועק ווייַטער לענגויס די צאָפנ־ברעגנ פונ סיביר, סקאָרעסבי האָט אויסגעפאָרשט די ברעגנ פונ גרענלאַנד; באַפּינ, וואָס אפ זייַנ נאָמענ איז שפּעטער אָנגערופנ געוואָרנ אנ אייַנגוס, האָט אויסגעפאָרשט די צאָפנ־ברעגנ פונ אמעריקע. די זעלבע עפּאָכע איז רייַכ מיט רעזולטאַטנ אינ אויספאָרשנ אויכ דעמ דאָרעמדיקנ אייַז־מידבער. דער גרויסער נאַוויגאַטאָר קוק איז צוויי מאָל אריבער דעמ דאָרעמדיקנ פּאָליאַר־קרייַז, און דער רוסישער רייַזנדער בעלינגסהאַוזענ איז ארומגעפאָרנ ארומ דעמ דעמלט נאָכ ניט אנטדעקטנ דאָרעמדיקנ אייַז־קאָנטינענט. פארשיידענע טיילנ פונעמ דאָזיקנ קאָנטינענט האָבנ בעהאדראָגע אנטדעקט ווילקע, דיומאָנ־דיורוויל און דזשאָנ ראָס, און די אויספאָרשונגענ פונ נײמײַער, באָרקגרעווינק און דראָגאַלסקי האָבנ, ענדלעכ, מער ניט איבערגעלאָזנ קיינ שום צווייפל, אז ארומ דעמ דאָרעמ־פּאָליוס געפינענ זיכ קאָלאָסאַלע שעטעכס לאַנד, וועלכע רופנ זיכ איצט אָנ אנטארקטידע..."

— צו וואָס דארפסטו דאָס אלצ פארשרייַבנ? — האָט די מוטער פּלוצלינג איבערגעשלאָגנ דאָס לייענענ.

— איכ האָב דאָכ דיר געזאָגט, מאמע, אז מיכ אינטערע־

פירן די פּאָליאַרישע אויספאָרשונגען און איך וויל וויסן אַלץ, וואָס...

די מוטער האָט מיט אימפּעט אַרײַנגעשטעקט די נאָדל אין קישעלע און האָט ווידער איבערגעשלאָגן דעם זונס רייד, אָבער דאָס מאָל האָט זי גערעדט הויך, גאָר ניט ווי געוויינלעך, און האָט שאַרף אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן:

— ראָאַלד! איך בעט דיך ערנסט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אָװעקוואַרפן די דאָזיקע נאַרישקײַטן, אויב דו ווילסט ניט אַרײַנברענגען דײַן מוטער אין קייווער.

— דו ווייסט, מאַמע, אַז דו ביסט פֿאַר מיר, ווי איך פֿאַר דיר, דער איינציקער נאָענטער מענטש. צו וואָס זשע רעדסטו אַזוינע שלעכטע ווערטער, אָנשטאָט צו באַמיִען זיך צו פֿאַרשטיין מײַנע געדאַנקען און מײַנע געפֿילן?

— דו ביסט נאָך צו יונג צו לעבן מיט אייגענע געדאַנקען און געפֿילן. דו דאַרפסט פֿאָלגן דײַן מוטער, וואָס ווינטשט דיר נאָר גוטס. דו וועסט ענדיקן לערנען און וועסט ווערן אַ גוטער, כאָשעוואַער דאָקטער. פֿאַר אַ יונגן מענטשן איז אַ סאַך נוצלעכער צו טראַכטן וועגן דעם, ווי אינטערעסירן זיך מיט עפּעס אַזעלכע וואַגאַבונדן, וואָס נישטערן איבער די יאַמען און ווייסן אַליין ניט וואָס זיי זוכן דאָרטן.

— קיין באַוווסטע זאַכן זוכט מען קיינמאָל ניט, מאַמע, דאָס, וואָס איז באַוווסט, איז שוין דאָ.

— ווו האָסטו זיך דאָס אָנגעלייענט אַזאַ פֿילאָסאָפֿיִע?

— ווי קומט דאָ פֿילאָסאָפֿיִע? איך טראַכט פּאָשעט און איך איבערצײַג זיך...

— צו פֿרי, צו פֿרי. וועסט אויסוואַקסן, וועסטו אַליין זײַן דאַנקבאַר אי דײַן פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער אי מיר, וואָס מיר האָבן אָנגעמערקט פֿאַר דיר אַ רויִקע און נוצלעכע טעטיקײַט אַלס דאָקטער ערגעץ אין אַ שטיל פּראָווינציעל שטעטל.

— ווי? — האָט דער יונגער באָכער ניט־ווילנדיק אַ שמייכל

געטאָנ. — אפילע ניט אינ דער הויפטשטאָט, אינ קריסטיאניע[1], נאָר אומבאדינגט ערגעצ אינ א העק?

— דו געדענקסט שוינ ניט, ראָאלד, די שטאָט באָרג, ווו מיר האָבנ געווױנט, ווענ דו ביסט געבאָרנ געוואָרנ. דאָס איז ניט ווײַט פונ סארפסאָרג. דו ביסט געווענ ניט מער ווי דרײַ כאדאָשימ אלט, ווענ מיר זײַנענ אריבערגעפאָרנ אינ דער הויפטשטאָט, אָבער ביז איצט איז מיר ליב אונ טײַער דער דאָזיקער קלײנער גאניידנ אפ דער ערד, וואָס מיר האָבנ פארלאָזנ צוליב דער גרויסער אונ טומלדיקער שטאָט, וועלכע האָט מיר געבראכט אזויפיל צאר. איז אָט טרוימ איכ וועגנ דער צײַט, ווענ דו וועסט האָבנ א דאָקטאָר־דיפלאָמ, אונ מיר וועלנ ווידער אריבערפאָרנ קיינ באָרג אָדער אינ אנ אנדער שטעטל אזא, ווו איכ וועל דיכ אופפאסנ, אונ וועל האָבנ רו אפ דער עלטער.

ראָאלד האָט נידעריקער אראָפגעלאָזט דעמ קאָפ, זײַנ מוטער זאָל ניט באמערקנ, אז אפ זײַנע אויגנ באווײַזנ זיכ טרערנ. אָרעמע פרוי! ווי שווער וואָלט געווענ צו צעשטערנ איר אײנציקנ טרוימ! אָבער ווי שרעקלעכ עס איז פאר דעמ יינגל דאָס לעבנ, וואָס זײַנ מוטער זאָגט אימ צו.

— איכ ווייס ניט, מאמע, — זאָגט ער צולעצט, באהערשנדיק זײַנ אופרעגונג, — צי מיר וועט זיכ אײַנגעבנ באקומענ א דאָקטאָר־דיפלאָמ, אז מיכ ציט ניט צו מעדיצינ.

— ס'וועט זיכ אײַנגעבנ, ס'וועט זיכ אײַנגעבנ, — ענטפערט שוינ די מוטער זיכערער, מײנענדיק, אז זי האָט איבערצײַגט איר זונ, — דו ביסט אזא פײַקער, די לערער רימענ דיכ שטענדיק פאר דײַנ פלײַסיקײַט. אויב דו וועסט נאָר לערנענ פלײַסיק, וועסטו אומבאדינגט באקומענ א דיפלאָמ. אונ איצט לייג אוועק דײַנע העפטנ אונ גיי שלאָפנ, שוינ שפעט.

1 אינ 1925 יאָר איז דער נאָמענ פונ דער שטאָט קריסטיאניע (די הויפטשטאָט פונ נאָרוועגיע) געענדערט געוואָרנ אפ אָסלאָ.

די מוטער האָט א קוש געטאָן דעם זון און איז אוועק אין איר שלאָפצימער, און ראָאַלד האָט אוועקגעשפּאנט צו זיך אין צימערל, ווו ער האָט אָנגעצונדן פֿײַער און... האָט פּלוצ־לינג שעלמיש א שמייכל געטאָן.

— ווערטער האָבן קיין באַדײַטונג ניט, אַלץ אנטשיידן מײַ־סים! — האָט ער געזאָגט צו זיך אין שפּיגל, וואָס איז גע־האנגען לעבן וואש־טישל. ער איז געווען געווינט און האָט ליב געהאט צו שמועסן מיט דעם „כעווּרעמאַן", ווי ער פלעגט אין שפּאס אָנרופן זײַן אָפּשפּיגלונג, ווײַל נאָר „יענער" פלעגט זיך סאָלידאריזירן אינגאנצן מיט ראָאַלדס איבערלעבונגען און נאָר דעם „כעווּרעמאַן" האָט מען געקאָנט אָנטרויען אַלץ, אפילו דאָס סאמע געהיימע.

אײַנגעוואַשן זיך צום נאכט און אָפּגעדעקט די קאָלדרע, איז דאָס יִינגל צוגעגאנגען צום פענצטער און האָט עס ברייט אופ־געפּראַלט. ברייטע כוואַליעס קאַלטע לופט האָבן זיך אַרײַנגע־גאָסן אין צימער, און אין די פרישע שטראָמען אירע האָט ראָאַלד גלײַך דערשפּירט עפּעס פעסטס, נייטיקס און גרויס. פון צימער איז אונטערטעניק ארויס די ווארעמקײַט, אָפּטרעטנ־דיק איר אָרט דעם געזונטן, פאַרהאַרטעווענדיקן פראָסט.

דאָס סאמע קרענקלעכע, דאָס סאמע שווערע אין זײַן יונגן לעבן איז פאַר ראָאַלדן געווען דער פײַנלעכער אויסוואַל, צו וועלכן עס האָבן אים געטריבן די געשאַפענע פאמיליע־אומשטענדן. מעלדן פעסט דער מוטער, אז די מעדיצין וועט אים קיינמאָל ניט צוציִען און אז ער וועט ווערן נאָר א נאַ־וויגאטאָר, אַן אייביקער וואנדערער, וואָס וואָגלט ארום איבער ניט־אויסגעפּאָרשטע קאַנטן, וואָלט געהייסן ענדגילטיק פאַטערן דאָס געזונט פון דער אַלט־ווערנדיקער פרוי, אָפּנעמען בײַ איר די האָפענונג אפּ א בעסער לעבן, און עפּשער אויך דאָס לעבן גופא.

דערויף האָט זיך דאָס יִינגל, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט אנטשליסן, אָבער אָפּוואַרפן אַלע זײַנע טרוימען און האָפענונגען —

האָט געהייסן צונישט מאכן אלץ, וואָס איז ווערט דעם לעבן, האָט געהייסן פארניכטן זיך.

און נאָר ווען ער איז געבליבן אליין אין דער פּראָסטי־קער לופט, וואָס האָט אָנגעפילט מיט פעסטקייט און אנטשלאָסנ־קייט זיין יונגע ברוסט, האָט זיך ראָאלד דערפילט מונטער און רויק־זיכער. מיט אלע קויכעס און מיטלען וועט ער שוינען די מוטער, און אין דער זעלבער צייט וועט ער פירן זיין ליניע: גרייטן זיך צום אויסגעווײלטן וועג.

צוגעווינט ניט נאָר צו באטראכטן זיינע פּלענער, נאָר אויך צו פארשרייבן די אויספירן, צו וועלכע ער פלעגט קו־מען, און אזויארום צונויפשטעלן א פּראקטישע טעטיקייט־פּראָ־גראם, האָט דאָס יינגל אויסגעארבעט פאר זיך א פּלאן און האָט זיך פּינקטלעך געהאלטן בא דעם דאָזיקן פּלאן.

„שלאָפן בא אן אָפן פענצטער", — אָט דער פּונקט פלעגט אריבערגיין פון איין טאָג־פּלאן אין צווייטן, ווייל ראָאלד האָט באשלאָסן צוגעווינען זיין אָרגאניזם צו קעלט.

היינט האָט דאָס יינגל איבערגעלייענט די באשרייבונג, ווי דזשאָן פראנקלין האָט זיך אומגעקערט פון דער עקספּעדיציע. עס ווערט דאָרט דערציילט, אז געראטעוועט האָבן זיך נאָר די רייזנדע, וואָס האָבן געהאט שטארקע פיס. די איבעריקע פלעגן פאלן און אומקומען אין וועג. דאָס האָט געצוווּנגען ראָאלדן אומצופרידן א שאָקל טאָן מיטן קאָפּ.

— וואָס טו איך דאָס? — האָט ער זיך אליין געוווּנדערט. — איך זאָג זיך שטענדיק אָפּ פון שפּילן פוטבאָל מיט מיינע כאַ־ווײרים, ווייל מיר געפעלן ניט די מאנירן פון דער דאָזיקער שפּיל. אָבער זי קאָן דאָך בעסער פאר אלץ אנטוויקלען די מוסקולן פון מיינע פיס און מאכן זיי שטארק און פעסט ווי שטאָל.

מיט אן אנטשיידנדיקן פעדער־שטריך האָט דאָס יינגל ארייַנגעטראָגן אין פּלאן פון מאָרגעדיקן טאָג א נייעם פּונקט — „פוטבאָל".

פלוצלינג האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר. ראָאלד האָט באַהאַלטן אין טיש זײַן פּלאַן און האָט זיך אָפּגערופן:

— ווער איז דאָרטן?

— דאָס בין איך, — האָט די אַלטע דינסט געענטפערט. — עפנט!

— וואָס איז?

— אײַער מוטער בעט א קוק טאָן, צי האָט איר ווידער ניט געעפנט דאָס פענצטער: עס ציט שטאַרק אפילע אין שלאָף־צימער.

— יאָ, איך האָב אויסגעלופטערט דאָס צימער, — האָט ראָאלד געענטפערט, עפענענדיק די טיר. — אָבער זאָגט דער מאַמען, אז איך וועל באַלד פאַרמאַכן דאָס פענצטער.

די דינסט איז אוועק, און דאָס יינגל האָט זיך אָפּ א ווײַלע פאַרטראַכט. ווידער האָט ער באַדאַרפט „אויסוויילן“: טאָן, ווי די מוטער וויל, אָדער אויספילן זײַן באַשלוס ביזן סאָף.

און ער האָט מיט זײַנע קישנס און מיט אַלטע קליידער גענומען אַרומלייגן אונטן בײַ דער טיר און בײַ די זײַטן, ווו ער האָט נאָר געפונען שפּאַרונעס... ער האָט נאָכאַמאָל באַקוקט די טיר: איצט קאָן אין ערגעץ ניט ציען.

ער האָט זיך אויסגעטאָן און איז צוגעגאַנגען צום בעט.

— ווי שלאָפט מען אָבער אָן א קישן? נו, מיילע, נאָך בעסער. קריעס זײַנען א ביסעלע האַרטער: אָן איינע פעדערל. לאָמיך זיך צוגעוווינען.

אײַנגעוויקלט זיך טיף אין דער קאָלדרע, האָט ראָאלד כאַרלאָשן דאָס פײַער. דער פראָסט האָט זיך אין דרויסן געשטאַרקט, אף דער גאַס האָבן הילכיק געסקריפּעט די שליטנס, אָבער דאָס יינגל איז שוין געשלאָפן און האָט גאָרנישט ניט געהערט.

א לעבעדיקער מוסטער

די מוטער האָט געפילט און פארשטאנענ, אז ראָאלד אינטערעסירט זיך לײַדנשאפטלעך מיט עפעס „אוואנטיוריסטנ", וואָס פאָרנ איבער די יאמענ און קריכנ איבערנ אײַז, אָבער דער יונגער אמונדסענ האָט זיך קײנמאָל ניט אנטשלאָסנ זאָגנ אָפנ דער מוטער, אז ער וועט אומבאדינגט ווערנ אײנער פונ אזוינע „אוואנטיוריסטנ".

ער האָט געוואָלט, אז זײַנ מוטער, וואָס האָט אזויפיל געליטנ, זאָל אויסלעבנ אירע יאָרנ רויִק און זאָל ניט אוועקגײנ פונ דער וועלט פאר דער צײַט איבער איר געליבטנ זונ.

אָבער אײנס האָט בא דער מוטער ניט געקאָנט ארויסרופנ קײנ באזונדערנ כשאד: ליזשעס. דער ליזשעס-ספאָרט איז אײנער פונ די סאמע פארשפרײטע אינ נאָרוועגיע: קימאט די גאנצע יוגנט גײט זיך אָפ דערמיט, און ראָאלד האָט פארבראכט זײַנ גאנצע פרײַע צײַט אפ ליזשעס.

יעדעס מאָל, ווענ ער איז געווענ פרײַ פונ די שול-לעקציעס, פלעגט ראָאלד אינ דער צײַט פונ נאָיאבער ביז אפרעל פארקריכנ אפ ליזשעס ביז נורמארקענ, צאָפנ־צו פונ קריסטיאניע, און אפ די ווײַסע און פרײַע שניי־ראכוועסנ פונ נורמארקענ פלעגט ער פארברענגענ גאנצע טעג.

„דאָס (דער ליזשעס-ספאָרט), — האָט אמונדסענ שפעטער געשריבנ, — האָט מיך שטארק פארכאפט און כ'האָב זיך אינ־

גאנצן אריַינגעטאָן אין אָט דעם ספּאָרט־געביט. איך האָב געמאכט אלץ גרעסערע און גרעסערע דערפאָלגן, און ס'האָט זיך אלץ בעסער אנטוויקלט מײַן מוסקולאטור".

עס זײַנען אוועק טעג, וואָכן, כאדאָשים, און איינמאָל, גייענדיק פון שול מיט זײַנע כאוויירים, האָט ראָאלד דערהערט, ווי ייִנגלעך צײַטונג־פארקויפער שרײַען אויס:

— א ווילד־דרייסטע אונטערנעמונג! א ווילד־דרייסטער מארש אף לױזשעס!

די יונגע באָכערים זײַנען צוגעגאנגען צו א צײַטונג־פארקויפער, האָבן זיך צונויפגעזאמלט פארן אפּישן־סלופּ, פאנאנדערגעוויקלט דעם פרישן נומער פון דער צײַטונג, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט דרוק־פארב:

— „אונדזער יונגער געלערנטער נאנסען, — האָט ראָאלד געלייענט אפן קאָל, — וואָס איז שוין לאנג באוווסט אויך אין די ספּאָרט־קרײַזן אלס איינער פון די בעסטע לױזשניקעס פון לאנד, האָט פארטראכט א ווילד־דרייסטן פלאן: דורכגיין אף לױזשעס דורכן גאנצן אינדזל גרענלאנד. די אויפגאבע באשטייט דערין, מע זאָל פון אָקעאן איבער דעם שווימענדיקן אײַז דערגיין ביזן מיזרעך־ברעג פון גרענלאנד, און נאָכדעם דורכשנײַדן אף לױזשעס די קאָלאָסאלע ניט־אויסגעפאָרשטע מידבאָריעס פון דעם דאָזיקן אײַז־אינדזל. מע דארף באמערקן, אז אפילע צום מײַרעוו־ברעג (אויב דער העלדישער רײַזנדער וועט צוקומען צו אים אף לױזשעס) וועט דאָס אײַז צולאָזן די שיפן נאָר זומער־צײַט, אזוי אז אויב הער נאנסענען וועט אפילע געלינגען, וועט ער מוזן איבערווינטערן אין גרענלאנד".

— נו, דאָס איז שוין ניט וויכטיק! — האָט אמונדסען אויסגעשריִען. — אבי נאָר דערגרייכן דעם ציל.

— שווער צו זאָגן! — האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ איינער פון די שילער, — איך האָב גראָד ניט לאנג געלייענט וועגן ק ע נ ס עקספּעדיציע, וואָס האָט מיט א יאָר דרײַסיק צוריק פארבראכט 6 יאָר אפן מײַרעוו־ברעג פונעם אינדזל...

— צוליב וואָס? — האָט איבערגעשלאָגן איינער פונ די כאווירים.

— זי האָט שטודירט דעם שטייגער פונ די עסקימאָסנ, וואָס לעבנ דאָרטנ, מע האָט וועגנ זיי ביז דעמלט קימאט גאָרנישט ניט געוווסט. לויט ווי מע באשרייבט, קאָנ מענ פונ דאָרטנ אינ קיינ פאל ניט צוקומענ צום מיזרעכ־ברעג.

— ניטאָ אפ דער וועלט אזא זאכ, וואָס דער מענטש זאָל ניט קאָנענ דערגרייכנ! — האָט ראָאלד, אנ אָנגעכמורעטער, באמערקט.

— אָ, ס'רעדט זיכ אזוי! — האָבנ זיכ די שילער צעלאכט. — דאָס האָסטו אליינ פארפאסט?

— דאכט זיכ, אליינ. לעסאטע איז דאָס די פולע אויסגאבע פונ מייַנע ווערק, — האָט זיכ אמונדסענ אויכ צעשמייכלט. ער האָט זיכ אָפּגעזעגנט מיט זייַנע כאוויירים אונ איז אוועק אהיים.

מיט א קורצער צייַט צוריק האָט ער זיכ אייַנגעשאפנ א ספעציעלע געאָגראפישע ענציקלאָפעדיע, אונ ווענ ער איז גע-קומענ צו זיכ אינ צימער, האָט ער טייקעפ אופגעזוכט דאָס וואָרט „גרענלאנד". אלע זייַנע געדאנקענ זייַנענ איצט געווענ צוזאמענ מיטנ אומבאקאנטנ יונגנ געלערנטנ נאנסענ.

עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז גרענלאנד איז נאָכ ביז איצט קימאט ניט אויסגעפאָרשט אונ פארנעמט, ווי מע מיינט, א קאָלאָסאלנ שטעטכ. מע רעכנט, אז דער שטעטכ פונ גרענ־לאנד שטייַגט אריבער 2 מיליאָנ קוואדראט־קילאָמעטער, דה. ער איז אזוי גרויס, ווי עטלעכע אייראָפּייִשע מעלוכעס צוזאמענ גענומענ.

דעמ מיזרעכ־ברעג איז שווער אויסצופאָרשנ, האָט די ענ־ציקלאָפעדיע דערקלערט, ווייַל די קאלטע שטראָמענ לענגויס דעמ ברעג טראָגנ צו דאָרטעמ אנ אומגעהייערע מאסע דורכויסיקנ אייַז אונ אייַזבערג.

„איידער ער וועט קאָנענ גייַנ מיט ליזשעס דורכ גרענ-

לאנד, — האָט ראָאלד א טראכט געטאָן, — וועט נאנסען מוזן דורכשלאָגן זיך צום מיזרעך־ברעג איבער אָט דעם אײַז און איבער די אײַזבערג. פאר א שיף איז דאָס געוויס אומעגלעך. ווי זשע וועט ער דערגיין?"

— „אינעם יאָר 1869, — האָט אמונדסענ ווײַטער געלייענט, — איז אפ אויסצופאָרשן דעם אינדזל געשיקט געוואָרן א דײַטשי־שע עקספעדיציע אפ צוויי שיפן — „גערמאניא" און „האנזא"; די צוויי שיפן האָט דאָס אײַז צעקוועטשט אין סאמע אָנהייב פון דער עקספעדיציע. 14 מאן פון דער קאָמאנדע, אונטער קאפּיטאן העגעמאנס אָנפירונג, האָבן זיך אין מעשעך פון 237 טעג געטראָגן אפ א קריע, וואָס איז ביסלעכווייז געוואָרן אלץ קלענער און קלענער, און די מענטשן האָבן זיך שוין געגרייט צו א זיכערן טויט, ערשט די קריע האָט צופע־ליק צוגעשלאָגן צום דאָרעם־ברעג..."

און אָט אפ אָט דעם אינדזל מיט די קימאט ניט־צו־טריטלעכע ברעגן קלײַבט זיך דאָס נאנסען, — ער וויל אים אריבערגיין, איבערשנײַדן גאנצ גרענלאנד פון מיזרעך ביז מײַרעוו, אפ ליזשעס, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס א געוויינ־לעכער שפּאציר איבער נורמאריקן.

אָט אָן ווען מע האָט זיך געדארפט אָנשליסן!

אפ מאָרגן אינדערפרי, מיטן טערעץ, אז ער דארף נאָך פאר דער שול אריינגיין צו א קראנקן כאווער נעמען א בוך, איז ראָאלד ארויס פון שטוב פריער ווי געוויינלעך און האָט זיך געלאָזט לויפן צום צײַטונג־פארקויפער: צי איז ניטאָ קיין ווײַטערדיקע יעדיעס וועגן נאנסענס צוגרייטונגען צום ליזשע־מארש? פאראן! נאנסען זוכט באגלייטער...

ראָאלד האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט דערפילט, אז אים פעלט אויס אָטעם. א וואָרפ טאָן דעם איבערדריסיקן ראנעץ מיט די ביכער און העפטן, לאָזן זיך קיין בערגען, ווו נאנסען ארבעט, און זאָגן דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן מענטשן:

— קיין בעסערן באגלייטער וועט איר ניט געפינען!

ראָלד שפּאַנט ווײַטער, שטרויכלענדיק זיך, אָבער ער רײַסט ניט אָפּ די אויגן פֿון דער צײַטונג. אַך! נאַנסענן דאַרף האָבן באַגלייטער, וואָס קאָנען די פּאָליאַר־לענדער! אַמונדסען וועט זיך מוזן אומקערן אַהיים.

„עך, — טראַכט דאָס ייִנגל, — מע דאַרף ניט גלאַט פֿאַנטאַזירן. איך וואָלט סײַווי איבער דער מאַמען ניט געקאָנט אַוועקפֿאָרן...“

ווידער זײַנען אַוועק לאַנגע טעג, וואָכעדיקע אָוונטן, אָבער ראָאַלד האָט זיך איצט געפֿילט ווייניקער איינזאַם: ער האָט לויט די צײַטונגען און זשורנאַלן אויפֿמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך נאַנסענס אַלע צוגרייטונגען, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער נעמט אויך מיט עפּעס אָנטייל אין דער פֿאָרשטייענדיקער עקספּעדיציע, אַז ער האָט איצט עפּעס געמיינזאַמס מיטן יונגן געלערנטן פֿון בערגען.

„דאָס איז שוין ניט קיין לעגענדע, ניט קיין בוך, ניט קיין באַשרײַבונג, דאָס איז אַן עכטער מענטש, אַ לעבעדיקער מוסטער פֿאַר מיר,“ — טראַכט ראָאַלד, קוקנדיק קלוימערשט אינעם לערנבוך פֿון געאָמעטריע און לייענענדיק אַן אַרטיקל אינעם זשורנאַל, וואָס ליגט אונטערן לערנבוך. די מוטער זיצט אין איר געוויינלעכן פֿאָטעל באַם טיש און פֿרייט זיך, וואָס איר זון לערנט אַזוי פֿלײַסיק, און ראָאַלד בײַסט מיט כעס דעם בלײַפֿעדער, ווײַל דער מיטאַרבעטער פֿונעם זשורנאַל מאַכט כויזעק פֿון נאַנסענס „נאַרישן אײַנפֿאַל“ און זאָגט נעוויִעס, אַז נאַנסענן וועט טראַגיש דורכפֿאַלן.

— און מיר וועלן דאָך פֿאָרן! — שמייכלט דער יונגער באָכער צופֿאָכעסדיק, און די מוטער גיט פֿאַרוווּנדערט אַף אים אַ קוק.

— וואָס לאַכסטו, ראָאַלד? — פֿרעגט זי.

— כ'האָב זיך דערמאָנט אַ געשיכטע הײַנט אין קלאַס, — טראַכט ער אויס, רויט ווערנדיק, און גיט צו: — איך וועל דיר שפּעטער דערציילן, ווען איך וועל לייזן די אויפֿגאַבע.

די מוטער ווערט אנשוויגן, זי וויל אים ניט שטערן, און ראָאלד רוקט אָפּ דעם זשורנאל און קוקט אריַין אין דער היַינטיקער אָונט־ציַיטונג.

— הורא! פאראן די דריַי נייטיקע באגלייטער! דאָס איז דער קאפיטאן ס וו ע ר ד ר ו פּ, דער לייטענאנט ד י ט ר י ק ס ע נ און דער דאָרף־איַינוווינער ט ר אָ נ.

דעם יונגן באָכערס לעבן איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אינ־טערעס, און ער האָט נאָך פליַיסיקער אָנגעהויבן זיך פארנעמען מיט ספּאָרט — צו פארהארטעווען זיַין קערפּער, און מיט לייע־נען — צו באקומען די קענטעניש, וואָס א קומענדיקער פּאָליאר־פּאָרשער דארף האָבן.

די צאָל פון זיַינע „געהיימע כאוויירים" איז גרעסער געוואָרן: אכוץ נאנסען און זיַינע דריַי באגלייטער נאָרוועגער זיַינען אין דער עקספּעדיציע אריַינגעטראָטן צוויי לאפּלענדער, וואָס זיַינען געוווינט צו לעבן אפן איַיז. גערופן האָט מען זיי ב א ל ט אָ און ר אָ וו נ אָ. ראָאלד האָט אויסגעשניטן פון די זשורנאלן די פאָטאָגראפיעס פון די אָנטיילנעמער פונעם מארש און האָט זיי צוגעשפּיליעט צום טעפּיכל, וואָס איז געהאנגען איבער זיַין בעט.

אין אפּרעל 1889 יאָר איז פריטיאָף נאנסען מיט זיַינע רײַזע־כאוויירים ארויסגעפאָרן פון נאָרוועגיע, און אין אָקטיא־בער פון זעלבן יאָר האָט ראָאלד איבערגעלייענט אין א פרי־מאָרגן־ציַיטונג א יעדיע פונעם שטעטל גאָטהאָב, וואָס געפינט זיך אפן מיַירעוו־ברעג גרענלאנד, אז אהינצו איז אין פולן באשטאנד אָנגעקומען נאנסענס לױזשע־עקספּעדיציע, זי איז ארי־בער די איַיז־מידבאָריעס פון גרענלאנד און האָט צונויפגעזאמלט וועגן דעם דאָזיקן ניט־אויסגעפאָרשטן אינדזל א קאָלאָסאלן וויסנשאפטלעכן מאטעריאל.

ראָאלד איז געגאנגען אין שול, און טרערן זיַינען גערונען פון זיַינע אויגן. ס'האָט זיך געוואָלט שריַיען אָדער זינגען פון פרייד. ס'איז געווען מאָדנע צוצוזען, ווי דער פורמאן זיצט

אף דער קעלניע און פּיפּקעט זיך רויִק, וואַרטנדיק אַף אַ פּאַ־סאַזשיר, פּונקט ווי ס׳וואָלט גאָרנישט ניט פאָרגעקומען אין דער וועלט.

אין אַ האַלב יאָר־ אַרום, ווען ס׳איז ווידער געקומען דער פרילינג, און אַ שיף האָט געקאָנט צוקומען צו מײַרעוו־גרענלאַנד, קעדיי אַרויסצופירן נאַנסענען און זײַנע באַגלייטער פון גאָטהאָב, האָט ראָאַלד איבערגעלעבט פיבערהאַפטע טעג פון דערוואַרטונג און היספּײַלעס. ער האָט באַשלאָסן באַגריסן נאַנסענען אין יאַם, אַרויספאָרנדיק וואָס מעגלעך ווײַטער אים אַנטקעגן. ראָאַלדן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נאָר ער וואַרט אַזוי אומגעדולדיק אַפן העלדס צוריק־קער, און פאַרן שלאָף, קוקנדיק אין שפּיגל, האָט ער אַנטפּלעקט פאַר זײַן אָפּשפּיג־לונג דעם געהיימען טרוים זײַנעם — דריקן נאַנסענען די האַנט. דער „כעווערמאַן״ אין שפּיגל האָט באַוויליקט די דאָזיקע דרייסטע אונטערנעמונג.

אָבער אומגעדולדיק זײַנען אין נאָרוועגיע געווען צענדלי־קער טויזנטער. זיי האָבן ניט נאָר פאַרפלייצט אַלע גאַסן און דעם ברעג, וואָס זײַנען געווען באַפּוצט מיט פלאַגן און מיט די איניציאַלן „פ. נ.״, זיי האָבן אויך באַוויזן אַף אַ סאַך דאַמ־פּערס באַגעגענען דעם דרייסטן רײַזנדער אין יאַם אַ סאַך פריִער, איידער דאָס האָט זיך אײַנגעגעבן אַמונדסענען מיט זײַנע כאַווײרים שילער אַף זייער זעגלשיפל.

דריקן נאַנסענען די האַנט איז ראָאַלדן יענעם טאָג אויך ניט אויסגעקומען. טויזנטער מענטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם העלד, האָבן אים הויך געגריסט, האָבן געזונגען לידער לעקאָוועד אים. אַמונדסען האָט נאָר געקאָנט, פאַרבײַסנדיק די ליפּן, די כאַווײרים זאָלן ניט באַמערקן זײַן אויפרעגונג, איבערכאַזערן פאַר זיך די ווערטער, וואָס די שילער וואָלטן קוים פאַרשטאַ־נען, ווען זיי וואָלטן דאָס דערהערט:

— יאָ, יאָ... אַ לעבעדיקער בײַשפּיל!

ראָאַלדן איז דעמלט געווען זיבעצן יאָר.

א סטודענט א מעדיקער

געענדיקט די מיטלשול, האָט אמונדסענ אָנגעגעבנ א מעלדונג אינ אוניווערסיטעט, אפנ מעדיצינישנ פאקולטעט.

— ס'מאכט ניט אויס, — האָט ער זיכ געטרייסט, — די קענטענישנ פונ א דאָקטער קאָנענ אויכ אמאָל צוניצ קומענ אינ די געפארפולע באדינגונגענ פונ פּאָליאר־עקספּעדיציעס.

נעמענדיק אינ אכט, אז שפּעטער וועט אימ אויסקומענ האָבנ צו טאָנ ניט נאָר מיט לאנדסלייט אליינ, נאָר אויכ מיט געלערנטע אונ מאטראָסנ פונ אנדערע נאציאָנאליטעטנ, האָט זיכ ראָאלד געסטארעט באגלייכ מיטנ לערנענ מעדיצינ שטודירנ אויכ פרעמדע שפּראכנ... אינ זיינע „טאָג־פּלענער" האָבנ זיכ אלצ אָפטער אָנגעהייבנ באווייזנ די ווערטער: „ענגליש", „דייטש", „פראנצויזיש".

איינמאָל זיינענ צו אמונדסענענ געקומענ צוויי כאווערימ סטודענטנ לערנענ צוזאמענ אנאטאָמיע. איינער פונ זיי האָט זיכ צוגעוועצט מיט זיינע ביכלעכ צו ראָאלדס שרייבטיש אונ האָט געווענדט זיינ בליק אפנ אטלאס, אפ די קארטעס, אפ די קעפּלעכ פונ די ווערק וועגנ פּאָליאר־עקספּעדיציעס אונ האָט א פארוווּנדערטער א פרעג געטאָנ:

— אמונדסענ, איר קלייבט זיכ ניט ווערנ א דאָקטער צווישנ די ווייסע בערנ?

ראָאלדנ איז געווענ אזוי שטארק פארדראָסיק, וואָס ער

האָט געמוזט אויסבאהאלטן פון אַלעמען זײַנע בעסטע טרוימען און האָפענונגען, ס׳האָט אים אזוי דערעסן איבערצולעבן אין שטענדיקער איינזאמקייט די געפילן, וואָס זײַנען געוואָרן דער הויפּט־אינהאלט פון זײַן לעבן, אז ער האָט שיר ניט אויסגע־זאָגט די כאוויירים דעם עמעס. ער האָט זיך שוין געוואָלט מוי־דע זײַן, אז ער איז געצווונגען צו שפּילן די ראָליע פון „א דאָקטער איבערגוואלד״, און אינדערעמעסן גרייט ער זיך גאָר צו אן אנדער לעבנס־וועג, אָבער אין דעם מאָמענט איז אין צימער ארײַן די מוטער און האָט פאָרגעלייגט די סטודענטן קאווע.

די פראגע וועגן די „ווײַסע בערן״ איז אזויארום פאריבן געוואָרן, און אין אָוונט, דערמאָנענדיק זיך, ווי שטענדיק פארן שלאָפן, אלץ, וואָס איז פאָרגעקומען פארן טאָג, האָט זיך ראָאלד רעכט אויסגעזידלט פאר דער כאראקטערלאָזיקײַט, וואָס ער האָט שיר ניט ארויסגעוויזן. „קענען שווײַגן״ — דאָס האָט ער געהאלטן פאר איינער פון די וויכטיקסטע אייגנ־שאפטן פון א מענטשן, וואָס האָט פארטראכט א גרויסע ארבעט.

דער בעסטער מוסטער פאר ראָאלדן אין די דאָזיקע לאנגע „מעדיצינישע יאָרן״, ווי ער פלעגט זיי שפּעטער אָנרופן, איז געווען, ווי פריִער, נאנסען. נאָך זײַן בארימטן מארש אף לי־זשעס דורכ דער „אײַז-סאהארע״, ווי עמעצער האָט אין שפּאס געשריבן וועגן דעם וויסטן גרענלאנד, איז נאנסען אנשוויגן געוואָרן. ניט וועגן דעם און ניט וועגן זײַנע פלענער האָט מען גאָרנישט געהערט. ראָאלד פלעגט אומזיסט איבערבלעטערן שיר ניט אלע צײַטונגען און זשורנאלן אין דער ביבליִאָטעק; וואָס אָט דער מערקווירדיקער מענטש קלײַבט זיך איצט צו טאָן — ווייסט מען ניט. נאָר בא זיך האָט אמונדסען ניט גע־צווייפלט, אז אין דער שטיל גרייט זיך נאנסען צו עפּעס א נײַעם העלדנטאט, מיט וועלכן עס וועט ווידער קלינגען די גאנצע וועלט.

און ראָאלד האָט קיין טאָעס ניט געהאט.

ווענ ער האָט ענדלעכ דורכגעלייענט די ערשטע ידיִע וועגנ נאַנסענס נײַע פּלענער, האָט ער זיכ נאָר געוווּנדערט, וואָס ער האָט פריִער ניט געטראָפנ נאַנסענס געניִאַלנ געדאַנק — דערגרייכנ דעמ צאָפנ־פּאָליוס ניט גייענדיק קעגנ דעמ אײַז, נאָר צוזאַמענ מיטנ אײַז.

אינ דעמ פּראַט האָט נאַנסענ אַגעוו געהאַט ניט קיינ מאַזל־דיקנ פאָרגייער — דע־לאָנג. אפ א קליינער שיפ „זשאַנעט" האָט דע־לאָנג געוואָלט דורכשווימענ דעמ צאָפנדיקנ אײַז־אָקעאַנ, אַזוי צו זאָגנ, „מיטנ שטראָמ". וויסנדיק, אַז בא די ברעגנ פונ גרענלאַנד געפינט מענ אָפט שטאַמענ אָדער צווײַגנ פונ ביי־מער, וואָס וואַקסנ אינ סיביר, האָט ער געוואָלט דורכמאַכנ אפ זײַנ שיפ דעמ זעלבנ וועג, וואָס די דאָזיקעביימער מאַכנ דורכ: פונ די ברעגנ פונ מיזרעכ־סיביר דורכנ צאָפנ־פּאָליוס צו די ברעגנ פונ מײַרעוו־גרענלאַנד.

איינ זאַכ האָט דער דאָזיקער רײַזנדער ניט פאָרויסגעזענ — דאָס אײַז.

דאָס אײַז האָט ארײַנגענומענ „זשאַנעט" אינ קלעמ נאָכ בא די ברעגנ פונ סיביר, האָט צעקוועטשט, צעברעקלט די שיפ, און נאָר די ברוכשטיקער אירע האָבנ דורכגעמאַכט דעמ וועג, וועגנ וועלכנ דע־לאָנג האָט געטרוימט, און נאָר זיי זײַנענ צו־געשוואומענ צו גרענלאַנד. נאָכ גוט, וואָס די מענטשנ האָבנ באַוויזנ צו ראַטעווענ זיכ, — זיי האָבנ באַצײַטנס פאַרלאָזט די שיפ און זײַנענ אריבער אפנ אײַז. די ברוכשטיקער פונ „זשאַנעט" זײַנענ געווענ אפנ צאָפנ־פּאָליוס, אָבער ליידער האָבנ זיי די מענטשנ גאָרנישט ניט געקאָנט דערציילנ וועגנ אימ.

איינ נאַנסענ האָבנ זיי עפּעס יאָ דערציילט. אינ דער צײַטונג־ידיִע, וועלכע ראָאַלד האָט גיריק געשלונגענ, איז דער־מאָנט געוואָרנ, אַז פריטיאָפ נאַנסענ בויט שוינ א שיפ, וואָס דאַרפ אימ ברענגענ צומ צאָפנ־פּאָליוס.

דער דעק פונ דער שיפ וועט זײַנ ענלעכ אפ דער שאָלעכצ פונ א נוס. אויב די אײַז־קריִעס וועלנ צונויפדריקנ די שיפ פונ

פארשיידענע זײַטנ, וועלנ זיי די שיפ ניט צעקוועטשנ, זיי וועלנ זי נאָר אופהייבנ אינ דער הייכ. אזוי־ארום וועט די שיפ אינ ערגסטנ פאל אוועקשווימענ צום פּאָליוס „רײַטנדיק אפ א קריזע".

„דאָס איז ניט נאָר קיינ העלדישער, נאָר אויכ א קלוגער מענטש! — האָט ראָאלד געטראכט וועגנ זײַנ ליבנ העלד מיט אנציקונג. — זײַנ שיפ וועט ניט אומזיסט טראָגנ דעם שטאָלצנ נאָמענ „פראם" („פאָרויס"): דאָס איז ניט נאָר א נאָמענ פונ א שיפ, דאָס איז א רופ פאר דער מענטשהײַט. פאָרויס צו אנטדעקונגענ, צו אויספאָרשונגענ, צו אָפּנעמענ בא דער נאטור אירע גרעסטע געהיימענישנ!"

און ווידעראמאָל, ווי דעמלט, ווענ נאנסענ איז דורכגעגאנגענ דורכ גרענלאנד, האָט זיכ אמונדסענ אינ געדאנק ניט געשיידט מיט אים. אָט זיצט ער אינ דער אאודיטאָריע אונ קוקט אפנ לעקטאָר, נאָכדעמ קוקט ער זיכ אײַנ ניט וויניקער אופמערקזאמ אינ די כימישע פאָרמולעס, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעשריבנ אפנ טאָוול, אָדער אינ דעמ פרעפּאראט, וואָס דער פיזיאָלאָג דעמאָנסטרירט פאר די סטודענטנ, נאָר אינדערעמעסנ זײַנענ זײַנע געדאנקענ גאָר־גאָר ווײַט...

זײַנע געדאנקענ זײַנענ ערגעץ אינ דער לאָנדאָנער געאָגראפישער געזעלשאפט. די צײַטונג, וואָס ער האָט איבערגעלייענט אינ דער פאוזע צווישנ די לעקציעס, האָט מיטגעטיילט, אז דאָקטאָר נאנסענ האָט געהאלטנ אינ דער לאָנדאָנער געאָגראפישער געזעלשאפט א פאָרטראָג וועגנ דער געפלאנטער רײַזע צום פאָליוס.

„מאָרגנ, — טראכט ראָאלד מיט אומגעדולד, — דארפ זײַנ א באריכט וועגנ די דעבאטנ. וואָס וועלנ אָקאָרשט זאָגנ די ענגלישע געלערנטע אונ פאָליאר־פאָרשער וועגנ אונדזער פריטיאָפס פלענער?"

דער מאָרגעדיקער טאָג ברענגט אנ אנטוישונג. די ענגלענדער אָנערקענענ טאקע די דרייסטקײַט אונ דעמ שארפזינ פונ דעמ יונגנ געלערנטנ, זיי האלטנ אָבער זײַנ פלאנ פאר

האָפּענונגלאָז. ראָאַלד האָט זיך די גאַנצע נאַכט געדרייט אין בעט פון איין זייט אף דער אַנדערער. ער האָט געוואָלט אופ־שטיין, אָנטאָן זיך, טייקעף פאָרן צו נאַנסענען בעטן אים, ער זאָל ניט פאָלגן די פאַכדאָנעסדיקע ענגלענדער...

אינגיכן האָט זיך ראָאַלד דערוווּסט, אַז די שיף איז שוין אופגעבויט, און „פראַם" דאַרף אָפּשווימען פון נאָרוועגיע אין אָקעאַן אין א שטרענג-באַשטימטן טערמין.

יענעם טאָג האָט דער יונגער סטודענט א מעדיקער אַמונדסען מיט אומגעהייערן פלײַס געשניטן א גרויסן בלויען טויטן קער־פער פון עפּעס א שיקער אינעם אַנאַטאָמישן טעאַטער פון אוניווערסיטעט, און באַנאַכט איז ער געשלאָפן רויִק און פעסט.

איין זאַך האָט באַומרויִקט דעם יונגן באָכער: זײַן מוטער האָט אָנגעהויבן אויסגיין, ווי א ליכט. ראָאַלד האָט זיך גע־ווענדעט צו א באַקאַנטן דאָקטער. יענער האָט אויסגעהאָרכט די אויסגעצערטע פרוי, האָט פאַרשריבן פּראָשקעס, אָבער קיין שום באַשטימטעס ניט געזאָגט.

פאַרן זון איז דער מוטערס קרענקלעכער צושטאַנד, אפּאָנעם, געווען פאַרשטענדלעכער, איידער פאַרן געניטן דאָקטער. פון שטענדיקער בענקשאַפט און פון ניט האָבן קיין פעסטע לעבנס־אינטערעסן זײַנען אירע קויכעס ביסלעכווײַז אויסגעגאַנגען, און קאָמפּענסירן עס איז ניט געווען מיט וואָס: דאָ האָט מען באַ־דאַרפט האָבן רעצעפּטן ניט פון אַפּטייק, נאָר רעצעפּטן פאַר דער נעשאָמע. און אין געגעבענעם פאַל האָט אַזא רעצעפּט קיינער ניט געקאָנט פאַרשרײַבן.

אַנדערשמאָל, זיצנדיק לעבן דער קראַנקער מוטער, וואָס קוקט אף אים מיט טרויער, האָט ראָאַלד געטראַכט, צי זאָל ער איר ניט מיטאַמאָל זאָגן דעם גאַנצן עמעס וועגן די גרויסע און ליכטיקע מײַסים, וואָס ער האָט אָנגעמערקט פאַר זיך און וועלכע וועלן אויך איר נאָמען מאַכן אומשטערבלעך? אַך, דערציילן מיט אַזוינע נײַע וווּנדערבאַרע ווערטער, וואָס זאָלן אויך אין אירע אַלטע, טונקל-ווערנדיקע שוואַרצאַפּלען אָנצינדן א פײַער

פון ליכטיקער האָפענונג, פון מעכטיקער פרייד, פון טיטאַנישער קראַפט, דאָס זעלבע פייער, מיט וועלכן עס ברענט אין די נעכט ראָאַלדס געדאַנק, זיין האַרץ, זיין גאַנץ וועזן!

אָבער דער סטודענט האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין פאַרלאַנג קאָן ניט מעקוים ווערן. אין דער מוטערס טרויעריקע אויגן וועט זיך גאָרנישט ניט אָנצינדן, זיי וועלן נאָך מער פאַרטונקלט ווערן, זיי וועלן זיך אָנגיסן מיט ביטערע טרערן, אויב די אויסגעמוטשעטע פרוי וועט זיך דערוויסן, אַז אַלע אירע טרוי־מען וועגן איר זונס צוקונפט זיינען אַ כאָלעם, אַז ער וועט קיינמאָל ניט זיין קיין בעקאָוועדיקער דאָקטער ערגעץ אין אַ קליין רויִק שטעטל, נאָר וועט זיין אַ וויקינג, אַן אַוואַנטיוריסט, אַ וואַגאַבונד אויפן יאַם, וועט זיין איינער פון די, וואָס שטאַרבט ניט אויף זיין אייגענעם געלעגער, אַרומגערינגלט פון דער ליי־בער פאַמיליע, נאָר ווערט פאַרשוווּנדן אין די טיפן פונעם אָקעאַן — שטיל און אומבאַוווּסט ווו... אָ, ווי גרויס וואָלט גע־ווען דער גרויל פון דער מוטער, ווען זי וואָלט כאָטש אויף איין מאָמענט אָנשטויסן זיך וועגן וואָס עס טראַכט איר ייִנגל, האַלטנדיק אין זיינע פעסטע הענט איר אויסגעמאָגערטע האַנט!

איינגיכן איז דער מוטער בעסער געוואָרן, און ראָאַלד האָט זיך באַרויִקט; אין שטוב האָט זיך ווידער געלאָזט הערן איר שטילע פאָרען זיך אַרום דער באַלעבאַטישקייט, און דער יונגער באָכער האָט זיך ווידער גענומען צו זיין געוויינלעכער אַרבעט, צו דער אָפענער און צו דער פאַרבאָרגענער.

אָבער אומזיסט האָט ער זיך געהאַט באַרויִקט. די מוטער, וואָס פלעגט אים געוויינלעך געבן אינדערפרי פרישטיק פאַרן אַוועקגיין אין אוניווערסיטעט, איז איינמאָל ניט אַרויס אין עסצימער. ווען ראָאַלד איז אַריין אין איר שלאָפצימער, האָט ער זיך דערשראָקן: פאַר איין נאַכט איז די קראַנקע פרוי אַזוי בלאַס געוואָרן און אַזוי אַראָפּ פון פּאָנעם. דער זון האָט זיך ווידער געלאָזט נאָכן דאָקטער.

נאָכנ אויסהאָרכנ די קראנקע איז דער דאָקטער ארײַנ אינ עסצימער אונ האָט געזאָגט צו אמונדסענענ:

— דאָס מאָל קאָנ איכ אײַכ זאָגנ א מער קלאָרע, אָבער, צומ באַדויערנ, זייער ניט קיינ היימלעכע ידיִע, יונגערמאנ: מע דארפ ארויסרופנ די איבעריקע קינדער!

פרוּוונדיק אײַנהאלטנ די טרערנ, האָט ראָאלד מיט געוואלד צונויפגעדריקט די וויִעס. דעמ זעלבנ טאָג האָט ער געשיקט די ברידער א דעפּעש. זיי האָבנ נאָכ ניט באַוויזנ צונויפצוקומענ זיכ קיינ קריסטיאניע, ווי די מוטער איז געשטאָרבנ.

א סאָלדאַט

אין דער קאַנצעלאַריע פֿון אוניווערסיטעט איז אָנגעקומען א מעלדונג פֿון דעם סטודענט דעם מעדיקער פֿון דריטן קורס ראָאלד אמונדסען וועגן אומקערן אים די דאָקומענטן, ווײַל ער האָט בעדייע פֿאַרלאָזן דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט.

ראָאלדן איז געוואָרן 21 יאָר, און, אַרויסטרעטנדיק פֿון אוניווערסיטעט, האָט ער זיך באַדאַרפֿט טייקעף שטעלן צום פּריזיוו. קיינע באַזונדערע אומאָנגענעמלעכקײַטן וועט דאָס ניט פֿאַרשאַפֿן, ווײַל די מיליטער־דינסט אין נאָרוועגיע האָט דעמלט געדויערט ניט מער ווי עטלעכע וואָכן. אָבער דער גרעסטער טייל יונגעלײַט פֿלעגט דאָך גיין אָן כיישעק.

— מע וועט מיך אָפּרײַסן פֿון דער שטענדיקער אַרבעט, מע וועט מיך צווינגען פֿאַטערן צײַט אויף דער מושטרירונג, וואָס קיינער דאַרף דאָס ניט האָבן, און ביכלאַל זאָל עס נעמען דער טײַוול, אָט די מיליטער־פֿליכט! — האָט זיך מיט פֿאַרדראָס געקלאָגט פֿאַר אמונדסענען א כאַווער זײַנער, וואָס מע האָט אויך אַרויסגערופֿן אין דער מיליטער־קאָמיסיע אונטערזוכן אים.

אמונדסען, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט זײַן כאַווער אויסגעטאָן אין עם אופֿנעם־צימער, האָט פֿריילעך א שמייכל געטאָן.

— וואָס פֿרייסטו זיך אײַגנטלעך אַזוי? — האָט אים מיט קאַס געפֿרעגט דער כאַווער זײַנער, וואָס האָט זיך נאָרוואָס באַקלאָגט.

— איך פריי זיך גראָד, וואָס איך וועל אָפּזײַן א געוויסע צײַט א סאָלדאט.

— דערמיט, וואָס מע וועט דיך גאַנצע טעג מושטרירן אין רײ, טרײַבן אַף גימנאַסטיק, צווינגען צו שלאָפּן אַף דער הוילער ערד ערגעץ־ווו אַף די מאַנעווערס?

— אָט־אָט, טאַקע דערפאַר. אָט דאָס וואָלט איך טאַקע וועלן. מיר זײַנען שוין צופיל צעפּיעשטשעט אין אונדזערע צימערן און אַף אונדזערע בעטן.

— יאָ, איך זע, אַז דו האָסט זיך שוין אפילע אָנגע־שטעקט מיט... סאָלדאַטישן גײַסט.

— נו, איז וואָס, א גוטער סאָלדאַט דאַרף טאַקע האָבן א גײַסט פון א סאָלדאַט! דאָס באַטײַט אויסדויער, פעסטקײַט, דיסציפּלין.

— דעמלט ווינטש איך דיר פון גאַנצן האַרצן, מע זאָל דיך צונעמען, און מיך זאָל מען אויסבראַקירן.

— דאָס וואָלט געווען גרויסאַרטיק אין אַלע הינזיכטן, — האָט איצט שוין ערנסט געזאָגט אַמונדסען, — איך האָב נאָר מוירע, עס זאָל ניט זײַן פאַרקערט.

— פאַרוואָס עפּעס?

— ווײַל אַף וויפל איך ווייס, האָסטו זייער א גוטע ריע, און מײַן ריע טויג אַף צאָרעס.

— בעעמעס? פאַרוואָס זשע טראָגסטו ניט קיין ברילן?

— דער דאָקטער האָט מיר שוין לאַנג פאַרשריבן ברילן. נאָר איך לייג אַלץ אָפּ. מיט ברילן זעט מען טאַקע בעסער, איך בין אָבער זיכער, אַז זיי מאַכן אָרגאַניש קאַליע די אויגן.

— הייסט עס, דו האָסט מוירע, מע זאָל דיך אויסבראַקירן איבער דײַנע אויגן?

— כ'האָב מוירע. אויב די דאָקטוירים וועלן אכט לייגן אַף מײַנע אויגן, וועל איך נאָר פונדערווײַטן מוזן אָנקוקן, ווי דו וועסט מאַרשירן אין רײ.

— דיר האָט זיך, אַפּאָנעם, פאַרוואָלט באָקס, ראָאַלד?

— איך האָב נישט קענען, — האָט אַמונדסענ פרײַנטלעך דערקלערט, — אָבער זע, אַז... אָט!

און ער האָט אָנגעשפּאַנט די רעכטע האַנט, אַז װעלכער עס האָט אָנגעקװאָלן אַ גרױסער שטײַפער אָװאַל מוסקול. אין דעם מאָמענט האָט זיך אין טיר באַװיזן אַ באַאַמטער פון דער קאָמיסיע און האָט אױסגעלײענט פון אַ פּאַפּיר:

— אַמונדסענ ראָאַלד.

באַם טיש איז געזעסן אַ קאָמיסיע פון דאָקטױרים: אַ באַיאָרנטער דאָקטער מיט זײַנע יינגערע אַסיסטענטן. זײ האָבן געשטעלט ראָאַלדן עטלעכע פראַגן. דער עלטסטער דאָקטער איז צוגעגאַנגען צו אים, און ס'איז קאָנטיק געװען, אַז ער האָט זיך טײקעף פאַרינטערעסירט מיט דעם יונגנמאַנס מוסקולאַטור.

דער אַלטער האָט אַ טאַפּ געטאָן די ביצעפּסן, די מוסקולן פון די פּיס און האָט צוגערופן אײנעם פון די אַסיסטענטן:

— גיט אַ טאַפּ. און איר, יונגערמאַן, דערצײלט אונדז, װיאַזױ האָט איר אָנגעלעבט אַזאַ רײַכטום? דעם עמעס גערעדט, האָב איך שױן לאַנג ניט געזען אַזאַ קאָמפּלעקציע.

ראָאַלדן האָט עס האַנאָע געטאָן, און ער האָט אָנגעהױבן דערצײלן, װיאַזױ ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פיזישע איבונגען, מיט ספּאָרט. דער עלטסטער דאָקטער האָט גוטמוטיק געשמײכלט און צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— װאַרט נאָר, װאַרט, — האָט ער פלוצלינג געזאָגט, באַמערקנדיק, אַז ראָאַלד האַלט די אונטערזוכונג פאַר געענדיקט, — איך װיל אײַך נאָך עמעצן װײַזן.

דער דאָקטער איז אַװעק אין דערבײַיקן צימער און האָט פון דאָרטן אַרױסגערופן עטלעכע אָפיצערן.

— גיט נאָר אַ קוק אױף דעם װוּנדער! — האָט ער זיך באַרימט מיט אַמונדסענען, װי אַ סױכער, װאָס באַװײַזט זײַן בעסטע סכױרע, — הערן אָפיצערן, איר װאָלט װעלן האָבן עטלעכע פּאָלקן אַזעלכע יונגען?

— יאָ, קימאַט אַ פולקומער קערפּער־בוי, — האָט איינער פון די אָפיצערן געענטפערט.

די, וואָס האָבן אים אונטערגעזוכט, זײַנען געווען אַזוי פאַרטאָן, אַז זיי האָבן גאָר ניט באַמערקט, אַז דער יונגערמאַן איז רויט, ווי אַ בוריעק, און איז גרייט באַגראָבן זיך אין דער ערד פאַר זייערע ליבגעזאַנגען. זײַענדיק געווינט צו טראַכטן וועגן זײַן אויסערלעכקײַט מער ווי באַשיידן, איז ער אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין אויסערסטער פאַרלעגנהײַט פון דער דאָזיקער אונטערזוכונג.

— נו, גייט, טוט זיך אָן, — האָט אים דער דאָקטער צערטלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער נאַקעטער פּלייצע. — אַזאַ סאָלדאַט וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, ניט אײַנלאָזן.

אַמונדסען האָט פרײַער אָפּגעעטעמט און האָט זיך געלאָזט אין אויפנעם־צימער, וווּ זײַנע קליידער זײַנען געלעגן. ערשט באַם אָנטאָן זיך האָט ער זיך פריילעך צעלאַכט:

— אָט אַ מאַזל! וועגן מײַנע אויגן האָבן זיי גאָר פאַרגעסן.

ווירקלעך, די דאָקטוירים האָבן פאַרגעסן אים דורכקאָנטראָלירן די ריִע.

ראָאַלד איז געוואָרן אַ סאָלדאַט.

אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָט דער ראָטע־קאָמאַנדיר דערציילט אין אָפיצערן־קלוב די אָפיצערן פון זײַן פּאָלק:

— אַ וווּנדערבאַרער באָכער פאַראַן בא מיר אין ראָטע. איינער אַן אַמונדסען.

— מיט וואָס איז ער ווונדערבאַר? — האָט געפרעגט אַ גראָלעכער קאַפּיטאַן, פּיפּקענדיק די ליולקע.

— אָט מיט וואָס. איר, קאַפּיטאַן, האָט ניט איין מאָל געזאָגט, אַז די ערגסטע סאָלדאַטן זײַנען...

— סטודענטן! — האָט דער קאַפּיטאַן קאַטעגאָריש איבערגעשלאָגן. — אין אוניווערסיטעט שטעקן זיי זיך אָן מיט פאַרשיידענע „פרײַע געדאַנקען”, און נאָכדעם טרעטן זיי צו

די מיליטערישע לימודימ מיט אנ איראָנישנ שמייכל אפ די ליפּנ.

— אָט־אָט. אונ דאָ, שטעלט אײַך פאָר, האָב איך א סטודענט א מעדיקער, זייער אנ ערנסטנ אונ אָנגעלייענטנ יונגערמאנ, אונ אינ דער זעלבער צײַט איז ער דער סאמע דיסציפּלינירטער רעקרוט.

אינ א געוויסער צײַט ארומ איז פאָרגעקומענ אזא פאל. ראָאלד איז באשטימט געוואָרנ אלס וואכמאנ צו היטנ א סקלאד מיט געווער. זײַנ פליכט איז באשטאנענ דערינ, וואָס ער האָט געדארפט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, ארומגיינ מיט דער ביקס אפ דער פּלייצע לענגויס דעמ פאסאד פונ א קליינער געבײַדע, היטנדיק די צוגענג צו דער געבײַדע פונביידע זײַטנ.

פלוצלינג האָט ער דערפילט, אז עפּעס שארפס האָט זיך ווייטעקדיק ארײַנגעשטאָכנ אימ אינ פּיאטע. ער האָט זיך דערמאָנט, אז די סאָלדאטנ האָבנ זיך שוינ עטלעכע מאָל באַקלאָגט אפ דער לעצטער פּארטיע שטיוול, אונ האָט פארשטאנענ, אז דאָס שטעכט אימ א טשוואָק פונ אָפּצאַס.

מיט יעדנ טראָט איז דער ווייטעק געוואָרנ שטארקער, אונ אָפּשטעלנ זיך אונ אראָפּנעמענ דעמ שטיוול וואָלט געהייסנ ברעכנ דעמ סטאטוט פונ דינסט.

גיינ אפ די ציפּקעס? דאָס פּאסט ניט פאר א נאָרוועגישנ סאָלדאט. אמונדסענ האָט באשלאָסנ:

— נאָכ בעסער! א פּאָליארישער „אוואנטיוריסט" דארפ קענענ אריבערטראָגנ ווייטעק.

אונ ערשט ווענ ס'איז געקומענ די צײַט אונ מע האָט אימ אראָפּגענומענ פונ פּאָסט, איז ראָאלד אוועקגעהונקענ אפ איינ פוס אינ קאזארמע, ווײַל אפ דער געשוואָלענער אונ אָנגעריבענער פּיאטע האָט מענ ניט געקאָנט מאכנ קיינ טריט.

דער ראָטע־קאָמאנדיר, וואָס ראָאלד איז אימ שטארק געפעלנ, האָט איינמאָל אינ פרײַער צײַט פארפירט א שמועס מיט זײַנ אונטערגעאָרדנטנ:

— פארשטייט זיך, איך בין זייער צופרידן פון אייער פלייס, אמונדסען, איך וואָלט אָבער וועלן וויסן — וואָס באַוועגט אייך, אייגנטלעך, דערצו?

איצט האָט שוין ראָאַלד ניט געהאַט וואָס צו פאַרבאָרגן זיינע עמעסע פּלענער און האָפענונגען, און ער האָט דעם אָפּיצער געענטפערט:

— פאַרשטייט איר מיך, איך מיין, אַז איך וועל ניט שטענדיק זיין אַן אונטערגעאָרדנטער. מעגלעך, אַז ס'וועט מיר אויסקומען צו ווערן אַ קאָמאַנדיר. און קעדיי צו לערנען אַנדערע דיסציפּלין, דאַרף מען זיך פריִער פאַר אַלץ אַליין אויסלערנען.

— ווערן אַ קאָמאַנדיר? ווילט איר דען בלייבן אינעם מיליטער?

— ניין, איך וויל ווערן אַ שיפס־מאַן.

— אָבער געוויס אינעם קריגס־פלאָט? דינען אינעם קיניגלעכן פלאָט?

— ניין.

— אין האַנדלס־פלאָט?

— אויך ניט.

— פאַרשטיי איך שוין גאָרניט. דערקלערט מיר, אַמונדסען, וואָס באַטייט עס?

צי ווייל ער האָט צו לאַנג געשוויגן, צי ווייל ער האָט אינעם דאָזיקן פרעמדן מענטשן דערפילט אַ טיפע און אופריכטיקע סימפּאַטיע צו זיך, נאָר ראָאַלד האָט אים דערציילט אַלץ וועגן וואָס ער האָט יאָרנלאַנג געשוויגן.

ס'איז געווען אָנהייב דעקאַבער. דער פּראָסטיקער שנייִקער אָוונט, פינקלענדיק מיט ווייטע נעפּלדיקע פייערן, האָט זיך אַזוי ווי צוגעהערט צו דער שטים פונעם יונגן סאָלדאַט, וואָס האָט אַנטפּלעקט פאַרן קאָמאַנדיר אַן אומבאַקאַנטע וועלט פון אייזבערג, פון טאָראָסן, פון אָקעאַנישע קאָלאָסן און אייז־מידבאָריעס...

דער קאָמאנדיר האָט געהערט מיט אנ אינטערעס, מיט וועלכנ ראָאלד האָט אימ אומבאמערקט אָנגעשטעקט. ראָאלדנ איז פּלוצלינג געוואָרנ אומבאקוועמ פונ אזא אומגעוויינלעכער אָפּנהארציקײט, אונ ער איז אנשוויגנ געוואָרנ אונ האָט שע־מעוודיק אראָפּגעלאָזט די אויגנ. האָט זיכ זײַנ שעף גוטמוטיק צעלאכט אונ פעסט אימ געדריקט די האנט.

— איכ גלייב, אז איר וועט אײַער ציל דערגרייכנ, אמונד־סענ; האָט ניט מוירע, וואָס איר זײַט געוואָרנ אזוי באריידעוו־דיק: דאָס זײַנענ ניט קיינ ווערטער, נאָר מײַסים.

ראָאלד האָט אופגעליכטנ: קיינ גרעסערנ לויב האָט ער ניט געקאָנט דערוואַרטנ פונ א מענטשנ, וואָס איז צומ ערשטנ מאָל געקומענ מיט אימ אינ באריִרונג. נאָכנ געזעגענענ זיכ האָט דער שעף ווידער אָפּגעשטעלט אמונדסענענ:

— הערט נאָר, מײַנ פרײַנט, אינ עטלעכע טעג ארומ ענדיקט זיכ אײַער דינסט. איכ וויל אײַכ אָנווײַזנ אפ א היפּשנ אײַז־מידבער ניט ווײַט פונ אונדז, ווו איר וואָלט געקאָנט בא־קומענ אײַער „פּרווו־לעקציע”.

— ניט ווײַט? אינ נאָרוועגיע?

— פּארשטייט זיכ. דאָס איז דער גארדאנגערער פּלאטאָ. איכ מיינ, אז ווינטער האָט זיכ נאָכ קיינער ניט אנטשלאָסנ גיינ אהינצו. די שניי־זאווערוכעס, די בושעווענדיקע ווינטנ, די אײַז־באדעקטע בערג, עפּעס פעלדזנ, שניי אונ שניי... מיט איינ וואָרט, א מידבער. מײַנ פּאָטערס א קאָרעוו האָט געוווינט אינ גארענ, אפּ דער מײַרעוו־זײַט פונ דעמ דאָזיקנ ווילדנ פּלאטאָ. ער האָט דאָס אונדז דערציילט.

די „פּרווו-לעקציע"

אין אַמונדסענס נאָטיצן ווערט אזוי דערציילט:

„מיר איז געווען איין און צוואנציק יאָר, ווען איך האָב געמאכט דעם ערשטן פּרווו פון א רייזע, עפּעס קעמוי ווי אין די פּאָליאר-לענדער.

איך האָב זיך אויסגעוויילט א פּאסיקן באגלייטער און האָב אים פאָרגעלייגט דורכגיין מיט מיר אָפּ ליזשעס דורך גארדאנ־גערער פּלאטאָ; מיר וועלן גיין פון דער מיזרעך־זייט, וווּ ס'געפינט זיך דער קליינער בארג-יישעוו מוגען, און מירן זען צו דערגיין ביזן יישעוו גארען, וואָס ליגט אין מייִרעוו פונעם פּלאטאָ.

ער האָט איינגעשטימט, אויב נאָר די צייט פון אונדזער מארש וועט צונויפאַלן מיט די ווייַנאכט־קאניקולן. אזוי האָבן מיר טאקע אָפּגעמאכט.

מיר זייַנען ארויס פון קריסטיאניע אָפּ ליזשעס און באלד זייַנען מיר צוגעקומען צום עק שטאָט, הינטער וועלכן עס איז געלעגן פאר אונדז דער „מידבער גארדאנגער". דאָ איז גע־שטאנען א קליינע הייזל סאכאקל פון צוויי צימערן. געווינט האָבן דאָ אן אלטער מיט אן אלטיטשקער און צוויי פארהיי־ראטע זין זייערע. אזויארום איז די גאנצע באפעלקערונג פון מוגען באשטאנען פון זעקס מאן.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די דאָזיקע פאמי־

ליע האָט געלעבט זייער איינזאַם, ווײַל אפילע זומער האָט קיינעם גאָרנישט ניט געטריבן אַרײַנצוקוקן אין דעם דאָזיקן ווײַטן אָרט, און דאָ האָבן מיר זיך באַוויזן אין טיפֿן ווינטער: נאַטירלעך, זײַנען די אײַנוווינער פֿון מוגען, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, טאָפּלט פֿאַרוווּנדערט געווען פֿון אַזאַ אויסער־געוויינלעכער געשעעניש.

נאָר באַגעגנט האָט מען אונדז אין הויז זייער גאַסטפֿרײַנט־לעך, און מע האָט אונדז פֿאַרגעלייגט איבערנעכטיקן. מע האָט אונדז אָפּגעגעבן אַן אויסגעצייכנט וואַרעם אָרט אַף דער פּאָדלאָגע באַם סאַמע אויוון. ווי עס פּירט זיך בא „פּאָליאַר־רײַזנדער", האָבן מיר געהאַט מיט זיך שלאָף־זעק פֿון הירשן־פֿעל, און מיר זײַנען אין זיי געשמאַק געשלאָפֿן.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז נאָך באַגינען וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג, אָבער ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט אונדז דער באַלעבאָס, דער אַלטיטשקער, אָנגעוויזן אַפֿן פֿענצ־טער: ס'איז געפֿאַלן אַ געדיכטער שניי, און מע האָט גאָר ניט געקאָנט קלערן וועגן לאָזן זיך אין וועג. מיר וואָלטן באַגראָבן געוואָרן אין דעם שניי־מידבר. און באַטאָג האָט זיך נאָך דערצו צעבושעוועט אַ שטאַרקער שטורעמווינט, וואָס האָט נאָכדעם ניט אָפּגעלאָזט אַ וואָך צײַט. אַכט טעג האָבן מיר אַזוי־אַרום ניט־ווילנדיק פֿאַרבראַכט אינעם יִשוּו מוגען.

פֿון די נאָכפֿרעגענישן פֿון אונדזערע באַלעבאַטים האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז זיי אינטערעסירט שטאַרק די פֿראַגע: צו וואָס ווילן מיר דורכמאַכן אַזאַ אומגעוויינלעכע רײַזע? דעמלט האָבן מיר זיי אויסגעזאָגט אונדזער פּלאַן: אַרופֿגיין אַפֿן פּלאַטאָ און איבערשנײַדן אין דער קווער גאַנץ גאַרדאַנגער.

די אײַנוווינער פֿון מוגען האָבן אונדז לעכאַטכילע ניט גע־גלייבט: לאָזן זיך אין די בערג ווינטער־צײַט — דערפֿון האָט זיך נאָך ביז איצט קיינער ניט אַנטשלאָסן. אונדז האָט מען פֿאָרויס־געזאָגט קימאַט אַ זיכערן טויט. די דרײַ מאַנצבלעך האָבן גע־קענט די געגנט אַרום און אַרום, האָבן זיי געטײַנעט, אַז אין

אזא צײַט קאָן מען די בערג ניט דורכגיין: מיר וועלן זיך פארבלאָנדזשען, אַרײַנפאלן אין אַן אָפּגרונט, פארפראָרן ווערן, שטארבן פון הונגער.

איך און מײַן כאווער האָבן נאָר געקוקט איינער אפן אנדערן און האָבן אקשאָנעסדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ: מיר וועלן גיין, ניט געקוקט אפ קיין זאַך.

אפן נײַנטן טאָג פון אונדזער פארברענגען אינעם יישעוו האָבן מיר באשלאָסן, אז מע קאָן גיין, און די באַלעבאטים האָבן אונדז מיט מיטלײַד און פרײַנטלעכקײַט באגלייט מיטן טאָל ביזן בארג־ארוף און האָבן אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו ס'איז גרינגער פאר אלץ ארופצושטײַגן. דאָס געזעגענען זיך איז אדורך גאנץ טרויעריק, ווײַל די דאָזיקע ליבע לײַט האָבן באשלאָסן, אז זיי וועלן אונדז מער קיינמאָל ניט זען.

מיר ווידער זײַנען געווען מונטער און זיכער אין אונ־דזער דערפאָלג. דער פלאטאָ איז דאָך געווען ניט ברייטער פון 100 קילאָמעטער, דער וועטער איז געווען א גאנץ גינסטיקער, מיר האָבן גוט געקענט גיין אפ ליזשעס און אזא שטרעקע האָבן מיר געקאָנט דורכמאכן אין צוויי מעסלעס.

אפ אָט אזא צײַט אומגעפער איז געווען אויסגערעכנט אונדזער „פאָליאר־עקספעדיציע“. אכוץ ליזשעס און שטעקנס האָט יעדער פון אונדז געהאט א שלאָף-זאק און א זאק מיט פראָוויזיע, וואָס איז באשטאנען פון גאלעטן, שאָקאָלאד און פוטער. דאָס אלץ האָבן מיר מיטגענומען ניט אין קיין גרויסן סכום, קעדיי ניט צו טראָגן קיין גרויסן פאַק. כוץ דעם האָבן מיר נאָך געהאט א ספירט־לעמפל, א קעשענע-קאָמפאס און א געאָגראפישע קארטע.

אפן פלאטאָ זײַנען מיר ארופ קימאט אָן שוועריקײַט. מיר האָבן ניט געוווסט לויט וואָס זיך ריכטן ווײַטער אין וועג, ווײַל פאר אונדז איז געלעגן אויסגעשפרייט אן איינארטיקער שניי-שעטעך: דאָ זײַנען געווען אָן א שיר קליינע בערגלעך, וואָס האָבן זיך מיט גאָרנישט ניט אונטערשיידט איינס

פונעמ אנדערנ. מיר האָבנ באשלאָסנ ניט פארלאָזנ זיכ אפ וועלכע־ניט־איז אָריִענטירנדיקע סימאָנימ און האָבנ זיכ געלאָזט גייִנ לויטנ קאָמפּאס.

דער אלטער אינ מוגענ האָט אונדז פארזיכערט, אז מיר וועלנ טרעפנ אפנ וועג א הײַזקע, ווו די פאסטעכער פארברענגענ זומער, און מיר האָבנ זיכ געסטארעט צו געפינענ אָט די הײַזקע, קעדיי צו בלײַבנ דאָרט נעכטיקנ. דער פארנאכט איז אפילע אָנגעקומענ פרי, אָבער מיר זײַנענ געגאנגענ לויטנ קאָמפּאס און האָבנ באוויזנ ביזנ אָוונט צוצוקומענ צו די פאסטעכערס הייזקע. בא דער הײַזקע האָבנ מיר געפײַערט אונדזער ערשטנ ניצאָכנ.

אָבער דער ניצאָכנ איז געווענ א ביסל א פּריצײַטיקער: ארײַנגייִנ אינ דער הײַזקע איז געווענ זייער שווער, ווײַל די טיר און דאָס פענצטער זײַנענ געווענ פעסט פארהאקט מיט טשוועקעס, און דער קוימענ איז געווענ פארלייגט מיט שווערע ברעטער.

מיר האָבנ זיכ געפילט גוט אויסגעמאטערט פונ אָנגייִנ זיכ א גאנצנ טאָג, ס'האָט זיכ אופגעהויבנ א ווינט, דער טערמאָמעטער האָט געוויזנ 12° קעלט, און דאָ האָט מענ באדארפט דורכמאכנ א שווערע ארבעט — ארופקלעטערנ אפנ דאכ, צונעמענ די ברעטער, ארויסרײַסנ די טשוועקעס און ארײַנדרינגענ אינ דער הײַזקע.

פונדעסטוועגנ זײַנענ מיר פארטיק געוואָרנ מיט דער דאָזיקער שווערער אופגאבע. מיר האָבנ נאָר היפּש אָפּגעפראָרנ די פינגער. מײַנ כאווער האָט נאָכדעמ עטלעכע וואָכנ מוירע געהאט, אז ער וועט דארפנ אמפּוטירנ א פינגער.

צומ גליק האָבנ מיר אינ דער הײַזקע געפונענ א ברעמענע האָלצ, אָבער באנוצנ זיכ דערמיט איז ווידעראמאָל געווענ גאָר ניט גרינג. דאָס האָלצ איז געווענ נאס, דער קוימענ איז אויסגעקילט געוואָרנ, און ער האָט פאר קיינ פאל ניט געצויגנ. די קאלטע לופט האָט זיכ געלייגט, ווי א געדיכטער

פאַרהאנג, איבערן פײַער, די גאנצע הײַזקע איז פול געוואָרן מיט קנוילן בײַסיקן רויך, די אויגן האָבן געטרערט, און מע האָט ניט געקאָנט אָטעמען. אָבער אונדזער אקשאָנעס איז בײַ־געקומען די אַלע צאָרעס. און סאָפּקאָלסאָפּ האָבן מיר געמאכט א גרויס פײַער, מיר האָבן זיך אָנגעוואַרעמט, אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט און האָבן זיך זייער גוט געפילט.

אין דער הײַזקע האָבן מיר אויך געפונען בעטן. מיר האָבן זיך אײַנגעוויקלט אין אונדזערע זעק פון הירשן-פעל און אויסגעצייכנט אויסגעשלאָפן זיך.

אָבער ווען מיר האָבן זיך אינדערפרי אופגעכאפט, האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אז די צאָרעס אונדזערע הייבן זיך ערשט אָן. דער ווינט, וואָס האָט זיך נעכטן אופגעהויבן, איז ניט בלויז ניט שטילער געוואָרן, נאָר ער איז געוואָרן אלץ וויכער־דיקער און ווילדער.

מע האָט זיך געמוזט פארהאלטן אינעם פאסטעך־הײַזל, ווארטן אף א בעסערן וועטער. מיר האָבן אויסגעני־שטערט די גאנצע דירע אונדזערע און האָבן צום גליק געפונען א קלײנ זעקל קאָרענע מעל, וואָס עמעצער פון די פאסטעכער, וועלכע האָבן דאָ זומער גענעכטיקט, האָט דאָ, אפּאָנעם, געלאָזן. באַ־שלאָסן, אז מיר דארפן שפּאָרן פּראָוויזיע, — מיר ווייסן דאָך ניט וואָס ווײַטער וועט זײַן, — האָבן מיר אָפּגעקאָכט אין א קעסעלע א קאשקע און, צולייגנדיק יעדעס מאָל א ביסעלע מעל און וואסער, האָבן מיר דאָס געגעסן אין מעשעך פון צוויי מעסלעס. מע קאָן, פארשטייט זיך, ניט זאָגן, אז מיר האָבן געלעקט די פינגער פון אזא געריכט.

אפן דריטן טאָג, וואָס מיר האָבן פארבראכט אין דער הײַזקע, האָט דער וועטער ראכמאָנעס געקראָגן אף אונדז, און מיר האָבן באשלאָסן לאָזן זיך ווײַטער אין וועג.

אינגיכן איז ווידער ארויס א געדיכטער שניי, עס איז אָבער געוואָרן ווארעמער. מוירע האָבנדיק אראָפּשלאָגן זיך פון וועג, וואָס מיר האָבן אָנגעמערקט, האָבן מיר יעדע ווײַלע גע־

קוקט אפ דער קארטע. דאָס פאפיר איז אָבער ניט געווען קיין פעסטס, און אינגיכן איז עס פונעם שניי געוואָרן נאס און צעקראָכן.

מיר האָבן די קארטע געמוזט ארויסווארפן און האלטן זיך נאָר באם קאָמפאס.

דערווײַל איז צוגעפאלן די נאכט. איך געדענק די נאכט נאָך ווי הײַנט, ווײַל דאָס איז געווען די ערשטע נאכט אין שניי, און זי איז שיר ניט געוואָרן פאר אונדז די לעצטע נאכט.

איבערצײַגט זיך, אז ווײַטער לאָזן זיך אין דער פינצטער איז אומעגלעך, האָבן מיר אָנגעמערקט אן אָרט פאר א בי-וואק און פאנאנדערגעוויקלט אונדזערע שלאָף-זעק, וווהין מיר פלעגן ארײַנלייגן אויך די זעק מיט פראָוויאנט. די דאָזיקע זעק האָבן מיר אויסגעלייגט לעבן די פיס און ארײַנגעשטעקט לעבן זיי די לױזשע-שטעקנס: דאָס האָט אונדז באדארפט באַ-ווײַזן, וווּ זיי געפינען זיך, אויב דער שניי וועט זיי פארשיטן.

פונעם נאסן שניי זײַנען אונדזערע קליידער דורך און דורך דורכגעזאפט געוואָרן מיט נעץ, און ווען מיר זײַנען ארײַנגעקראָכן אין אונדזערע שלאָף-זעק, האָט די דאָזיקע נעץ זיך אָנגע-הויבן אויסדאמפן, אזוי אז די זעק זײַנען אויך אינווייניק נאס געוואָרן. און דאָ האָט זיך נאָך באנאכט געשטארקט דער פראָסט, און מיר האָבן מוירע באקומען, אז מיר וועלן אין אונדזערע זעק פארוואנדלט ווערן אין קאָלאָסאלע אײַז-צעפלעך.

איך האָב באשלאָסן ארויסצוקריכן פון זאק און געפינען דעם פראָוויאנט. בלאָנדזשענדיק אין דער פינצטער, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אפ מײַן לױזשע-שטעקן, לעבן וועלכן מיר האָבן געהאט באהאלטן דעם זאק מיטן פראָוויאנט. וויי-וויי! איך האָב דעם פראָוויאנט ניט געפונען.

ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן שאַרַיען אפ טאָג, האָב איך מיט מײַן כאַווער פלײַסיק גענומען זוכן אונדזערע זעק מיטן פראָוויאנט, אָבער מיר האָבן קיין אײנעם ניט געפונען. איך

קאָן ביז הײַנטיקן טאָג ניט פארשטיין, וויאזוי אונדזער פּראָ־וויזיע איז פארשוווּנדן געוואָרן.

די לאגע איז געוואָרן אַלץ מער געפערלעך. אויב מיר וועלן אינגיכן ניט טרעפן קיין ווייגונג, איז אונדז איצט גע־בליבן נאָר פארפראָרן צו ווערן אָדער שטארבן פון הונגער.

דער אויסוואַף האָט אונדז ניט שטארק אנציקט, האָבן מיר זיך אנטשיידן געלאָזט קיין מײַרעוו, האָפנדיק צו פארנאכט אומבאדינגט צוקומען צו גארען. ס'האָט אונדז אָבער ווידער ניט געגליקט: ס'איז געפאלן אזא געדיכטער שניי, אז שוין עטלעכע שריט פאָרויס האָט מען גאָרנישט ניט געקאָנט זען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט באראטן זיך. באשלאָסן האָבן מיר נאָר איין זאך: אומקערן זיך צוריק קיין מוגען מיטן זעלבן וועג, וועלכן מיר זײַנען אדורכגעגאנגען.

מיר זײַנען קוים אָפּגעגאנגען עטלעכע קילאָמעטער, שוין אין דער ריכטונג צו מיזרעך, ווי ס'איז געוואָרן שטאָק־פינצטער: ס'איז אָנגעקומען אונדזער צווייטע נאכט אונטערן פרײַען הימל. צום גליק האָבן מיר באמערקט קאָנטורן פון א קליינעם פעלדז, האָבן מיר זיך געלאָזט אהינצו צו באשיצן זיך באנאכט פון־נעם ווינט. איך האָב געוואָלט מאכן דעם נאכטלעגער באקווע־מער, בין איך געפאלן אף אזא האמצאָע: איך האָב אויסגע־גראָבן אין שניי א קליינע הייל, בין ארײַנגעקראָכן אהין און האָב מיטגענומען מיט זיך מײַן שלאָפ־זאק. אזויארום איז מײַן קערפער געווען באשיצט אי פון שטורעמווינט אי פון איבע־ריקער נעץ.

צום שלימאזל איז די טעמפעראטור באנאכט שטארק גע־פאלן, און דער שניי, וואָס האָט פארשאָטן דעם ארײַנגאנג אין מײַן הייל, איז פארוואנדלט געוואָרן אין אן אײַז־ווענטל. ווען איך האָב זיך אופגעכאפּט אינמיטן נאכט, האָב איך גלײַך דערפילט, אז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט: ארום מיר איז געווען אן אײַז־בלאָק אָן א שטראל ליכט. ניט שוין זשע וועל איך ניט קאָנען ארויס?

איך האָב געפּרוּווט באַוועגנ מיט דער האַנט, אָבער די האַנט איז געווענ שטייַף אונ אומבאַוועגלעך. איך האָב אָנגעהויבנ שרייַענ, רופנ צו הילפ מייַנ כאַווער, אָבער ער האָט ניט געהערט.

מיך האָט אַרומגענומענ א שוידער. אויב מייַנ באַגלייטער געפינט זיך אינ אַזאַ לאַגע, ווי איך, זייַנענ מיר בײדע פאַרפאַלנ. נאָר אַנ אָדליגע וואָלט אונדז געקאָנט ראַטעווענ — באַפרייַענ פונ די דאָזיקע אייַז־קוואָרימ.

מיר איז אַלצ שווערער געוואָרנ דער אָטעמ, אונ אײנגיכנ בינ איך אַנשוויגנ געוואָרנ, פילנדיק, אַז איך וועל דערשטיקט ווערנ, אויב איך וועל ווייַטער שרייַענ. עס איז צוגעקומענ ווייניק פרישע לופט, האָב איך, אַפּאָנעמ, אָנגעהויבנ פאַרלירנ דעמ באַוווסטזייַנ, נאָר פּלוצלינג האָב איך דערהערט פונדערווייַטנ א דומפּנ קלאַנג אונ בינ טײקעפ געקומענ צו זיך. איך האָב פאַרשטאַנענ, אַז מייַנ באַגלייטער איז אַפ דער פרייַ. אויב אַזוי, איז פאַראַנ א האָפענונג באַפרייַט צו ווערנ פונ דער שרעקלעכער געפאַנגענשאַפט.

אַזוי איז עס טאַקע געווענ. מייַנ כאַווער, א מידער אונ אַנ אויסגעמאַטערטער, האָט פאַר זיך קײנ הײל ניט געגראָבנ, ווי איך, אונ איז פּאָשעט אייַנגעשלאָפנ אַפנ שניי. ווענ ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונ קעלט, האָט ער דערזענ, אַז ער איז אַלײנ: אַרומ זייַנענ געלעגנ קאַלאָסאַלע שניי־בערגלעך, אונ מע האָט ניט געזענ קײנ שום שפּורנ פונ א מענטשנ. אַפ זייַנע פאַרצווייפלטע געשרײענ האָט קײנער ניט געענטפערט.

ער האָט זיך שרעקלעך אויפגערעגט אונ האָט זיך העפטיק גענומענ מיך זוכנ. פריִער פאַר אַלצ האָט מענ באַדאַרפט זאָרגפול אויספאָרשנ די אומגעגנט, אונ דאָ האָט ער באַמערקט עטלעכע הערעלעך, אונ ער האָט פאַרשטאַנענ, אַז דאָס איז פונ מייַנ זאַק, וואָס פונ הירשנ־פעל. דרייַ שאָ האָט מייַנ כאַווער שווער געהאָרעוועט, געאַרבעט אי מיט די ליזשע־שטעקנס אי מיט די הענט, ביזוואַנענ ער האָט מיך אָפּגעגראָבנ אונ באַפרייַט פונ מייַנ אייַז־טורמע.

מיר האָבן שוין ביידע קימאַט קיין קויעך ניט געהאַט. און אַרום איז נאָך אַלץ געלעגן די נאַכט, און קריכן ווײַטער האָבן מיר געקאָנט נאָר ריכטנדיק זיך נאָכן אויסגעשטערנטן הימל. אַזוי זײַנען מיר טאַקע געגאַנגען קימאַט צוויי שאָ.

פּלוצלינג איז מײַן כאַווער פּאַרשווּנדן געוואָרן, ווי פּאַר־זונקען אין דער ערד אַרײַן. איך האָב זיך אינסטינקטיוו גע־לייגט אַפּן שנײַ און בין ווי פּאַרגליווערט געוואָרן, מוירע האָבנדיק, אַז מיט מיר זאָל ניט געשען דאָס אייגענע.

אין אייניקע מינוט אַרום האָט זיך פון ערגעץ אונטן דער־הערט דאָס שוואַכע קאָל פון מײַן באַגלייטער:

— ריר זיך ניט, אַניט פּאַלסטו אַראָפּ אין אָפּגרונט!

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַראָפּגעפלויגן איז ער אין שנײַ־אָפּגרונט מיטן רוקן אַראָפּ, אַזוי אַז דעם קלאַפּ האָט באַ־קומען דער שלאָף־זאַק, און דאָס האָט געראַטעוועט מײַן כאַ־ווער. קוים מיט צאָרעס אַרויסגעקראַפּקעט זיך און געקומען צו זיך נאָך דער שטאַרקער דערשיטערונג, האָט ער געהאַלטן פּאַר מעגלעך זיך לאָזן גיין ווײַטער, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן ליכטיק ווערן. דעם עמעס זאָגנדיק, האָבן מיר שוין קימאַט ניט געהאַט קיין האָפענונג צו ראַטעווען זיך. מיר זײַנען שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן.

מיר האָבן זיך געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג. צו אָוונט צו זײַ־נען מיר שוין געווען טויט־מיד. נאָר פּלוצלינג האָבן מיר דער־זען אינדערווײַטנס אַ קליינע שטאַל. דערנעענטערנדיק זיך צו דער שטאַל, האָבן מיר אויך באַמערקט שפּורן פון ליזשעס. מיר זײַנען גלײַך געוואָרן מונטער באַ זיך, מיר האָבן פּאַרשטאַנען, אַז דאָ ניט ווײַט מוז מען וווינען, און מיר האָבן זיך מוטיק געלאָזט צו דער שטאַל. די שטאַל איז געווען פול מיט היי.

ענדלעך האָבן מיר זיך געקאָנט אויסשלאָפן ווי געהעריק. מיר האָבן זיך טיף פּאַרגראָבן אין היי.

אינדערפרי בין איך אַרויס פונעם שטאַל־כל אַ קוק טאָן, ווו מיר געפינען זיך. מײַן באַגלייטער איז געווען אַזוי אויס־

געמוטשעט, אז ער האָט קיין קויעך ניט געהאַט צו גיין, און איך האָב אים געלאָזן אינעם הוי. געלאָזט זיך גיין מיט די שפּורן פון די ליזשעס, בין איך אָפּגעגאַנגען בלאַ שאָ צייט און האָב גאָר אומגעריכט באַמערקט פונדערווייטן אַ מענטש־לעכע פיגור.

איך האָב אָנגעהויבן שרייען וויפל קויעך איך האָב נאָר געהאַט. איך האָב באַשלאָסן, אז דאָס מוז זיין איינער פון די פּויערים, וואָס שטעלן אַנדערשמאָל אין אַזוינע ערטער אַ פּאַסטקע פאַר די פעלדהינער. דער מענטש האָט זיך פלוצעם אַ קער־ווע געטאָן אַף צוריק און האָט זיך מיט אַלע קויכעס געלאָזט לויפן. מיין צאַר קאָן מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן: איך האָב געוווסט, אז די פּויערים די באַרג־איינוווינער זיינען אָפט זייער אָבערגלויביק, און האָב פאַרשטאַנען, אז דער דאָזיקער מענטש האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ געשפּענסט. אמאָל האָב איך גע־הערט ניט ווייניק מייסעס, ווי פּויערים, וואָס וווינען אין די בערג, קעמפן העלדיש קעגן די גרעסטע געפאַרן, אָבער זיי שרעקן זיך אפילו פאַר אַ שאָטן, ווען זיי נעמען עס אָן פאַר אַ באַרג־רועך.

איך בין נאָכגעלאָפן נאָכן פּויער און האָב אָנגעהויבן שרייען נאָך העכער און, ווייזט אויס, מיט גרויס פאַרצווייפלונג, ווייל דער מענטש האָט זיך סאָפּקאָלסאָפּ אָפּגעשטעלט, האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט און האָט זיך דאָך געלאָזט גיין צוריק צו מיר.

דערוווסט זיך וועגן אונדזער טרויעריקער לאַגע, האָט דער פּויער אָנגעהויבן דערקלערן מיר וועגן די באַדינגונגען פון דער געגנט, אָבער מיר האָט געשווינדלט דער קאָפּ, און איך האָב קימאַט גאָרנישט ניט געקאָנט פאַרשטיין. ווי גרויס איז געווען מיין ווונדער, ווען איך האָב סאָפּקאָלסאָפּ פאַרשטאַנען, אַז מיר זיינען ניט ווייט פונעם יישעוו מוגען, פונוואַנען מיר זיינען אַרויס מיט אַ וואָך צוריק.

ווי אַף פליגלען בין איך געפלויגן צוריק צו דער שטאָל דער־

ציילן מײַן כאוועד, אז אין א שאָ ארום קאָנען מיר זײַן אין מוגען. די דאָזיקע פּסורע האָט אים צוגעגעבן קויכעס, און מיר האָבן זיך ארױפגעלאָזט אין טאָל אָן באַזונדערע מעניעס, און אינגיכן האָבן מיר דערזען פונוויַטן דעם גוט באקאנטן יישעוו.

אָנגעקלאפּט אין טיר און דערהערט „ארײַן", זײַנען מיר געווען העכסט פאַרוואונדערט פון דער גלײַכגילטיקײַט, מיט וועלכער דעם אַלטנס גאסטפרײַנטלעכע פאמיליע האָט אונדז אופגענומען. די פרויען זײַנען געזעסן און האָבן געשפּינט, די מאנצבלען האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסשניצן עפּעס פון האָלץ, און אלע האָבן געקוקט אף אונדז אזוי, ווי זיי וואָלטן אונדז קיינמאָל ניט געהאט געזען.

ערשט ווען מיר האָבן א קוק געטאָן אף זיך אין שפּיגל, וואָס איז געהאנגען אפן וואנט, האָבן מיר פאַרשטאנען וואָס דאָ איז. די דאָזיקע ליבע מענטשן האָבן אונדז פּאָשעט ניט דער־קענט, און זיי האָבן אונדז טאקע ניט געקאָנט דערקענען: אויסגעצערטע, מיט אײַנגעפאַלענע אויגן, באוואקסענע, זײַנען מיר א האָר ניט געווען ענלעך אף די בלײַענדיקע יונגעלײַט, וואָס האָבן געהאט פאַרלאָזן זייער הויז מיט עטלעכע טעג צו־ריק. אונדז האָט מען ווירקלעך געקאָנט אָננעמען פאַר געשפּענס־טער.

פאַרשטייט זיך, מיר האָבן אָן באַזונדערער מי דערקלערט די באַלעבאטים, ווער מיר זײַנען, און זיי האָבן אונדז ארויס־געוויזן פיל פרײַנטשאפט. זיי האָבן אונדז אָנגעקאָרמעט און דערוואַרעמט. מיר האָבן פאַרבראַכט בא זיי נאָך צוויי מעסלעס, האָבן זיי הארציק באַדאַנקט און אומגעקערט זיך צוריק קיין קריסטיאַניע.

ערשט אין צוויי צי דרײַ יאָר ארום האָב איך זיך דער־ווּסט אָט וואָס. דער פויער, וואָס אים האָט געהערט דער הויף געראַען אף דער מײַרעוור־זײַט גאַרדאַנגער, — גאַרען איז געווען דער ציל פון אונדזער רײַזע, — איז אין איינעם פון די ווײַ־נאַכט־טעג ארויס פון שטוב און האָט באַמערקט עטלעכע מע־

טער פון הויף שפורן פון ליזשעס. די דאָזיקע שפורן זײַנען געגאַנגען פון מיזרעך־זײַט, און דאָס האָט שרעקלעך פאַרוווּנדערט דעם פּויער, ווײַל ווינטער־צײַט איז נאָך קיינער און קיינמאָל ניט געקומען פון מיזרעך־זײַט.

אַזױװי דאָס איז אין צײַט פֿולקום צונויפגעפאַלן מיט אונדזער באַרימטער רײַזע, איז קיין שום צווייפל ניט, אַז מיר האָבן ווירקלעך איבערגעשניטן דעם גאַרדאַנגערער פּלאַטאָ און מיר האָבן אַ קערעווע געטאָן צוריק גראָד אין דעם מאָמענט, ווען מיר זײַנען שוין קימאַט געווען באַם סאַמע ציל.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די „פּרווו־לעקציע". זי פאַרדינט מיט פולן רעכט דעם דאָזיקן נאָמען, ווײַל די געפאַרן און די ניסיוינעס פון דער דאָזיקער רײַזע האָבן געפאָדערט ניט קיין קלענערע אָנשטרענגונגען און קויכעס, איידער די שפּעטערדיקע רײַזעס מײַנע אין די פּאָליאַר־לענדער.

דעם ליזשעס־מאַרש דורך גאַרדאַנגער האַלט איך ביזן הײַנטיקן טאָג פאַר דעם סאַמע ווערטפולן בײַטראָג אין מײַן צוגרייטונג־אַרבעט פון אַ קומענדיקן פּאָליאַר־פאָרשער. די געפאַרן פון דער דאָזיקער טרענירונג זײַנען שיר ניט געווען גרעסער, איידער דער וועג, צוליב וועלכן מיר האָבן זי דורכגעמאַכט, ווײַל די געפאַרן האָבן געקאָנט פאַרענדיקן מײַן לעבן פון אַ פּאָליאַר־טוער פריִער, איידער עס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן".

אלץ צו איין ציל

ראָאלד האָט געלייענט, געלייענט און געלייענט.

ער האָט געהאַלטן פאר נייטיק צו זיין אין קורס פון אלץ, וואָס איז שוין אָנגעשריבן וועגן פּאָליאר־עקספּעדיציעס, וועגן זייערע אָנפירער, פאָרשונג־מעטאָדן, פּראַקטישע רעזולטאַטן.

און פון אלץ, וואָס ער האָט דורכגעלייענט, האָט ער גע-מאַכט אזא אויספיר:

די גרעסטע צאָרע פון די פריערדיקע עקספּעדיציעס איז קימאַט אַלעמאָל באַשטאַנען דערין, וואָס דער שעף פון דער עקספּעדיציע איז אין דער זעלבער צייט ניט געווען דער קאָ-מאַנדיר פון דער שיף.

אַמונדסען האָט זיך איבערצייגט, אַז ווי נאָר אַן עקס-פּעדיציע פליגט ארויס אין יאַם, פליגט אויף דער שיף הערשן א צווייַמאַכט מיט אַלע טרויעריקע רעזולטאַטן. דער שעף פון דער עקספּעדיציע פליגט ניט־ווילנדיק ווערן אָפּהענגיק פון דעם שיפס־קאָמאַנדיר, ווען עס איז אונטערגעוואָרפן דער פּער-סאָנאַל. אזויארום פליגט דער אָנפירער פון דער וויסנשאַפט-לעכער אונטערנעמונג און זיינע מיטאַרבעטער ניט האָבן אין זיין רעשות די שיף, וואָס זאָל אינגאַנצן דינען דעם ציל, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט. און אָפטמאָל פליגן זיך שאַפן צוויי פיינטלעכע לאַגערן: איין לאַגער פליגט זיך גרופּירן ארום דעם

אידיייִשנ פירער פונ דער עקספעדיציע, אונ דער צווייטער — ארומ דעמ פאקטישנ באלעבאָס פונ דער שיפ.

ראָאלד האָט באשלאָסנ, אז די דאָזיקע גרונט-צאָרע פונ די פריִערדיקע עקספעדיציעס מוז ער אפ יעדנ פאל אויסמייַדנ. אָט דעמ געדאנק זייַנעמ האָט ער ארויסגעזאָגט דעמ פרייַנט, מיט וועלכנ ער האָט דורכגעמאכט דעמ אומפארגעסלעכנ מארש דורכ גארדאנגער.

— וואָס זשע רעכנסטו צו טאָנ אפ אויסצומייַדנ אזא צוויי־מאכט? — האָט יענער געפרעגט.

— איכ מוז ווערנ א געניטער שיפס-פירער.

— דאָס הייסט?

— דאָס הייסט, אז איכ מוז זיכ דורכפאָרנ עטלעכע יאָר אלס מאטראָס, ארופארבעטנ זיכ אפ א שטורמאנ אונ אזויארומ צוגרייטנ זיכ צומ עקזאמענ אפ באקומענ דעמ טיטל קאפיטאנ.

— מעשוגע! — האָט אימ דער כאווער געענטפערט, — דו, א געבילדעטער מענטש, וואָס האָט שטודירט אינ אוניווערסי־טעט, איז אָנגעלייענט, ווייסט שוינ מער איידער א סאכ שיפס־קאפיטאנענ, וועסטו איצט ווערנ א פּאָשעטער מאטראָס?

— יאָ, — האָט אמונדסענ געזאָגט, — דאָס איז, אפּאָנעמ, אומפארמייַדלעכ. איכ מוז באקומענ די דערפארונג אונ די קענ־טענישנ פונ אנ עכטנ שיפסמאנ אונ שיפס-קאָמאנדיר.

ווי געוויינלעכ, האָט ראָאלד אויסגעפירט אלצ, וואָס ער האָט אָנגעמערקט. פונעמ יאָר 1894 ביזנ יאָר 1896 איז ער גע־פאָרנ מיטנ יאמ אפ א זעגל-שכונע. די דרייַ יאָר זייַנענ ניט אוועק אומזיסט. אפ דער שכונע, ווו ער האָט געדינט צוערשט אלס מאטראָס אונ נאָכדעמ אלס שטורמאנ, האָט זיכ אימ איינ־געגעבנ צו זייַנ אפילע אינ יענע פּאָליאר-געביטנ, וואָס האָבנ אימ מער פאר אלצ געצויגנ צו זיכ. ער האָט שוינ געוווּסט, וואָס אזוינס איז אָקעאנ, וואָס אזוינס איז א קריִע אייַז, וועלכע וואקלט זיכ אונטער די פיס, אונ וואָס איז אזוינס קעלט, פונ וועלכער עס פרירנ די וואָרצלענ פונ די האָר אפנ קאָפּ. שפּע־

טער איז די דאָזיקע „סוויווע" געוואָרן פאַר אים פונקט אזוי היימיש, ווי פאַר אן איינוווינער פון קריסטיאַניע — א צימער, א טעפּיך אונטער די פיס און א שטאַרק אָנגעהייצטער אויוון.

ווען אַמונדסען איז אַלט געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר, האָט ער זיך אַליין געזאָגט:

— נו, ווייטער אָפּלייגן טאָר מען ניט! די צייט פון צו־גרייטן זיך איז פאַרענדיקט. איך קאָן און מוז ווערן אן עכטער פּאָליאַר-פאָרשער.

אגעוו, האָט ער באַקומען א ברייוו מיט א פריידיקן פאָר־שלאָג.

אין יאָר 1897 האָט זיך אין בעלגיע אָרגאַניזירט אן אַנטאַרקטישע עקספּעדיציע. איר ציל איז געווען — שטודירן דעם דאָרעמדיקן מאַגנעט-פּאָליוס, וואָס געפינט זיך אפן אַנטאַרק־טישן קאָנטינענט. אין דער שפּיץ פון דער עקספּעדיציע איז געשטאַנען אן אַלטער נאַוויגאַטאָר א בעלגיער, און דער קאַ־פּיטאַן פון דער שיף „בעלגיע", מיט וועלכער די עקספּעדיציע האָט זיך געלאָזן אין וועג, איז געווען אן אַרטילעריע־אָפיצער פון פראַנצויזישן פלאָט; ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע קאַפּיטאַנען.

אָט אפן דער שיף איז עס איינגעלאַדן געוואָרן ראָאַלד אַמונדסען, און ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־שטור־מאַן.

דער פּערסאָנאַל פון דער שיף האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך „א געמיש פון שטאַמען און פעלקער": נאָרוועגער, בעלגיער, רומענער, פּאָליאַקן, אַמעריקאַנער. אן אַמעריקאַנער איז אויך געווען דער שיפס־דאָקטער — דאָקטער קוק, וואָס איז שפּע־טער באַרימט געוואָרן אַלס פּאָליאַר־פאָרשער.

כאָשטש ראָאַלד האָט זיך געלאָזט אין וועג אַלס שיפסמאַן און ניט אַלס געלערנטער, האָט ער דאָך שטענדיק געהאַט אין זין זיין גרונט-ציל, און פלעגט זיין גאַנצע פרייע צייט אָפּגעבן צו פאָרשן דאָס לאַנד פונעם דאָרעם־פּאָליוס, — דאָס

לאַנד, וואָס אפנ וועג צו אים ליגט אויכ דער מאגנעט־פּאָליוס.

צומ דאָרעמ־פּאָליוס האָט די מענטשהייַט, ווי ראָאלד האָט געוווסט, געשטרעבט שוינ לאנג, איידער עס איז נאָכ אפילע געגנוי באוווסט געוואָרנ די פּאָרמ פונעמ ערדקייַלעכ. פאר־שטייט זיכ, גאָר ווייניק פאָרשער האָבנ דעמלט געקאָנט אריינ־דרינגענ אינ די געגנטנ, וואָס ליגנ ארומ דעמ דאָרעמ־פּאָליוס (מיר רופנ זיי איצט אָנ אנטארקטישע), אָבער דער דורשט נאָכ דעראָבערונגענ האָט דאָכ געטריבנ די סאמע לייַדנשאפטלעכע אונ דרייסטע מענטשנ צו לאָזנ זיכ אפ אָט דעמ געפערלעכנ וועג.

„הערשער, — האָט אמונדסענ פארשריבנ אינ זייַנע נאָטיצנ, — האָבנ געוואָלט פארגרעסערנ זייערע באזיצנ; געלט־גייַציקע מענטשנ האָבנ געטרוימט וועגנ אומגעהייַערע בערג ווערטפולע מעטאלנ, געלערנטע האָבנ געשטרעבט צו ערנסטער וויסנשאפט־לעכער פאָרשונג. אזוי־ארומ האָבנ אינ אזוינע עקספּעדיציעס גע־נומענ אנ אָנטייל אי פּאָליטיק, אי האנדל, אי וויסנשאפט".

איז קיינ וווּנדער ניט, אז די זעלבע „אוואנטיוריסטנ", וואָס די מוטער פלעגט זיי זידלענ, זייַנענ פונ קינדווייַז אָנ באזונדערס נאָענט ראָאלדנ. וועגנ זיי שרייַבט ער אינ זייַנע נאָטיצנ מיט טיפנ געפיל:

„מיט אנציקונג אונ דאנקבארקייַט דערמאָנענ מיר זיכ וועגנ די ערשטע נאוויגאטאָרנ, וואָס האָבנ געהאט די דרייסטקייַט צו לאָזנ זיכ מיט זייערע באשיידענע זעגלענ אינ נעפּל אינ שטור־רעמ, קעדיי דער מענטש זאָל שפּעטער באקומענ ידיעס וועגנ די אייַז־ראכוועסנ פונעמ דאָרעמ. דאָס זייַנענ געווענ העלדישע מענטשנ!

זיי האָבנ זיכ געלאָזנ אינ די טונקעלע, אומבאוווסטע ווייַטנ, אנטקעגנ דאָס געהיימע אונ אומפארשטענדלעכע, וואָס האָט אפ זיי דאָרטנ געווארט, קעדיי זיי אייַנצושלינגענ אונ פארניכטנ.

אייב שטעכ נאָכנ אנדערנ איז אנטדעקט געוואָרנ אונ

איז אונטערגעוואָרפֿן געוואָרן דעם מענטשנס מאַכט. מאָדנע, וואָס מע טרעפֿט נאָך ביז איצט מענטשן, וועלכע פֿרעגן:

— צו וואָס דאַרף מען האָבן אַזעלכע רייזעס? וואָס גיבן זיי?

— נעבעכדיקע שמאָלע קעפּעלעך! — ווילט זיך זיי ענטפֿערן. — איר קאָנט נאָר באַנעמען דעם קלייניטשינקן געדאַנק וועגן שטיקל ברויט!"

די רײַזנדע רעכנט אַמונדסענ אויס אין אַזאַ סיידער.

הײַנריך פֿון פּאָרטוגאַליע האָט עטלעכע מאָל געשיקט זײַנע בעסטע נאַוויגאַטאָרן אין ווײַטע יאַם־רײַזעס קיין דאָרעם, און צום סאָף זײַנען די יאַם־שיפֿן צום ערשטן מאָל אַריבער דעם עקוואַטאָר אַרום דעם יאָר 1470.

אין יאָר 1487 איז פֿון ליסאַבאָן אַרויסגעפֿאָרן דער פּאָרטוגעזער באַרטאָלאָמיי דיאַז און האָט געמאַכט אַ „היפּשן שפּרונג" אין דער ריכטונג צו דער אַנטאַרקטישער געגנט: ער איז אַריבער דעם 40° דאָרעם־ברייט.

פֿערדינאַנד מאַגעלאַן האָט זיך געלאָזן אין וועג אינעם יאָר 1519 און האָט זיך דערשלאָגן ביזן 52° דאָרעם־ברייט. ער האָט אַנטדעקט דעם דורכגאַנג, וואָס איז שפּעטער אָנגערופֿן געוואָרן אויף זײַן נאָמען און וואָס פֿאַרבינדט דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן מיטן שטילן. איינע פֿון זײַנע שיפֿן, „וויקטאָריע", איז אַרומגעפֿאָרן אַרום דער וועלט און האָט דערמיט באַשטעטיקט, אַז די ערד איז ווירקלעך קײַלעכדיק.

דעם ענגלישן נאַוויגאַטאָר פֿרענסיס דרעק האַלט מען פֿאַר אַ יאַם־רויבער, אָבער זײַנע פֿאַרדינסטן מוז מען אָנערקענען: אין יאָר 1578 איז ער דערגאַנגען ביזן 57° דאָרעם־ברייט און האָט דערוויזן, אַז פֿײַער־לאַנד איז אַן אינדזל, און ניט קיין טייל פֿונעם נײַעם אַנטאַרקטישן לאַנד.

אינעם יאָר 1599 איז „אומגערן" פֿאַרווירקלעכט געוואָרן די ערשטע עכט־אַנטאַרקטישע עקספּעדיציע. דער האָלענדער דירק געריץ האָט געוואָלט מאַכן אַן אָנפֿאַל אויף אינדיע

דורכנ מאגעלאנ־דורכגוס, אָבער א שרעקלעכער שטאָרמ האָט אימ אָפּגעטראָגנ צומ 64°, צו הויכע ברעגנ, באדעקטע מיט שניי. די אינסטרומענטנ פונ יענער צײַט זײַנענ געווענ פּרימי־טיווע, דעריבער איז שווער געווענ צו באשטימענ, וואָס פאר א לאנד דאָס איז. אָבער אלע אָנגאבנ באווײַזנ, אז ער האָט מיסטאמע אנטדעקט א נײַ לאנד.

דער סויכער אנטאָנ־לא־ראָק האָט אינ יאָר 1675 אנט־דעקט אנ אינדזל, וואָס אייניקע מיינענ, אז דאָס איז געווענ פאלקלענד, אונ אנדערע — דאָרעמ־דזשאָרדזשיע.

אינעמ יאָר 1699 האָט קיינ דאָרעמ אונטערגענומענ א וויסנשאפטלעכע רײַזע דער ענגלישער אסטראָנאָמ האלײ.

א געוויסנ שטעכ אינעמ פאס פונעמ דאָרעמ־אײַז איז דער ערשטער אדורכ דער פראנצויזישער רײַזנדער בוווע אינעמ יאָר 1738. ער האָט געבראכט די ידיעה וועגנ דעמ קאָלאָ־סאלנ אײַז־פלאטאָ פונ דער אנטארקטידע.

אינעמ יאָר 1756 האָט די שפּאנישע האנדלס־שיפ „לעאָנ" מיטגעטײלט וועגנ א לאנד, וואָס איז באדעקט מיט שניי אונ געפינט זיכ אונטער 55° דאָרעמ־ברייט.

אונ צולעצט האָבנ אינ יאָר 1772 די פראנצויזנ מאריאָנ דיורענ אונ זשאָזעפ קערגעלענ אנטדעקט עטלעכע אינדזלענ אינ די דאָרעמ־ברייטנ.

לויבנדיק די פארדינסטנ פונ די אלע דרייסטע נאוויגאטאָרנ, פארענדיקט ראָאלד זײַנ ערשטע רעשימע מיט די ווערטער:

„אָבער די אנטארקטידע, דער „זעקסטער וועלט־טייל", איז נאָכ אלצ געלעגנ ווײַט ניט־צוגענגלעכ אונ ניט־באריר ט, ווי פריער. דעמלט זײַנענ געקומענ אינ באוועגונג דער מענטש־לעכער סייכל אונ די מענטשלעכע ענערגיע, קעדיי אופצוהייבנ דעמ דאָזיקנ פאָרהאנג אונ אופדעקנ די געהיימענישנ, וואָס ליגנ הינטער דעמ פּאָליאר־קרײַז."

די שפּעטערדיקע עקספּעדיציעס — א רייסטער פונ זיי גיט ראָאלד אינ זײַנע שפּעטערדיקע נאָטיצנ, — האָבנ מיט זייערע

פאָרשונגען ביסלעכווײַז אָפּגעדעקט פון דער אנטארקטידע דעם שלייער פון געהיימקייט.

צו אזעלכע עקספּעדיציעס דאַרף מען אויך צורעכענען די עקספּעדיציע אַף דער שיף „בעלגיע“, וואָס איר פּערסאָנאַל האָט דעמלט, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט, ווער עס איז זײַן ערשטער שטורמאַן — ראָאַלד אַמונדסען.

„בעלגיע"

דער שעפ פונ דער עקספעדיציע האָט באשלאָסנ צו גיינ ניט פארביי אוסטראליע, נאָר ארומ דעמ קאפ האָרנ.

אינ יאנוואר 1898 יאָר איז „בעלגיע" דורכגעגאנגענ דעמ מאגעלאנ־דורכגוס. צו זיינ פארווונדערונג איז דער פערסאָנאל פונ דער שיפ אָנגעקומענ דאָרטנ אינ רעכטנ זומער, אונ די שיפ האָט זיכ געלאָזט דירעקט קיינ דאָרעמ.

די אלע ערטער זיינענ נאָכ דעמאלט ניט געווענ אינגאנצנ באוווסט.

— דאָ וועלנ מיר פארברענגענ היפשע עטלעכע וואָכנ, — האָט דערקלערט דער שעפ פונ דער עקספעדיציע, — ווייל דאָ זיינענ מעגלעכ א סאכ אנטדעקונגענ פאר דער וויסנשאפט.

ווירקלעכ, די מיטארבעטער האָבנ דעמאלט צונויפגעזאמלט א גרויסע צאָל מוסטערנ, האָבנ ארופגעטראָגנ אפ די קארטעס דעמ רעליעפ פונ דער געגנט, האָבנ געמאכט מעטעאָראָלאָגישע באָאבאכטונגענ.

דער ערשטער שטורמאנ פונ דער שיפ, — כאָטש דאָס איז ניט געווענ זיינ דירעקטע פליכט, — איז געווענ אומעטומ, ווו די וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער פונ דער עקספעדיציע האָבנ געזוכט, געארבעט, פארשריבנ די רעזולטאטנ פונ זייערע פאָר־שונגענ.

ווענ „בעלגיע" איז נאָכדעמ דורכגעגאנגענ פארביי די דאָ־

רעמדיקע שאָטלענדישע אינדזלען, האָט זי זיך שוין איינגיכן אַרויסגעוויזן לעבן דעם אַנטאַרקטישן קאָנטינענט, וואָס מע האָט אים דאָ גערופן גראַהאַם־לאַנד[1]. דאָס דאָזיקע לאַנד איז נאָך אויך ניט געווען אָנגעמערקט אויף דער קאַרטע, איז די עקספּעדיציע דעריבער געגאַנגען לענגאויס די ברעגן.

ס'האָט זיך שוין אָנגערוקט דער ווינטער, און „בעלגיקע" האָט געהאַט די אויפגאַבע אַרויסגיין צום פריִער אָנגעמערקטן פּונקט, דאָרעם־צו פון אויסטראַליע. די שיף האָט געהאַלטן דעם קורס קיין מיזרעך, און דאָ האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס האָט זיך שיר ניט טראַגיש געענדיקט פאַר דער גאַנצער עקספּעדיציע.

אויפן ים האָט געבושעוועט אַ שטורעם מיט אַ שניי־וויכער. אַרום האָבן זיך געקײַקלט הויכע אײַזבערג. ראָאַלד האָט זיך אויפגעהויבן אויפן שיף־דעק, כדי צו פאַרבײַטן דעם שקיפּער אין דער אונטן־וואַכטע.

— איך האָב די גאַנצע צײַט מאַנעווורירט אַזוי, — האָט דער שקיפּער געזאָגט אַמונדסענען, איבערגעבנדיק די וואַכטע, — אַז איך זאָל קאָנען האַלטן אונדזער שיף פון דער ווינטיקער זײַט אָפּ פון יענעם באַרג.

און ער האָט אָנגעוויזן אויף אַן אײַז־בלאָק צאָפן־צו פון דער שיף.

— מאַנעווורירט איר אויך אַזוי, — האָט דער שקיפּער ווײַטער געזאָגט, — אַזוי־אַרום וועלן מיר זײַן באַשיצט פון ווינט. אָבער זעט, איר זאָלט זיך ניט אָפּנייגן פונעם קורס.

די זעלבע פאַראָרדענונג האָט ער געהייסן פּינקטלעך איבערגעבן אויך דעם קאָמענדיקן וואַכטע־מאַן. אַמונדסען האָט טאַקע

---

1 דעמאָלט האָט מען גראַהאַם־לאַנד גערעכנט פאַר אַ טייל אַנטאַרקטישן קאָנטינענט, נאָר שפּעטער, אין יאָר 1929, האָט ווילקינס פעסטגעשטעלט, אַז גראַהאַם־לאַנד באַשטייט פון צוויי גרויסע אינדזלען, און אַ דורכגוס טיילט זיי אָפּ פונעם קאָנטינענט.

אינעם פּאָליאַר־אײַז

אזוי געטאָן, ווען ער האָט נאָכן דעזשורירן איבערגעגעבן די וואכטע א יונגן בעלגיער.

א פארמאטערטער האָט זיך ראָאַלד ענדלעך א וואָרף געטאָן אפ זײַן בעטל, נאָר ער האָט לאנג ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן: אים האָט ניט געלאָזט רוען, וואָס די כוואליעס האָבן די גאנצע צײַט געשלײַדערט די שיף אהין און אהער.

— נו, דאָס איז נאָך ניט דער עמעסער טאנץ אפן אָקעאן! — האָט ער זיך געפּרוּווט טרייסטן. — די שטרעמונג ארום דעם אײַזבארג, וועלכע האָט אונדז איצט אופגעכאפּט, איז ווײַט ניט אזוי שטארק, ווי די ווילדע כוואליעס אינעם אָפענעם אָקעאן.

און, אײַנגעוויגט פון יאם, איז ער אײַנגעשלאָפן. אָבער ווען ער האָט זיך אופגעכאפּט באגינען, האָט ער א פּארוווּנדערטער דערפילט, אז די שיף שטייט אומבאוועגלעך אפ אן אָרט. ער האָט זיך אפגיך אָנגעטאָן און איז אײַליק ארופ אפן בריקל.

„בעלגיע” איז געשטאנען אין א קליינעם באסיין, ארומ־

געריגגלט פון אלע זײַטן מיט אײַזבערג, וואָס האָבן זיך הויך געהויבן צום הימל.

— וויאַזוי זײַנען מיר עס אַרײַנגעפאַלן אין דער דאָזיקער פאַסטקע? — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום בעלגיער.

— כ׳ווייס אַליין ניט, ווי דאָס איז געשען, — האָט דער יונגער שיפסמאַן געענטפערט אױפגערעגט. — באַנאַכט איז געווען שטאָק־פינצטער, און די זאַווערוכע האָט נאָך דערצו געבלענדט די אויגן. האָב איך פאַרלאָרן פון אויג דעם אײַזבאַרג, וואָס האָט אונדז געשיצט. מיר זײַנען געגאַנגען קימאַט אָן אַ רודער, מיטן ווינט. פּלוצלינג איז אָנגעפלויגן אַ גוואַלדיקע כוואַליע און האָט אונדז אַ שלײַדער געטאָן אין דורכגאַנג צווישן צוויי בערג. פון דאָרטן האָט עס אונדז פאַרשלעפּט אין דעם דאָזיקן באַסיין, וווּ מיר שטעקן איצט.

ווי דערדריקט ראָאַלד איז געווען, האָט ער דאָך געטרייסט דעם בעלגיער:

— איר האָט, אַפּאָנעם, אַ מאָזלדיקע האַנט, מײַן פרײַנט. דער דורכגאַנג צווישן די בערג איז אַזוי שמאָל, אַז ס׳איז אַ נס, ווי מיר האָבן זיך געראַטעוועט: די שיף וואָלט געקאָנט צעשמעטערט ווערן אויף פּיצ־פּיצלעך אָן יעדן איינעם פון די דאָזיקע קאָלאָסן.

אָבער איצט איז „בעלגיע” געשטאַנען אין געפאַר צו בלײַבן אויף אייביק אין דער שרעקלעכער אײַז־געפאַנגענשאַפט. צום גליק איז דאָס ניט געשען. מע האָט פאָרזיכטיק מאַנעווורירט צווישן די קופּעס בערג, און די שיף האָט זיך דורכגעשלײַכט אין אָקעאַן.

באַטראַכטנדיק, וואָס עס איז געשען, האָט זיך ראָאַלד איבערצײַגט, אַז דער פּערסאָנאַל איז דאָ ניט געווען שולדיק: די שיף האָט אין אַזאַ סיטואַציע נאָר געקאָנט ווערן אַ קאָרבן פון אַן אומגליק־פאַל.

ווען מע האָט זיך אָבער געלאָזט ווײַטער, האָט אַמונדסען דערפילט דעם ביטערן טאַם פון זײַן מאַכטלאָזיקייט אַלס אַזאַ, וואָס

איז אונטערגעוואָרפן דער שיפס־קאָמאַנדירונג. צום באַדויערן, האָט די דאָזיקע קאָמאַנדירונג ניט געהאַט גענוג דערפאַרונג אין פּאָליאַר־רייזעס.

„בעלגיקע" איז געגאַנגען לענגאויס דעם ראַנד פון די אַנ־טאַרקטישע אייז־מאַסעס, און די שיף האָט געמוזט קעמפן מיט אַ שטאָרעם פון קאָלאָסאַלער קראַפט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט די שיף צעבראָכן ווערן אָן דעם אייז־באַריער, וואָס דראָעט איר פון דאָרעם־זייט. ראָאַלד האָט ניט געצווייפלט, אַז יעדער נאַוויגאַטאָר, וואָס איז געווינט צו פאָרן אין פּאָ־ליאַר־אָקעאַן, וואָלט זיך אומבאַדינגט געלאָזט צו צאָפן, קעדיי אַרויסצוגיין אין אָפענעם יאַם.

אָבער ווען די עלטערע אָפיצערן פון דער שיף האָבן באַ־מערקט צווישן דעם אייז אַ שמאָלן דורכגאַנג צו דאָרעם, האָבן זיי באַשלאָסן גיין אַהין, כאָטש אָפן אָקעאַן איז געווען אַ שרעקלעכער ווינט. אַמונדסען האָט געהאַלטן אַזאַ באַשלוס פאַר מעשוגאַס, אָבער די דיסציפּלין האָט פון אים געפאָדערט נאָר פאָלגן, און ער האָט געשוויגן.

פאָרגעקומען איז טאַקע דאָס, פאַר וואָס ער האָט מוירע געהאַט מער פאַר אַלץ. ווען די שיף איז אָפּגעגאַנגען באַ 200 קילאָמעטער צו דאָרעם, אַלץ טיפער אַריינדרינגענדיק אין קי־ניגרייך פונעם אייז, האָבן זיך אַלע דורכגאַנגען סאָפּקאָלסאָפּ פאַרמאַכט, און „בעלגיקע" איז ווידער אַריינגעפאַלן אין געפאַנ־גענשאַפט, אָבער דאָס מאָל מער האָפענונגלאָז. פעסט געבליבן שטעקן אינעם אַנטאַרקטישן אייז, איז „בעלגיקע" איצט, ביים דער לאַנגער פּאָליאַר־ווינטער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, גע־ווען געצוווּנגען אין בעסטן פאַל דרייפן צוזאַמען מיטן אייז.

ווען די עקספּעדיציע האָט זיך געהאַט געלאָזט אין וועג, האָט זי ניט געהאַט בעדייע צו ווינטערן אין די אַנטאַרקטישע געגנטן. די עקספּעדיציע האָט געפּלאַנט צוצוקומען שוין צו זו־מער צו דער געגנט פון דאָרעמדיקן מאַגנעט־פּאָליוס (אָפן דאָ־רעמדיקן וויקטאָריע־לאַנד) און אייננאָרדענען דאָרטן אַ ווינטער־

סטאנציע, ווו מע זאָל איבערלאָזן פיר מאַן, באַזאָרגנדיק זיי מיט אַלדאָס נייטיקע. בלײַבן האָבן געזאָלט: א רומענישער גע־לערנטער, זײַן אסיסטענט — א פּאָליאַק, דער אמעריקאַנער דאָקטער קוק און דער נאָרוועגער ראָאַלד אַמונדסען.

די שיף ווידער האָט געזאָלט זיך אומקערן צוריק אין די ציוויליזירטע לענדער; דעם קומענדיקן פרילינג האָט זי ווידער באַדאַרפט קומען קיין אַנטאַרקטיק און אָפּקלײַבן די פיר ווינ־טערער מיט די רעזולטאַטן פון זייערע פאָרשונגען.

אָנשטאָט דעם האָט די שיף איצט געמוזט פאַרברענגען דעם ווינטער אָן פּאַסיקע וואַרעמע קליידער פאַרן פּערסאָנאַל, אָן א גענוגיקן סכום פּראָוויאַנט פאַר אַלעמען און אפילו אָן דער מעג־לעכקײַט צו באַלײַכטן דעם גאַנצן ווינטער די קאַיוטעס. ס׳איז פאַרגעשטאַנען הונגער און פינצטערניש.

דרײַצן כאָדאָשים איז „בעלגיקע” געווען פאַרקלעמט אין אײַז.

דער מאַנגל אין נערהאַפטער שפּײַז האָט געשטעלט דעם גאַנצן פּערסאָנאַל אין א געפאַר צו ווערן קראַנק אף סקאָר־בוט. דאָקטער קוק האָט זיך געווענדט צו אַמונדסענען מיט א פאָרשלאָג:

— לאָמיר נאָך דער באַטאָניקער אַרבעט גיין פאַנגען יאַמ־הינט און פינגווינען. בלויז פרישע פלייש קאָן אונדז אַלעמען פאַרהיטן פון סקאָרבוט.

אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. פאַנגען איז געווען שווער, און עס פלעגט אײַנמאַטערן. די מענטשן האָבן געמוזט אַוועקגיין מײַלן־ווײַט פון דער שיף, און נאָכדעם אָנשטרענגענדיק די לעצטע קויכעס, אריבערשלעפּן די געהאַרגעטע חײַעס אף דער שיף. אָבער אַדאַנק די דאָזיקע געיעג־עקספּעדיציעס אפן אײַז האָט דער פּערסאָנאַל זיך געשפּײַזט ניט נאָר מיט קאָנסערוון, נאָר אויך מיט פרישע פלייש, און קימאַט קיינער איז ניט קראַנק געוואָרן.

איינמאָל האָט דער שעף פון דער עקספּעדיציע אַרויסגע־רופן צו זיך נאָך מיטיק דעם קעכער און האָט אים באַפוילן:

— מער זאָלט איר ניט דערלאַנגען צום טיש קיין יאַמ־הונט־פֿלייש! איך פֿיל, אַז כ׳האָב זיך פֿאַרסאַמט מיט דער דאָזיקער פּאַסקודסטווע, איך פֿאַרבאָט צו שפּײַזן דערמיט דעם פּערסאָנאַל!

— אָבער דעמלט,—האָט דער קעכער דערווידערט,—וועט מען מוזן אופּעסן די זאַפּאַסן קאָנסערווו.

— אַלצײנס! פֿאַרסאַמענע מענטשן וועל איך מער ניט דערלויבן.

דער קעכער האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפֿן. און די רעזולטאַטן האָבן זיך באַלד געלאָזט פֿילן, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן עפּידעמיע פֿון סקאָרבוט. קיין געזונטע זײַנען קימאַט ניט געווען. דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף האָט זיך געלייגט איינער פֿון די ערשטע. דער שעף פֿון דער עקספּעדיציע איז אויך שווער קראַנק געוואָרן. ער איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז ער האָט זיך געווענדט צום דאָקטער קוק מיט אַ באַקאָשע:

— שרײַבט מיר אָן אַ צאַוואָע, כ׳וועל אײַך דיקטירן. איך פֿיל, עס איז באַלד מײַן סאָף.

ווי דער דאָקטער האָט זיך ניט געמיט אָפּצורײדן זײַן פּאַציִענט, האָט ער דאָך געמוזט אויספֿילן זײַן באַקאָשע, קעדיי צו באַרויִקן אים. דער שעף פֿון דער עקספּעדיציע האָט קוים אָנגעדראַפּעט זײַן נאָמען אונטער דער צאַוואָע.

אַף מאָרגן האָט מען דעם דאָקטער קוק אַרויסגערופֿן צום קאַפּיטאַן.

— וואָס איז, קאַפּיטאַן?

— אַ צאַוואָע...—האָט אַ קרעכץ געטאָן דער קאָמאַנדיר פֿון „בעלגיע”.

— לאָזט עס, קאַפּיטאַן. מיר וועלן אײַך צוקאָרמענען, און איר וועט זײַן געזונט. שטעלט זיך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ פּאַניק עס וועט זיך אָנהייבן אַף דער שיף, אַז דער פּערסאָנאַל וועט זיך דערוויסן וועגן די צאַוואָעס.

— ניין, ניין, איך שטאַרב. אַ צאַוואָע...

דער דאָקטער קוק האָט נאָכאַמאָל געמוזט שפּילן די ראָליע פון א נאָטאַריוס. ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו ענדיקן דעם קאַפּיטאַנס צאַוואָע, ווי אין דער קאַיוטע האָט עמעצער שטארק אָנגעקלאַפּט.

— דעם דאָקטער קוק בעט מען גלייך אַפן שיפ־דעק.

אַפן שיפ־דעק, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שניי און אייז, איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון כאַווייריִם א מאַטראָס, בלייך, מיט אייַנגעפאַלענע אויגן, אונטערן אָרעם א פּעקל מיט זייַנע זאַכן, און ער האָט זינלאָז געהאַלטן אין איין כאַזערן:

— איך וויל אַהיים, איך וויל אַהיים.

דער דאָקטער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אומגליקלעכער איז דער ערשטער קאָרבן פון די פּאָליאַרישע ניסיוינעס: ער איז אַראָפּ פון זינען.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט דער דאָקטער, וואָס האָט זיך אין דער לעצטער, שווערער צייַט באַזונדערס באַפרייַנדעט מיטן ערשטן שטורמאַן און איז געוווינט געווען זיך אַן אייַלצע צו האַלטן מיט אים, געזאָגט אַמונדסענען:

— מע דאַרף וואַטעווען די מענטשן, דערוּנטער אונדזער קאָמאַנדירונג, וואָס האָט אין דער ערשטער ריי זיך אַליין פאַרמישפּעט אַפּ א זיכערן טויט.

— איך בין פולקום מאַסקים, — האָט ראָאַלד געענטפערט. — און אָט וואָס איך האָב צוגעטראַכט: מיר וועלן דערווייַל גאָרנישט ניט זאָגן דער קאָמאַנדירונג, אָבער מיר וועלן הייסן דעם קעכער ווידער קאָכן פלייש.

— ריכטיק, — האָט דער דאָקטער באַשלאָסן.

אינדערפרי האָט מען דעם פּערסאָנאַל געגעבן צו וויסן, אַז אַזוי־ווי דער שעף און דער קאַפּיטאַן זייַנען שטארק קראַנק, ווערט די קאָמאַנדירונג איבער דער עקספּעדיציע איבערגעגעבן דעם ערשטן שטורמאַן אַמונדסענ.

ראָאַלד האָט טייקעף פאַראָרדנט: אַלע געזונטע, — געווען

זײַנען עס סאכאקל עטלעכע מענטשן, — זאָלן ארויסגײן אפּן אײַז ארויסבאקומען די פארגראָבענע יאמהינט און פּינגווינען.

דער קעכער האָט צוגעגרײט פריש געבראָטנס. אפילע דער קאָמאנדע־פּערסאָנאל האָט זיך דאָרשטיק ארופגעוואָרפן אף אים. אין א וואָך ארום זײַנען אלע געזונט געוואָרן.

אמונדסענס באַגלייטער אונ מיטאַרבעטער

ראָאַלד האָט זיכ אופמערקזאַמ צוגעקוקט צו זײַנע כאַווייַרימ פונ דער עקספּעדיציע.

דער שעפ פונ דער עקספּעדיציע אדריאַנ גערלאַכ איז געווענ זייער א געבילדעטער אונ טיכטיקער מענטש. די שוואַכקײַט, וואָס האָט אימ באַהערשט בײַס דער קראַנקײַט, איז ניט געלעגנ אינ זײַנ כאַראַקטער. מיטאַרבעטער האָט ער זיכ צוגעקליבנ זייער גוטע. דרייסטקײַט אונ אַנטשלאָסנקײַט האָט ער אויכ פאַרמאָגט.

ווענ אמונדסענ האָט זיכ טיפער אַרײַנגעטראַכט, האָט ער אײַנגעפונענ, אז מע קאָנ גערלאַכנ אפילע ניט פאָרוואַרפנ, אז ער האָט פאַרפירט זײַנ עקספּעדיציע אינ דער פאַסטקע פונ אײַז.

וואָרעמ פאַרווירקלעכנ די עקספּעדיציע אפ דער שיפ „בעלגיע" האָט זיכ גערלאַכנ אײַנגעגעבנ ערשט נאָכ לאַנגיאָריקע באַמיִונגענ. ווענ ער וואָלט ניט געבראַכט צו פירנ אהיימ קיינ בולעטע רעזולטאַטנ פונ זײַנ שווערער אונ געפערלעכער רײַזע, וואָלטנ זיכ אפ אימ גענומענ שיטנ פונ אלע זײַטנ הונדערט מאָל שטאַרקערע פאָרווורפנ. אונ אָט, ווענ פאַר אימ איז געשטאַנענ דאָס געדיכטע אײַז, צווישנ וועלכע עס האָבנ זיכ גענומענ ציִענ צו דאָרעמ אומבאַוווּסטע קאַנאַלנ, איז דענ ניט געווענ נאַטירלעכ, וואָס גערלאַכ האָט באַשלאָסנ צו ריזיקירנ: ווער

ווייסט, עפשער וועלנ אים גראָד די דאָזיקע קאנאלנ ברענגענ צום סאמע פאָליוס?

דעריבער האָט ער, אָנשטאָט צו פארקערעווענ קיינ צאָפנ, גענומענ א קורס קיינ דאָרעמ. אונ אָט איז דער רעזולטאט: די עקספּעדיציע איז געבליבנ ווינטערנ אפנ אייז.

ראָאלד האָט קיינעמ ניט געוואָלט „באשולדיקנ", ער האָט נאָר געוואָלט „פארשטיינ". שטודירנדיק די פּאָליאר־לענדער, האָט ער געהאלטנ פאר נייטיק פריער פאר אלצ צוקוקנ זיכ צו די פּאָליאר־טוער, כדי ער אליינ זאָל קאָנענ אויסלערנענ זיכ ווערנ אזא טוער.

נאָכדעמ האָט ער זיכ מיט גרויס אינטערעס צוגעקוקט צום עלטסטנ אָפיצער, דעמ בעלגיער לעקאָנט, וועמעס אופגאבע עס איז, אייגנטלעכ, געווענ פאראייניקנ אינ איינ מישפּאָכע די פארשיידענע גרופּעס פונעמ פּערסאָנאל: די בעלגיער, פראנצויזנ, שוועדנ, אמעריקאנער, פּאָליאקנ האָבנ אונטער זיינ אָנפירונג געמוזט געפינענ א געמיינזאמע שפּראכ אונ כאווערישע טאָנ די געמיינזאמע ארבעט.

אפנ ביישפּיל פונ גערלאכנ האָט זיכ ראָאלד געלערנט זיינ א צילגעווענדטער פירער פונ אנ עקספּעדיציע, אונ אפנ ביישפּיל פונ לעקאָנטנ האָט ער שטודירט די שטריכנ פונ א גענייטנ אונ טאקטישנ אָרגאניזאטאָר. באזונדערס איז אים געפעלנ, וואָס לעקאָנט פאראייניקט אינ זיכ שטענדיקע ליבנסווירדיקייט מיט פונקט אזא שטענדיקער פעסטקייט, אונ דערמיט האָט ער געווונענ אלעמענס סימפּאטיע אונ אכטונג צו זיכ אפ דער שיפ. אויסער דעמ איז נאָכ לעקאָנט געווענ אנ אסטראָנאָמ, אונ שפּעטער־אהינ האָט ער אפ זיכ גענומענ אויכ די מאגנעטישע באָבאכטונגענ, אונ דאָס איז אויכ געפעלנ געוואָרנ אמונדסענענ.

דער זאָאָלאָג — דער רומענער עמיל ראקאָוויצא — האָט זיכ פונ סאמע אָנהייב אָנ ארויסגעוויזנ אלס גוטער כאווער אונ אינטערעסאנטער מענטש; פאר ראָאלדנ איז ער געווענ א באלערעוודיקער מוסטער פונ אנ עכטנ געלערנטנ: ער האָט

געלעבט נאָר מיט דער וויסנשאַפט, האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט, און, ווירקלעך, צום סאָף פון דער עקספּעדיציע האָט ראַקאָוויצאַ צונויפגעזאַמלט אַ קאָלאָסאַלן סכום אויסערסט ווערטפולן מאַטעריאַל.

ווייניקער אינטערעסאַנט האָבן אַמונדסענס אויסגעוויזן די צוויי אַנדערע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער: די פּאָליאַקן היינריך ארקטאָוואָסקי און אַנטאָן דאָבראָוואָלסקי. אָבער אויך דאָ האָט דער כּוש ניט אָפּגענאַרט דעם טאַלאַנטפולן שעף פון דער עקספּעדיציע: ביידע אַסיסטענטן האָבן די גאַנצע צייט געוויסנהאַפט געמאַכט באַאָבאַכטונגען איבער דעם יאַם און הימל, מעטעאָראָלאָגישע און אָקעאַנאָגראַפישע פאָרשונגען. ארקטאָווסקי איז אַחוץ דעם געווען אויך אַ געאָלאָג. ראָאַלד פלעגט אָפט צוקוקן, ווי דער דאָזיקער האָרעפּאַשנער מענטש פלעגט זיך באַ יעדן וועטער סטאַרען אויסנוצן די צייט פאַר אַ וועלכער־עס־איז נוצלעכער אַרבעט.

אָבער איין מענטשן האָט ראָאַלד הערציק ליב באַקומען באַלד פון די ערשטע טעג פון דער עקספּעדיציע, און נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָט ער אים געהאַלטן פאַר אַ מוסטערהאַפטן כּוואַר און פּאָליאַר־טוער — דעם דאָקטער פרעדעריק קוק פון ברוקלין.

שפּעטער האָט פרעדעריק קוק איבערגעלעבט שווערע ניסיוינעס: מע האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט, ניט האָבנדיק קיין רעכט דערצו, צוגעשריבן זיך די ערע פון אַנטדעקן דעם צאָפן־פּאָליוס, און אַז ער איז באַגאַנגען ניט געוויסנהאַפטע מייַסים, אויסגענוצט עפּעס ווערטפולע פּאַפּירן. אָבער אויך דעמאָלט איז אַמונדסען פעסט באַשטאַנען, אַז ער האַלט זייַן אַלטן פרייַנט קוק פאַר איינעם פון די בעסטע מענטשן, און ער האָט מיט אַלע מעגלעכקייַטן פאַרטיידיקט זייַן גוטן נאָמען.

„ער איז געווען דער איינציקער מענטש אויף אונדזער דאַמפער, — האָט ראָאַלד נאָכדעם מיט טיפן געפיל געשריבן אין זייַנע נאָטיצן, — וואָס זייַן מוט און זייַן גלייבן, אַז ס'וועט זיך

גוט ענדיקנ, האָבנ זיכ קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט. ער איינער פונ אונדז אלעמענ איז קיינמאָל ניט אריַינגעפאלנ אינ מאָרעשכוירע, איז שטענדיק געווענ פריַינטלעכ, פריילעכ אונ מונטער.

...איז עמעצער קראנק געוואָרנ, פלעגט ער זיצנ באמ קראנקנס געלעגער, ניט אָפּטרעטנ פונ אימ אונ בארויִקנ, פארוויַילנ, אופמונטערנ, אריַינגעבנ אָפּענונג. איז עמעצער אריַינגעפאלנ אינ פארצווייפלונג, פלעגט טרויערנ אָדער אופגעבראכט ווערנ, פלעגט דאָקטער קוק שטענדיק געפינענ די נייטיקע טרייסט־ווערטער. זיַינ הארצ אונ זיַינ קאָפּ זיַינענ שטענדיק געווענ ליכטיק אונ פריידיק".

אכוצ דעמ אלעמ איז ראָאלד געווענ אנציקט פונ דער אומויסשעפּלעכער דערפינדערישקיַיט פונעמ אמעריקאנער דאָקטער. ווי ס'האָט זיכ נאָר באוויזנ די לאנג־רערווארטע זונ, נאָכ די לאנגע כאדאָשימ פונ דער פּאָליאר-נאכט, האָט קוק אָרגאניזירט נאָכאנאנדיקע אויספלוגנ אפנ איַיז אויסצופאָרשנ די אומגעגנט.

פארבערענגענדיק אפנ איַיז שאָענלאנג, פלעגט ער שיקנ אפ אויסשפּירונג אויכ די כאוויירימ, זיַיענדיק זיכער, אז אינ דער אומדורכדרינגלעכער איַיז־וואנט וועט זיכ סאָפּקאָלסאָפּ דאָכ איַינגעפינענ א שפּארונע, דורכ וועלכער די שיפּ וועט קאָנענ ארויס אינ אָפּענעמ יאמ.

אונ אָט האָט איינמאָל עמעצער פונ דער שיפס־קאָמאנדע געמאָלדנ, אז עטלעכע קילאָמעטער פונ "בעלגיע" האָט דאָס איַיז גענומענ צעגיינ אונ עס האָט זיכ געבילדעט עפּעס ווי א קליינע בוכטע. קוק האָט טייקעפּ אָנגעהויבנ בויענ א פּלאנ, וואָס איז אלעמענ פאָרגעקומענ ווילד.

— הייסט עס, ס'איז געקומענ די ציַיט, ווענ דאָס איַיז צעגייט, — האָט קוק דערקלערט, — איצט מוז דאָס איַיז אומבאדינגט פּלאצנ אינ איינ אָרט, אונ דער שפּאלט וועט זיכ ציִענ פונ אָקעאנ ביז אָט דער בוכטע. פונדאנענ דרינגט ארויס, אז מיר דארפנ דורכשלעפּנ די שיפּ אינ דער בוכטע. צוליב דעמ

דארפ מענ פריִער פאַר אַלצ דורכהאקנ אינ אײַז א קאנאל פונ דער שיפ ביז דער בוכטע. צו דער ארבעט!

דער געדאנק האָט אויסגעזענ זייער פאנטאסטיש, אָבער דעמ דאָקטערס ענטוזיאזמ און אומדערמידלעכע ארבעט האָבנ אָנגעשטעקט אַלעמענ. עס האָט אויכ מיטגעצויגנ די פערספעקטיוו פונ עפּעס אנ ארבעט נאָכ אזוי פיל כאדאָשימ פונ געצוווּנגענעמ ליידיק גײנ, טאָנ אנ ארבעט, וואָס טרײַבט פאָרויס.

ס'איז געווענ נאָר איינ מעניע: דער גרעסטער טייל מאטראָסנ האָט ניט געהאט קיינ ווארעמע קליידער צו ארבעטנ לאנג אפנ אײַז. דאָ איז ראָאלדנ אײַנגעפאלנ א גליקלעכער געדאנק:

— די קאָלדרעס!

— וועלכע קאָלדרעס? — האָט דער דאָקטער ניט פארשטאנענ.

— די רויטע קאָלדרעס. צעשנײַדנ, צושנײַדנ און אָנטאָנ דעמ פערסאָנאל.

אזוי טאקע האָט מענ געטאָנ. דער גאנצער פערסאָנאל איז ארויס אפנ אײַז אינ זײַנע „מאסקאראד"-קאָסטיומענ און האָט זיכ גענומענ מיט פלײַס צו דער ארבעט.

אָנגעמערקט א גראָדע ליניע ביז דער ביכטע, האָבנ די מענטשנ גענומענ אויסזעגנ לויט דער ליניע רעגלמעסיקע דרײַעקנ, האָבנ אונטערגעלייגט אונטער זיי אופרײַס-פאטראָנעס און האָבנ טראָט נאָכ טראָט צעשטערט דאָס אײַז. יעדנ טאָג פלעגנ זיי גײנ פאָרויס אפ עטלעכע מעטער, און די ארבעט האָט געדויערט וואָכנלאנג.

סאָפּקאָלסאָפּ האָבנ זיי זיכ דערשלאָגנ, אז פונ דער שיפ צו דער בוכטע איז דורכגעלייגט געוואָרנ א שמאָלער קאנאל, דורכ וועלכנ „בעלגיע" האָט געקאָנט דורכגײנ אינ דער בוכטע. באנאכט פלעגט דער קאנאל פארצויגנ ווערנ מיט א דינ אײַז, וואָס פלעגט צעגײנ, ווענ די זונ פלעגט זיכ באווײַזנ. די קאָמאנדע האָט צוגעבונדנ צו דער שיפ קאנאטנ און האָט מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגענ דורכגעשלעפּט די שיפ צו דער בוכטע.

אַרויסגעריסן זיך פון אירע אײַז־קייטן, האָט זיך „בעלגיע״ געװויגט אַף דער שפּיגל־גלאַטער אויבערפלאַך פון דער בוכטע. אָבער די אַראָפּגענומענע קייטן האָבן דאָך ניט באַפרײַט דעם געפאַנגענעם פון דער טורמע: אַרום דער בוכטע איז געלעגן אײַז, און קיין אַרויסגאַנג צום יאַם איז ניט געווען.

— וואַרט צו, — האָט קוק, ווי שטענדיק, באַרויִקט, — באַלד וועט דאָס אײַז פּלאַצן, און מיר וועלן אַרויס אין אָקעאַן.

אַזוי איז טאַקע געווען. דורך דער בוכטע האָט זיך געביילדעט אין איינעם פון די אײַזבערג אַ גיגאַנטישער שפּאַלט; די געפאַנגענע, וואָס זײַנען 13 כאַדאָשים אָפּגעווען צווישן די אײַזבערג, האָבן זיך דורכגעשלײַכט דורכן שפּאַלט און האָבן דערזען די אומענדלעכע ברייט פונעם אָקעאַן.

ווי נאָר די שיף האָט זיך געלאָזט אין איר ווײַטערדיקן וועג, האָט מען ווידער געמוזט אָנקומען צו דער דערפינדערישקײַט פון דעם פּאָליאַרישן „באַל־סויפעס״, — צו דעם דאָקטער קוק. צוויי קאָלאָסאַלע אײַזבערג, וואָס זייערע שפּיצן האָבן געשטאַרצט צום הימל, זײַנען פון צוויי זײַטן צוגעקומען צו „בעלגיע״, ווי זיי וואָלטן אָפּגערעדט צו צעקוועטשן אָט די כוצפּעדיקע שאָלעכץ. זיי זײַנען געשטאַנען, ווי מוירעדיקע וועכטער, פון ביידע זײַטן פון דער שיף, און זי האָט ניט געוואָגט אַ ריר טאָן זיך, — דאָס וואָלט דערנענטערט די שאָ פון איר אומקום.

טאָג און נאַכט האָבן די אײַזבערג געקוועטשט די באָרטן פון דער שיף, און די קלעפּ פון די אײַז־בלאָקן זײַנען געווען אַזוי הילכיק, אַז פון טומל און טראַסק האָבן די מענטשן ניט געהערט איינער דעם אַנדערן.

— מע מוז מאַכן עפּעס אַ מין ברוסטוער, ער זאָל אָפּהענגען פון ביידע זײַטן באָרט! — האָט דער דאָקטער קוק פאָרגעלייגט.

ווי אומגלייבלעך עס האָט ניט געשײַנט צו זײַן אַזאַ אויסלייזונג פון דער געפאַר, האָט זיך די גאַנצע שיפס־קאָמאַנדע ווידער גענומען צו דער אַרבעט, אויסנוצנדיק דערבײַ די פעלן

פון די געהאַרגעטע יאַמהינט. דער אַמעריקאַנער איז אויך דאָס מאָל געווען גערעכט. די קלעפּ פון די אײַז־בלאָקן אָן די באָרטן פון דער שיף זײַנען אַפּ אַזויפיל אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז „בעלגיע”, אויסוואַרטנדיק אַ באַשטימטע צײַט, האָט זיך דאָך אַרויסגעריסן פון די גרויזאַמע אָרעמס פון די אײַזבערג און איז אַרויסגעשווומען אין אָפּענעם יאַם.

אָבער פון די קלעפּ און צעטרייסלונגען באַם צונויפשטויסן זיך מיט די אײַזבערג זײַנען אַפּ דער שיף קאַליע געוואָרן דער כראָנאָמעטער און אַנדערע נאַוויגאַציע־אינסטרומענטן. האָט מען געמוזט זיך לאָזן גיין אַפּ גוט גליק, ניט זײַענדיק זיכער, צי דער קורס איז ריכטיק גענומען.

דאָס אַלץ האָט שטאַרק באַאומרויִקט און אויפגערעגט ראָאַלדן, וואָס האָט אינגאַנצן צונויפגעשמידט זײַן גורל מיטן לעבן פון דער עקספּעדיציע און פון איר שיף. אָבער דעם גרונט־ציל זײַנעם — פּולקום זיך באַוואָפענען צו די קומענדיקע פּאָליאַר־פאָרשונגען — האָט אַמונדסען קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

באַנאַכט, ווען אַלע, כוץ די דעזשורנע, פלעגן שוין שלאָפן, פלעגט זיך ראָאַלד זעצן צו זײַנע העפטן, זײַן ווילנס־קראַפט פלעגט צווינגען בײַקומען די מידקײַט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט נאָכן שווערן אַרבעטטאָג, און ער פלעגט שרײַבן, שרײַבן אַנדערשמאָל ביז באַגינען... ער פלעגט פאַרשרײַבן אין זײַנע נאָטיצן אַלץ, וואָס ער האָט באַמערקט אַרום, אַלץ, אין וואָס ער האָט זיך אַליין איבערצײַגט, אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון געניטע מענטשן.

פּאָרויטזעענדיק, אַז די עקספּעדיציע וועט זיך אינגיכן אומקערן קיין אייראָפּע, האָט זיך ראָאַלד איצט געמיט צו באַשטימען די רעזולטאַטן, וועלכע די עקספּעדיציע האָט זיך דערשלאָגן אין די לאַנגע כאַדאָשים פון פּאָליאַר־רייס און שווערע ניסיונעס.

„אָנגעהויבן פון דעם קאָפּ האָרן, — האָט אַמונדסען געשריבן, — און ביז נײַ־שאָטלאַנד האָט מען די גאַנצע צײַט גע־

מאַכט באַבאַכטונגען מיטן לאָט. די דאָזיקע אויספאָרשונגען זײַנען העכסט וויכטיק, ווײַל ביז איצט איז דער דאָזיקער פאַרוואַטער געווען קנאַפּ באַוווּסט.

גרויסע געאָגראַפישע אַרבעטן האָט די עקספּעדיציע אָפּגע־טאָן אויפן צאָפן־ברעג פון גראַהאַם־לאַנד".

איינמאָל איז ראָאַלד געזעסן אין זײַן קאַיוטע און, אײַ־בערלייענדיק, וואָס ער האָט באַנאַכט געשריבן, האָט ער אויספּאַריכט אייניקע ניט־קלאָרע ערטער. פּלוצלינג האָט ער דער־הערט אויפן שיף־דעק געשרייען און אַ הילכיק טופּען פון פיס.

אַרויפגעלאָפן אַרויף, האָט ער דערהערט אין טומל דאָס פריילעכע קאָל פונעם מאַטראָס, וואָס איז געהאַנגען אויפן שפּיץ מאַסטבוים און האָט געשריִען:

— יאַבאָשע! יאַבאָשע!

— ס'איז אויסער ספּפעק, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, אַראָפּלאָזנדיק זײַן קאָלאָסאַלן בינאָקל, — אַז מיר קומען צו צום מאַגעלאַן־דורכגוס.

אַמונדסען האָט אויך אויפגעהויבן זײַן בינאָקל, דער רעליעף פונעם ווײַטן ברעג איז געווען וווּנדערבאַר ענלעך אויף די קאַנ־טורן פון אַ גאָטישער קאַטעדראַל. דאָס איז געווען דער באַ־רימטער קירכן־אינדזל.

אינעם יאָר 1899, צוויי יאָר נאָך זײַן אָפּפאָרן פונעם אַנט־וועריפּענער רעיד, האָט זיך ראָאַלד אומגעקערט קיין נאָרוועגיע.

דער רייס אויף „בעלגיע" איז געווען די ערשטע פּאָליאַר־רײַזע, אין וועלכער אַמונדסען האָט זיך באַטייליקט.

דאָס האָט נאָך מער פּאַרפעסטיקט אַמונדסענס שטרעבונגען צו ווידמען זײַן גאַנצן לעבן די פּאָליאַר־פּאָרשונגען.

דעם קאַפּיטאַן אַמונדסענס פּלאַן

ס׳איז אַוועק אַ יאָר.

אַמונדסען איז ווײַטער געגאַנגען צום אָנגעמערקטן ציל. ער האָט אָפּגעגעבן עקזאַמען אויפֿן טיטל קאַפּיטאַן.

איצט איז געקומען די צײַט אָנצוהייבן גרייטן אַן אייגענע עקספּעדיציע, וואָס זאָל פֿאַרווירקלעכן ראָאַלדס פֿאַרבאָרגענעם טרוים: אומבאַדינגט געפֿינען דעם צפֿון-מערעוודיקן דורכגאַנג לענגויס די ברעגן פֿון צפֿון-אַמעריקע איבערן צפֿונדיקן אײַז-אָקעאַן, — דעם דורכגאַנג, וואָס פֿיל פּאָליאַר-רײַזנדער האָבן אומזיסט געזוכט אין משך פֿון הונדערטער יאָרן.

אין יענער צײַט איז פּריטיאָף נאַנסען, נאָך דעם, ווי ער איז אויף ליזשעס דורכגעגאַנגען גרענלאַנד, און נאָך זײַן באַרימטער עקספּעדיציע אויף „פֿראַם", געוואָרן דער פֿאָלקס-העלד פֿון נאָרוועגיע און באַרימט אין דער גאַנצער וועלט. גיין צו נאַנסענען, דורכשמועסן זיך מיט אים, באַקומען זײַן צושטימונג און זײַנע אייצעס, — דאָס האָט געשײַנט ראָאַלדן צו זײַן ניט נאָר אַ רעגנדיקע פֿרייד, נאָר אויך אַ וויסנשאַפֿטלעך-נייטיקע שטופּע אין אויספֿילן זײַן פּלאַן.

ענדלעך איז די לאַנג-געוואַרטע זעונג פֿאָרגעקומען. ראָאַלדן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האַרץ וועט באַ אים אַרויסשפּרינגען פֿון דער ברוסט: אַזוי שטאַרק האָט עס געקלאַפּט אין דער

מינוט, ווען ער איז אריינגעגאנגען אין קאבינעט פונעם באַ־רימטן פּאַליאַר־פאָרשער.

אָבער אין אַ האלב שעה אַרום האָבן זיי שוין געשמועסט, ווי אַלטע באקאנטע. דאָקטאָר נאַנסען האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א פּאַשעטן און פריינטלעכן מענטשן.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, אופמערקזאַם אויסהערנדיק אמונדסענען, — פאר אייך שטייט א גרויסע און פאראנטוואָרט־לעכע אופגאבע. שוין פיל יאָרהונדערטער שלאָגן זיך די מענטשן איבער דער לייזונג פון דער דאָזיקער אופגאבע. אויב דער צאָפן־מייִרעווודיקער דורכגאנג וועט געפונען ווערן און אזויארום וועט זיך ברייט עפענען א וועג מיטן יאַם פון איירָאָפּע קיין כינע און אינדיע, — וועט עס אליין שאפן פאר דער מענטשהייט די גרעסטע מעגלעכקייטן.

ווען ראָאלד איז אוועק פון נאַנסענען, האָט זיין קאָפּ געפלאַמט פון אופרעגונג, אנציקונג און האָפענונג. די אייצע פונעם געניטן ווייזנדער — זאָרגפאַל צו שטודירן די טעאָריע פון ערד־מאגנעטיזם און אויסלערנען זיך אין דער פּראקטיק מאכן מאגנעט־באאָבאכטונגען, — האָט אמונדסען אופגענומען אלס א געזעץ. און דערצו נאָך אזא פרייד: נאַנסען האָט צוגעזאָגט געבן אים רעקאָמענדאציעס צו געלערנטע, וועלכע וועלן אים קאָנען העלפן.

אפּ מאָרגן האָט ראָאלד אוועקגעשיקט א בריוו צום די־רעקטאָר פון דער בריטישער אָבסערוואטאָריע אין קיו: ער האָט אים געבעטן דערלויבן צו קומען ארבעטן אין דער אָב־סערוואטאָריע אין ענגלאנד. קימאט ניט צווייפלענדיק, אז ער וועט באקומען די דערלויבעניש, האָט ער זיך אָנגעהויבן גרייטן צום אָפּפאָרן. ערשט דאָ באקומט ער פּיטאמאָל גאָר ניט קיין פריילעכן ענטפער: דער דירעקטאָר האָט, צום באדויערן, ניט געפונען פאר מעגלעך אין דער נאָענטסטער צייט אויספילן די באקאָשע פונעם יונגן נאָרוועגער.

צום גליק האָט נאַנסען, אזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, גע־

שיקט אמונדסענען מיט זײַן רעקאָמענדאַציע צום דירעקטאָר פֿון מעטעאָראָלאָגישן אינסטיטוט אין קריסטיאַניע. דער דירעק־טאָר האָט זײַער ליבנסווירדיק אופֿגענומען ראָאַלדן, טײקעף אָנגעשריבן און דערלאַנגט אים א בריוו, אַדרעסירט קיין האַמבורג.

— פֿאָרט קיין דײַטשלאַנד און גייט גלײַך צו נ ײ מ ײַ ע ר נ, — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט.

— ווי? צו געאָרג נײמײַערן? וועט מיך דען אזא באַ־רימטער געלערנטער אופֿנעמען?

— איז זײַט ענערגיש, — האָט דער דירעקטאָר א שמייכל געטאָן, — און דערשלאָגט זיך אן אופֿנעם בא אים. איך מיין, אז מיט דער הילף פֿון מײַן בריוו וועט זיך דאָס אײַך אײַנגעבן.

אינגיכן איז אמונדסען שוין געווען אין האַמבורג און איז ווידער מיט האַרצקלאַפּעניש געגאַנגען אַף די טרעפּ פֿון דער זֶ רטיקער יאַם־אָבסערוואַטאָריע.

אָבער דאָס מאָל איז די אופֿרעגונג געווען אומזיסט. אנט־קעגן ראָאַלדן האָט זיך אופֿגעהויבן א מענטש פֿון א יאָר זי־בעציק מיט לאַנגע ווײַסע האָר און מיט א ליבלעך פּאָנעם, שטאַרק ענלעך אַפֿן באַרימטן מוזיקער פֿראַנץ ליסט. ער האָט ליבנסווירדיק פֿאַרגעלייגט דעם נאַרוועגישן גאַסט זיך זעצן און האָט אים געפֿרעגט, מיט וואָס ער קאָן אים נוצלעך זײַן.

— איך וואָלט געוואָלט באַקומען קענטענישן, וואָס זײַנען נייטיק אַף גרינטלעך אויסצופֿאָרשן די פּאָליאַר־לענדער, — האָט אמונדסען געענטפֿערט און האָט אָנגעהויבן מיט היץ דערקלערן די סיבעט און דעם צוועק פֿון זײַן פֿאַרלאַנג.

דער אַלטער האָט אופֿמערקזאַם געהערט, קוקנדיק שאַרף אַף זײַן באַזוכער, און נאָכדעם האָט ער פּלוצלינג געזאָגט:

— מיר שײַנט, יונגערמאַן, אז איר רעדט נאָר אַלגעמיינע ווערטער, אָבער דעם עצעם איקער באַהאַלט איר אויס פֿון מיר.

אין דעם ערנסטן טאָן פֿון דעם אַלטן געלערנטן האָט ראָאַלד דערפֿילט צוטרוי און מיטגעפֿיל, און ער האָט באַשלאָסן אָפֿנהאַרציק אַרויסצוזאָגן זײַן פּלאַן.

— איך וועל פרוּוון אנטדעקן דעם צאָפן־מײַרעוודיקן דורכגאנג.

ניימײַער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און נאָכדעם האָט ער לײַכט א שמייכל געטאָן.

— אנטשולדיקט, דאָס איז אָבער נאָך אויך ניט אלץ, — האָט ער געזאָגט.

ראָאלר איז רויט געוואָרן און האָט א קוק געטאָן אפן געלערנטן, וואָס האָט פרײַנטלעך באריִרט זײַן האנט און געווארט אפ אן ענטפער.

— יאָ, — האָט אמונדסען געזאָגט, — דאָס איז נאָך אויך ניט אלץ. מיר שײַנט, אז די ערשטראנגיקע אופגאבע פון א פּאָליאר־פאָרשער איז איצט — באשטימען גענוי, ווו עס געפינט זיך דער צאָפנדיקער מאגנעט־פּאָליוס. איך מוז דאָס טאָן.

דער אלטער האָט זיך אופגעהויבן מיט א לעבעדיקײַט, גאָר ניט ווי פאר זײַנע יאָרן, איז צוגעגאנגען צו ראָאלדן און האָט אים ארומגענומען.

— איך פיל, יונגערמאַי, אז איר זײַט אימשטאנד אויסצופילן אײַערע אופגאבן. ארבעט, און די מענטשהײַט וועט אײַך דאנקבאר זײַן.

באפליגלט פון אזא דערמוטיקונג, האָט זיך אמונדסען ענערגיש גענומען ארבעטן אונטער דער אָנפירונג פון איינעם פון די סאמע אויטאָריטעטע וועלט־געלערנטע. קעדיי צו בארעכטיקן דעם פּראָפעסאָרס צוטרוי, פלעגט ער יעדן פרימאָרגן קומען אין אָבסערוואטאָריע דער ערשטער און אוועקגיין דער לעצטער. פון זײַן זײַט ווידער האָט דער גוטער אלטער אין מעשעך פון עטלעכע כאדאָשים שטארק פּראָטעזשירט און אפילע געבאלעוועט זײַן נאָרוועגישן שילער און יונגן פרײַנט.

אן אלטער באָכער און, אדאנק זײַנע ווערק, א פולקום באוואָרנטער מעגטש, פלעגט דער פּראָפעסאָר ניימײַער געוויינלעך עסן מיטיק אין רעסטאָראן באם בעסטן האָטעל אין שטאָט. דער האָטעל איז געווען מעבלירט מיט א לוקסוס, וואָס האָט

פאַרוווּנדערט דעם באַשיידענעם איינוווינער פון אַן אָרעם און האַרב לאַנד, בייס דער אַלטער האָט איינגעלאַדן ראָאַלדן אין רעסטאָראַן עסן מיט אים מיטיק. אַמונדסען האָט שפּעטער שמייכלענדיק דערציילט, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט אים די געבײַדע פון האָטעל אויסגעזען, ווי אַ קיניגלעכער פּאַלאַץ, דער רעסטאָראַן־זאַל — ווי אַ לעגענדאַרער פּאַלאַץ, און דער מיטיק — ווי אַן אומגעוויינלעכע סודע. אָבער דעם איינזאַמען פּראָפעסאָר איז געפעלן געווען צו עסן מיטיק מיט זײַן יונגן שילער, און ער פלעגט אים אַלץ אָפטער איינלאַדן. אַמונדסען פלעגט זיך, עמעס, זשענירן, אָבער אָפּזאָגן זיך איז געווען אומבאַקוועם.

ראָאַלד האָט זיך געפילט פולקום גליקלעך פון שטענדיקן פאַרקער מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אים געקאָנט געבן די בעסטע קענטענישן און אייצעס פאַר זײַן קומענדיקער טעטיקײַט. אַחוץ דעם האָט אים דער פּראָפעסאָר באַקענט מיט אַנדערע געלערנטע, און די שמועסן מיט זיי האָבן אַלץ מער פאַרברייטערט ראָאַלדס אינטעלעקטועלן האָריזאָנט.

ווען עס האָבן זיך פאַרענדיקט די לימודים אין האַמבורג, האָט נײַמײַער געהאָלפן אַמונדסענען איינשטעלן זייער וויכטיקע פאַר אים פאַרבינדונגען מיט די אָבסערוואַטאָריעס אין וועלט־העלמהאָלץ אין פּאָטסדאַם, און ראָאַלד איז אָפּגעפאָרן אין יאָר 1900 קיין נאָרוועגיע מיטן סאַמע וואַרעמען געפיל פון דאַנקבאַרקײַט צום אַלטן צערטלעכן פּראָפעסאָר.

באַוואָפנט זיך מיט אַ קאָלאָסאַלן סכום נייטיקע קענטענישן, האָט אַמונדסען איצט געהאַלטן פאַר נויטווענדיק אויסצופּרוּוון זיך אויך אַלס שיפס־פירער. אין צאָפן־נאָרוועגיע האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצוזוכן אַ קליינע יאַכט־שיף מיטן נאָמען „יאָא", וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זײַן צוגעפּאַסט פאַר זײַן ציל.

— ווי אַלט איז זי? — האָט ער געפרעגט באַם באַלעבאָס פון דער יאַכטע.

— אַכט און צוואַנציק — האָט יענער געענטפערט.

— פונקט ווי פּל איך, — האָט זיך ראָאַלד דערפרייט מיט אַזאַ צונויפפאַל און האָט באַשלאָסן צו קויפן גראָד אָט די שיף.

„יאָא“ האָט געהאַט אַ טאָנאַזש פון 47 טאָן, זי האָט געהאַלטן 72 פוס די לענג און 11 פוס די ברייט. אַפ אויסצופּרוּוון דאָס ערשטע מאָל האָט זיך דער „קאַפּיטאַן“ אַמונדסען געלאָזט מיט דער שיף אין צאָפן־טייל פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. פאָרנדיק צווישן נאָרוועגיע און גרענלאַנד, האָט ער זיך פאַרנומען מיט אָקעאַנאָגראַפישע פאָרשונגען. אין איינעם אַ געשפּרעך מיט נאַנסענען האָט זיך ראָאַלד דערוווּסט, אַז דער באַרימטער רייזנדער דאַרף האָבן גראָד דעם וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל, וואָס מע האָט געקאָנט באַקומען בײַם דער דאָזיקער רייזע. און אַלס דאַנקבאַרקייט פאַר דער הילף, וואָס נאַנסען האָט אים געגעבן, האָט ער אים געבראַכט דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל. נאַנסען איז געווען שטאַרק צופרידן און האָט הייס געדאַנקט ראָאַלדן.

ווינטער 1902 יאָר און פרילינג 1903 יאָר איז אַמונדסען געווען פאַרנומען מיט זוכן מיטלען פאַר דער פאָרשטייענדיקער גרויסער עקספּעדיציע, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל אַנטדעקן דעם צאָפן־מײַרעוודיקן דורכגאַנג. ער האָט זיך געווענדט סײַ צו גרויסע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן סײַ צו פּריוואַטע פערזאָנען, אָבער אין ערגעץ איז מען אים ניט געגאַנגען אַנטקעגן, מע האָט געהאַלטן, אַז פון זײַן אויפטו וועט סײַווי גאָרנישט אַרויס.

ניט זעענדיק קיין מעגלעכקייט צו באַקומען די נייטיקע אונטערשטיצונג מיצאַד די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, ווו עס זײַנען געזעסן ביוראָקראַטן און סקעפּטיקער, האָט זיך ראָאַלד געזאָגט צום הונדערטסטן מאָל:

— פאַרלאָז זיך נאָר אַפ זיך אַליין!

און ער האָט זיך געווענדט צו קאָמערסאַנטן, וואָס האָבן געגעבן געלט אַפ פּראָצענט, און האָט אונטערגעשריבן טערמינ־

וועקסלען. קרעדיט האָט אים געגעבן זײַן שיף, וואָס אַף אײַנ־קויפן זי האָט ער אויסגעגעבן אַלע זײַנע אָפּשפּאָרונגען.

די רײַזע האָט געדאַרפט געדויערן ניט ווייניקער ווי דרײַ יאָר, און מע האָט באַדאַרפט האָבן גרויסע זאַפּאַסן. אַמונדסען איז אַלץ מער און מער אַרײַנגעקראָכן אין כויוועס, און אין יאָר 1903 האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז מע דאַרף זיך לאָזן אין יאַם, אַניט קאָן דער גאַנצער אײַסעק פּלאַצן. אייניקע קרע־דיטאָרן האָבן פאַרלאָרן דעם געדולד און האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט זייערע כויוועס. ענדלעך האָט דעם 16 יונ איינער פון די קרעדיטאָרן געמאָלדן אַמונדסענען:

— אויב איר וועט מיר ניט אַרײַנטראָגן דאָס געלט אין מעשעך פון 24 שאָ, וועל איך אַרופליגן אַן אַרעסט אַף אײַער שיף, און אײַך אַליינ וועל איך הייסן אַרעסטירן פאַר שווינד־לערײַ.

ראָאַלד האָט צוגעזאָגט אײַנצוצאָלן. ווען ער איז געקומען אהיים, האָט ער געשיקט א יעדיק זײַנע זעקס כאַווײרים פון דער עקספּעדיציע, אַז באַנאַכט דאַרף „יאָא” אָפּפאָרן. אַלע האָבן געענטפערט, אַז זיי זײַנען גרייט דערצו.

אינמיטן נאַכט זײַנען זיבן „פאַרשווערער” אין א שלאַקס־רעגן אַוועק צום ברעג, ווו ס'איז געשטאַנען „יאָא”, זײַנען אַרופ אַפן באָרט, און אין א האַלב שאָ אַרום האָט זיך שוין די שיף געטראָגן צום דײַטשישן יאַם.

— איך שטעל מיר פאָר, — האָט אַמונדסען געזאָגט צו זײַנע כאַווײרים, — וואָס פאַר א מינע עס וועט מאַכן אונדזער גרויזאַמער קרעדיטאָר, ווען ער וועט מאָרגן קומען צום ברעג אַרופליגן אַן אַרעסט אַף אונדזער שיף.

— נישקאָשע, — האָט ראָאַלדן געענטפערט איינער פון זײַנע כאַווײרים, — אַז מירן אים ברענגען צו פירן צוזאַמען מיט זײַן קאַפּיטאַל אונדזערע אַנטדעקונגען, וועט ער זײַן צופרידן פון אַזוינע פּרעזענטן.

— כ'רעכן! — האָט אַן אַנדערער באַמערקט, — דעמלט וועט ער

אווּאדע זאָגנ, אז נאָר אדאנק אימ איז פאָרגעקומענ די עקס־פּעדיציע.

— דערוויַיל אָבער, — האָט אמונדסענ א שמייכל געטאָנ, — האלט ער אונדז פאר עמעסע יאמ־רויבער. אונ מיר דאכט, אז אינ די דאָזיקע וואסערנ זיַינענ קיינ מער גליקלעכע יאמ־רויבער ניט געווענ.

שווער איז געווענ אמונדסענענ מיט געלט. אָבער ער האָט זיכ ניט באקלאָגט אונ האָט ניט באזונדערס געהאָפט אפ עמעצנס הילפ פונ אויסנ. אזוי איז ביכלאל די לאגע פונ א פאָרשער אונ דערפינדער אינ די קאפּיטאליסטישע מעלוכעס: דער דערפאָלג פונ אנ עקספּעדיציע, פונ א לאבאָראטאָרישער ארבעט אָדער פונ ווערטפולסטע פאָרשונגענ הענגט אָפּ פונעמ קאפּריז פונ אייַנצלנע פּערזאָנענ אָדער פונ דעמ מיטגעפיל פונ געוויסע געזעלשאפטנ.

אי דאָס מאָל אי שפּעטער איז אמונדסענענ אויסגעקומענ צו האָבנ צו טאָנ מיט פּראָטעזשירער, פּראָצענטניקעס אונ אונטערנעמער: אָנ זייערע קאפּיטאלנ וואָלט ער ניט געקאָנט פאָרזעצנ זיַינ באליבטע ארבעט, אָבער פונ זייער ווילקירלעכער אייַנגעשפּארטקייַט פלעגט ער אָפט לייַדנ.

בלויז אינ אונדזער לאנד, ווו די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט האָט אנטפּלעקט אומבאשרענקטע מעגלעכקייַטנ פאר דער אנטוויקלונג פונ דער קולטור, פונ דער וויסנשאפט אונ טעכניק, — בלויז אינ אונדזער לאנד אָרגאניזירט די מעלוכע גופע די ארבעט פונ די געלערנטע, פונ זי פאָרשער, די באזיגער פונ דער סטיכיע, אונ זי באזאָרגט זיי מיט אלע נייטיקע מיטלענ אונ פּראָדוציר־געצייַג פאר זייער ארבעט לעטוויועס דער מענטשהייַט.

די ערשטע זעלבשטענדיקע עקספּעדיציע

בייט ראָאלד איז געווען אין ענגלאנד, אין יאָר 1899, האָט ער אויפגעזוכט און איַינגעשאפּט זיך די גאנצע ליטעראטור, וועלכע מע האָט נאָר דעמאָלט געקאָנט צונויפזאמלען וועגן צאָפּן-מײַרעוודיקן דורכגאנג.

איינער פון די ביכער — דעם אדמיראל לעאָפּאָלד מאַק-קלינטאָקס באריכט — האָט מער פאר אלץ פאראינטערעסירט אמונדסענען, ווײַל ער האָט אויפגעדעקט דעם טאָעס, וועלכע עס פלעגן שטענדיק באגיין אלע די, וואָס האָבן פריִער געזוכט דעם דורכגאנג. דער דאָזיקער טאָעס איז, אייגנטלעך, פאָרמולירט געוואָרן גאָר פּאָשעט, שיר ניט אין איין פראזע:

„דעם עמעסן דורכגאנג וועט מען קאָנען געפינען, אויב מע זאָל גיין דאָרעמדיקער, ניט ווי עס זײַנען ביז אהער געגאנגען אלע פאָרשער".

די דאָזיקע פראזע איז געווען ראָאלדס א מין וועגווײַזער. זײַנע באגלייטער האָט ער דערווײַל גאָרנישט ניט געזאָגט: ער האָט געוואָלט אויסוויילן זײַן קורס, ווען ער וועט מיט די אייגענע אויגן דערזען אלע מעגלעכקײַטן און אלע מעניעס פון דער פאָרשטייענדיקער רײַזע.

„יאָא" האָט זיך געלאָזט פריִער פאר אלץ צום מײַרעוו-ברעג פון גרענלאנד און האָט פאראנקערט אין גודהאַוון, אפן אינדזל דיסקאָ. דאָ האָט אמונדסען גענומען אפן באָרט 20 הינט, וועלכע

ס'האָט אימ געגעבנ די דעניש־גרענלאַנדישע האַנדלס־קאָמפּאַניע.

באַשרײַבנדיק זײַנ „ווערטפולע שיפּ", ווי ער פלעגט זי רופנ אינ שפּאַס, באַמערקט ראָאַלד:

„מיר האָבנ געהאַט נאָר איינ מאַסטבוימ, אַזוי אַז מיר האָבנ געקאָנט שטעלנ בלויז איינ גראָט אונ עטלעכע שטאַקסלענ. עמעס, מיר האָבנ אויכ געהאַט א גוטנ באַהילפיקנ מאָטאָר, אָבער דעמלט האָט מענ בענזינ־מאָטאָרנ נאָכ געהאַלטנ פאַר ניט קיינ זיכערער זאַכ, אונ א סאַכ האָבנ אונדז געשראָקנ, אַז עס קאָנ געשענ אַנ אופּרײַס אונ א סרייפע.

דער אויסערלעכער אויסזענ אונדזערער האָט מיט זיכ קיינ שומ אויסערגעוויינלעכס ניט פאָרגעשטעלט. אָבער אונדזער פּראַכט! מיר האָבנ גענומענ אינ אַכט יעדנ קוואַדראַט־סאַנטימעטער אינעמ טריומ, אונ דאָכ האָבנ זיכ דאָרט אַלע קאַסטנס ניט אויסגעשטעלט. האָט מענ געמוזט פאַרלייגנ מיט קאַסטנס אויכ דעמ גאַנצנ שיפּ־דעק אונ שטעלנ זיי איינעמ אויפנ צווייטנ. ווענ מיר זײַנענ אַרויס אינ אײַז־אָקעאַנ, זײַנענ מיר דעריבער געוויס ענלעכ געווענ מער כאַר אַלצ אויפ א פור מיט מעבל, ווענ מע ציט זיכ איבער אינ א נײַער דירע".

די שיפּ איז אַפילע געווענ אַזוי אָנגעלאָדנ, אַז זי איז קימאַט אינגאַנצנ געווענ אינ וואַסער, אָבער אַמונדסענ איז געווענ צופרידנ מיט זײַנ אויסגערעכנטקײַט: ער האָט גענומענ אינ אַכט די דערפאַרונג פונ אַלע פריערדיקע עקספּעדיציעס אונ האָט זיכ באַוואָרנט מיט אַלדאָס נייטיקע פאַר א רײַזע, וואָס איז געפּלאַנט אויפ עטלעכע יאָר.

לעבנ דעמ אינדזל ביטשי האָבנ זיי זיכ אָפּגעשטעלט מאַכנ א ריי זאָרגפולע מאַגנעט־באַאָבאַכטונגענ, קעדיי פעסטצושטעלנ די פּינקטלעכע ריכטונג פונעמ מאַגנעט־פּאָליוס. דער רעזולטאַט פונ די באַאָבאַכטונגענ האָט אָנגעוויזנ אויפנ מײַרעוו־ברעג פונעמ האַלב־אינדזל באָאָטיע.

אַרײַנקומענדיק דערנאָכ אינ פּילס דורכגוס, איז „יאָא" שיר

ניט אומגעקומען פון א שטאָרם, וואָס האָט זיך איינמאָל גע־האט צעבושעוועט. דער פארוואטער איז נאָך דעמלט ניט גע־ווען פארצייכנט אף דער קארטע, און בייס די שיף איז דורכ־געגאנגען דעם דורכגוס, האָט מען די גאנצע צייט געדארפט מעסטן די טיף מיטן לאָט. אמאָל פלעגט פון איין באָרט דער לאָט באווייזן אן אומגעהייערע טיף פון אָקעאן, און פון אנדערן באָרט פלעגן זיך זען ריפן, דורכגעשניטענע פון די כוואליעס. פלוצלינג האָט זיך „יאָא" אָנגעשטויסן אף אן אונטערוואסער־פעלדז, און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אז ניט אנדערש — דער שטאָרם וועט צעשמעטערן דאָס נעבעכדיקע שיפעלע אָן דעם דאָזיקן שטיינערנעם באריער; אָבער א גרויסע כוואליע האָט אונטערגעכאפט די שיף און אריבערגעוואָרפן זי איבערן פעלדז. אמונדסען, וואָס איז דעמלט געווען אינעם באאָבאכטונג־פאסט, האָט קוים באוויזן איבערצוכאפן דעם אָטעם פון דער איבער־געלעבטער דערשיטערונג, — ווי ער האָט דערהערט א געשריי פון דעם שטייערמאן:

— דער שטייער פאָלגט ניט!

ווירקלעך, דער שטייער האָט זיך אָפגעזאָגט צו פאָלגן, ווען דער שטייערמאן האָט געדרייט דעם שטורוואל. אמונדסען האָט אים באטראכט און האָט פעסטגעשטעלט, אז באם אריבערוואָרפן איבערן פעלדז האָט דער שטייער באקומען פון אונטן אזא קלאפ, אז די מעטאלענע האקנס זיינען זיך ארויס פון די קייטלעך סיי פון אויבן און סיי פון אונטן. צום גליק זיינען די האקנס ניט ארויסגעשפרונגען אינגאנצן און האָבן זיך גע־האלטן, שטייענדיק אף די קייטלעך. אין עטלעכע מינוט ארום זיינען זיי ווידער ארייַן אין די קייטלעך, און דער שטורוואל האָט אָנגעהויבן ארבעטן. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס עס וואָלט געווען, ווען די שיף זאָל געווען בלייבן אינעם איַיז אָן א שטייער.

ס'איז אריבער עטלעכע טעג. אינדערפרי האָט דער מא־שיניסט אָנגעקלאפט צו אמונדסענען און מיטגעטיילט, אז איין

בידאָן מיט ברענשטאָף רינט. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן טיי־קעס איבערפּאָמפּען דעם ברענשטאָף אין אַן אַנדער בידאָן. אין אָוונט, ווען מע איז געשטאַנען פאַראַנקערט בא אַ קליינעם אינדזל, האָט זיך אַף דער שיף דערהערט אַ שרעקלעכער געשריי:

— אַ סרייפע!

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן שיף־דעק, די מאַשינ־אָפּטיילונג האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ יאַם פייער. מיט געמיינזאַמער אָנשטרענגונג, פאַרגיסנדיק דאָס פייער מיט וואַסער, האָט מען פאַרלאָשן די סרייפע. ווען דער מאַשיניסט זאָל אינדערפרי טייקעס ניט געווען אויספּילן דעם קאַפּיטאַנס פאַראָרדענונג, — וואָלט „יאַא" אופגעריסן געוואָרן אינדערלופטן.

איבערלעבנדיק נאָכדעם אַ פירטאָגיקן שטאָרעם, וואָס האָט געדראָעט אַרויסשליידערן די שיף אַפן ברעג בא באָאָטיע, איז „יאַא" אוועק אינעם דורכגוס רע זוכן אַ באַקוועם אָרט אַף איבערווינטערן. ס'איז געווען אָנהייב סענטיאַבער, און ס'האָט זיך אָנגערוקט די לאַנגע פּאָליאַר־נאַכט, וועלכע ס'איז אויסגעקומען פאַרברענגען אין די דאָזיקע ערטער, פאַרנעמענדיק זיך מיט דער אָנגעמערקטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

דאָס אָרט, וואָס אַמונדסען האָט געפונען, האָט אים געעיינט אַלס „דאָס בעסטע אין דער וועלט". דאָס איז געווען זייער אַ שיינע און באַקוועמע קליינע בוכטע באַם דאָרעמ־ברעג פון קיניג־וויליאַמס לאַנד. אַרומגערינגלט מיט קליינע בערג, איז די בוכטע געווען פאַרן נאַוויגאַטאָר דאָס סאַמע געוווּנטשענע שוץ־אָרט.

דער פּערסאָנאַל האָט זיך גענומען צוגרייטן צום ווינטער. אַלע קאַסטנס האָט מען אויסגעלאָדן אַפן ברעג און פאַנאַנדערגעפּאַקט. אופגעבויט די קאַסטנס האָט מען זייער דורכגעטראַכט: מע האָט זיי געמאַכט פון ספּעציעל צוגעקליבענעם האָלץ, אַלע ברעטער זייערע זיינען געווען פון גלייכער גרייס און צוגעקלאַפּט מיט קופּערנע טשוועקעס. אַזויאַרום האָט מען מיט דעם

דאָזיקן מאַטעריאַל געקאָנט זיך פרײַ באַנוצן אַפּ אופּצובויען אַ לאַבאָראַטאָריע, און אײַזערנע טשוועקעס וואָלטן געקאָנט ווירקן אַפּ די מאַגנעט־נאָדלען.

די פּינקטלעכע אינסטרומענטן, וואָס זײַנען אַפריער אײַנ־געקויפט געוואָרן אין דײַטשלאַנד, האָבן געאַרבעט מיט אַ זייגער־מעכאַניזם, און זיי האָבן געפירט די רעגיסטראַציע מיט ספּעציעלע אײַנריכטונגען. די עקספּעדיציע האָט זיך אויך באַ־זאָרגט מיט מאַרמאָר־פּליטעס, וואָס האָבן געבילדעט אַ פעסטן געשטעל פאַר די אינסטרומענטן.

אופגעבויט די אָבסערוואַטאָריעס, האָבן די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע אָנגעהויבן צוגרייטן אַן אָרט פאַר די הינט. אַ וווינונג פאַר די מענטשן האָבן זיי אויסגעבויט אַ וואַ־רעמע און באַקוועמע, מע קאָן זאָגן — אַ געמיטלעכע. דערנאָך האָבן זיי גענומען דערגאַנצן דעם סקלאַד פון פריש פלייש: זיי האָבן געפאַנגען הירשן, און אינגיכן איז שוין אין סקלאַד געלעגן אַ הונדערט געהאַרגעטע הירשן.

איינמאָל איז ראָאַלד געשטאַנען אַפּן שיפ־דעק פון „יאָא" מיט צוויי כאַווײרים. פלוצלינג האָט איינער פון זיי אָנגעוויזן אינדערווײַטנס, ווו אַפּ איינעם פון די באַרג־אָפּהאַנגען האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצער פלעק:

— זעט, אַ הירש!

דער אַנדערער כאַווער, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנ־טע ריִע, האָט זיך אײַנגעקוקט און געזאָגט:

— יאָ, אָבער דער דאָזיקער הירש איז אַפּ צוויי פיס.

באַלד איז די צאָל צווייפיסיקע הירשן דערגאַנגען ביז פינף. זייערע סילועטן זײַנען באַשטימפּערלעך געגאַנגען אין דער ריכטונג צו „יאָא". אַמונדסען האָט אָוועקגעשיקט זײַנע כאַווײ־רים נאָך ביקסן, און אַליין איז ער געגאַנגען אַנטקעגן די מענטשן, פירנדיק מיט זיך אַן אַרמיי פון צוויי מענטשן. דער־נעענטערנדיק זיך, האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז דאָס זײַנען עסקימאָסן און זיי זײַנען באַוואָפנט מיט פײַלן און בויגנס.

ווי דערגייט מענ, צי די דאָזיקע מענטשנ זײַנענ געקומענ אלס פרײַנט אָדער פײַנט? צוויי אָטריאדנ האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט איינער קעגנ דעמ אנדערנ אַז א מעהאלעכ פונ 15 שריט. ראָאלד האָט זיכ אויסגעדרייט צו די כאווײַרימ און האָט זיי א שושקע געטאָנ:

— ווארפט אוועק די ביקסנ אָנ א זײַט, אָבער אזוי, אז די עסקימאָסנ זאָלנ דאָס קלאָר זענ.

ווי נאָר דער פירער פונ די עסקימאָסנ האָט דאָס דערזענ, האָט ער זיכ אויכ אומגעקערט צו זײַנ „ארמיי" און איר געהייסנ אוועקלייגנ אָנ א זײַט זייערע בויגנס און פײַלנ. דעמאָלט, לאָזנדיק אפ אנ אָרט זײַנ אָטריאד, איז אמונדסענ אוועק אנטקעגנ דעמ פירער, און יענער האָט אויכ געטאָנ דאָס אייגענע.

אמונדסענ האָט טייקעפּ אײַנגעלאדנ די געסט אפנ באָרט פונ זײַנ שיפ. קיינער פונ זיי האָט ביז דעמאָלט ניט געזענ קיינ ווײַסנ מענטשנ, און נאָר די לעגענדעס זייערע האָבנ דערציילט וועגנ אימ. מיט 72 יאָר צוריק האָבנ זייערע זיידעס צומ ערשטנ מאָל דערזענ ענגלענדער, וואָס האָבנ זיכ ארויסגעזעצט אפ דעמ זעלבנ אָרט אונטער דער קאָמאנדע פונ דזשעמס קלארק ראָס. די עסקימאָסנ האָבנ ביז דעמאָלט ניט געזענ ניט נאָר קיינ מעטאל, נאָר אפילע קיינ האָלצ, און די אמוניציע פונ די אייראָפּייער האָט בא זיי געמוזט אויסזענ ווי א וואונדער. איז קיינ כידעש ניט, אז וועגנ דעמ באזוכ פונ ראָס און פונ זײַנע באגלייטער האָבנ זיכ בא די אָרטגעבירטיקע געשאפנ לעגענדעס, וועלכע פלעגנ איבערגעגעבנ ווערנ פונ איינ דאָר צומ צווייטנ.

און פלוצלינג האָט זיכ דער וואונדער איבערגעכאזערט. די אייניקלעכ זײַנענ געווענ איבעראשט ניט ווייניקער ווי די זיידעס. זיי האָבנ געבעטנ א דערלויבעניש צו קומענ אהער מיטנ גאנצנ שייוועט און אויפשלאָגנ זייערע געצעלטנ ארומ לאגער פונ דער עקספּעדיציע. אינגיכנ האָט אמונדסענ אָנגעציילט בא 50 עסקימאָסישע יורטעס, וואָס זײַנענ אויסגעוואקסנ ארומ זײַנ

לאגער: דאָ זײַנענ געווענ מאנצבלעכ, פרויענ אונ קינדער, סא-
כאקל בא 200 מאנ.

ראָאלד האָט באשלאָסנ אויסנוצנ די דאָזיקע טשיקאווע געלעגנהײַט פאר מוזיי־קאָלעקציעס, וואָס זאָלנ איליוסטרירנ דעמ לעבנשטייגער פונ די עסקימאָסנ. אנ אויסגערעכנטער, ווי שטענדיק, האָט ער ניט אומזיסט אָנגעקויפט אינ איידאָפע פאר זײַנ אוועקפאָרנ א סאכ קלייניקײַטנ פארנ טויש־האנדל. אינגיכנ האָט ער באקומענ אזויפיל עקספאָנאטנ, אז ער האָט דערמיט שפּעטער פולקומ צופרידנגעשטעלט עטלעכע נאָרוועגישע מוזייענ.

מע האָט געדארפט האָבנ מוסטערנ פונ קליידונג, שטוב־זאכנ, געיעג־מאכשירימ אאוו. דאָס אלצ האָבנ די עסקימאָסנ געהאט איבערגענוג, אונ זיי האָבנ גערנ געביטנ זייערע זאכנ אפ איידאָפּיישע, דעריקער אפ מעטאלענע זאכנ. פאר א ליידיקער בלעכענער פושקע, אשטייגער, האָבנ זיי אָפּגעגעבנ צוויי קאָמפּלעקטנ פרויענ־קאָסטיומענ. פאר א נאָדל האָבנ זיי פאָרגע־לייגט פיר אויסגעצייכנטע פעלנ פונ פּאָליאר־פוקסנ.

אמונדסענ אונ זײַנע כאווירימ האָט פארוווּנדערט דער קינסטלערישער געשמאק, מיט וועלכנ עס זײַנענ געווענ געמאכט די עסקימאָסישע קליידער. די אָרטגעבירטיקע פרויענ שנײַדנ אויס זעלטנ קונציק ווײַסע אונ שווארצע שטיקער הירשנ־פעל אונ שטעלנ צונויפ דערפונ העכסט אָריגינעלע מוסטערנ. א גרויסע קונסט ווײַזנ זיי ארויס אויכ באמ אויסשניצנ האלדז־בענדער פונ אויסגעטריקנטע הירשנ־ביינער אונ הירשנ־ציינ.

מיט גרויס נײַגער האָט די עקספּעדיציע צוגעקוקט, ווי אנ עסקימאָס האָט קונציק אויסגעארבעט פונ פרישנ ביינ שארפע שפּיצנ פאר שווערדנ, נאָדלענ אונ א סאכ אנדערע אומגאנג־ארטיקלענ.

אָבער דאָכ האָט דער עסקימאָס, נאטירלעכ, געשעצט א יעגער־מעסער פונ שוועדישנ שטאָל טײַערער פאר א טוצ סאמע בעסטע פעלנ, וועלכע ער האָט נאָכ געקאָנט באקומענ וויפל ער האָט געוואָלט, אונ דעריבער האָט דער טויש־האנדל געגעבנ

די בעסטע רעזולטאטנ פאר די ביידע צדאָדימ. פאר די צוויי יאָר צייט, וואָס די עקספעדיציע האָט דאָ פארבראכט, האָט זיכ דער שייוועט איינגעשאפט אלדאָס נייטיקע, אונ אמונדסענ האָט צונויפגעזאמלט ביז גאָר רייכע קאָלעקציעס פאר בילדונג־ אונ וויסנשאפט־צוועקנ.

איינ פראגע האָט ראָאלדנ געשטעלט אינ גרויס פארלעגנ-הייט די גאנצע צייט, וואָס ער האָט געהאט צו טאָנ מיט די אָרטגעבירטיקע. די דאָזיקע קינדער פונ דער נאטור האָבנ באטראכט דעמ וויסנ מענטשנ אלס עפעס א העכערנ אונ מער פולקומענ וועזנ. דאָס האָט בא זיי ארויסגערופנ א גרויסע אכ־טונג צו די ווייסע אונ דאָס האָט אויכ שטארק געהאָלפנ די פאָרשונגענ פונ די רייזנדער. אָבער דאָס וואָלט מיט איינ מאָל געקאָנט פארניכטעט ווערנ, ווענ דער ווייסער מענטש זאָל נאָר ארויסווייזנ א וועלכנ־ניט־איז נידעריקנ אינסטינקט.

ווענ עמעצער פונ די מאטראָסנ האָט זיכ געהאט דערלויבט א קליינע פרייהייט בענעגייע אנ עסקימאָסישער פרוי, האָט ראָאלד צונויפגערופנ א ספעציעלע פארזאמלונג, ווו ער האָט איבער־געגעבנ די כאווירימ זיינ מיינונג וועגנ אזוינע פראגנ אונ האָט זיי פאָרגעלייגט שטרענג אכטונג געבנ, זיי זאָלנ ניט לאָזנ פאלנ זייער קולטור־ווירדע אינ די אויגנ פונ די אָרטגעבירטיקע. מער האָבנ זיכ אזוינע פאלנ ווירקלעכ ניט איבערגעכאזערט.

אוועקפאָרנדיק, האָט די עקספעדיציע אָפגעגעבנ די עסקי-מאָסנ א סאכ זאכנ, וועלכע זי האָט מער ניט באדארפט. די סאמע ווערטפולע מאטאָנע איז בא זיי, פארשטייט זיכ, געווענ דאָס געהילצ, פונ וועלכנ עס זיינענ געוועזנ געבויט די וווינונ־גענ אונ אָבסערוואטאָריעס. די מענטשנ, וואָס האָבנ ביז דעמלט ניט געהאט קיינ איינ שפענדל (דאָס שווימענדיקע האָלצ דער-גייט ניט ביז די דאָזיקע ערטער), האָבנ באקומענ גאָר רייכע זאפאסנ האָלצ פאר שליטנס, האָלצ־שטילנ פאר שפיזנ אונ פאר אנדערע נייטיקסטע ארטיקלענ.

די באָבאכטונגענ איבערנ ערד־מאגנעטיזמ, וואָס אמונד־

סענס עקספּעדיציע האָט דאָ געמאכט אינ די צוויי יאָר, זײַנענ געוועזנ אזוינע ברייטע אונ גרינטלעכע, אז די געלערנטע, וואָס האָבנ זיי באקומענ אינעם יאָר 1906, האָבנ דערנאָכ זיי באאר-בעט אינ מעשעכ פונ צוואנציק יאָר.

ערשט אינ יאָר 1926 האָבנ די וויסנשאפטלעכע טוער פאר-ענדיקט זייערע אויסרעכענונגענ, וואָס זײַנענ באגרינדעט אויס-שליסלעכ אפ די באאָבאכטונגענ איבערנ צאָפנדיקנ מאגנעט-פּאָליוס, וועלכע ראָאלד אמונדסענ האָט געמאכט.

דער צאָפנ־מײַרעווודיקער דורכגאנג

דעם 13 אווגוסט 1905 יאָר האָט „יאָא" פארלאָזנ דאָס אָרט פונ איר ווינטער־לאגער אונ זיכ געלאָזט ווײַטער קיינ מײַרעוו.

קיינ איינ שיפ האָט נאָכ ניט געהאט אויסגעמאָסטנ אָט דעם פארוואטער. די דרײַ וואָכנ, וואָס אמונדסענ האָט דאָ גע־מוזט פארברענגענ, טאפּנדיק ווי אינ דער פינצטער, איבערצײַגנ־דיק זיכ צײַטנווײַז, אז אונטער דער שיפ איז דאָ קוים עטלעכע סאנטימעטער פרײַ וואסער, האָבנ זיכ ראָאלדנ געצויגנ אומגע־ווײנלעכ לאנג, ווי קיינמאָל ניט פאר דער גאנצער צײַט פונ דער רײַזע.

די נערוונ זײַנענ געווענ אָנגעצויגנ ווי סטרונעס. יעדע מינוט האָט זיכ געדוכט, אז ווײַטער גיינ וועט מענ ניט קאָנענ אונ ס׳וועט אויסקומענ פארקערעווענ צוריק. פונ דעם געדאנק אלײנ האָט ראָאלד אָנגעוואָרנ דעם שלאָף אונ דעם אפעטיט. דאָס וואָלט געהײסנ מאכנ צוניש[ט] דעם פלאנ, וואָס איז שוינ אפּ העלפט געווענ אויסגעפילט.

פלוצלינג האָט דער שטײַערער א געשריי געטאָנ:

— א זעגלשיפ! אינ מײַרעוו א זעגלשיפ!

קיינ איינ שטיק האָט אמונדסענענ ניט אויסגעוויזנ אזוי זיס אונ קיינ איינ בילד אזוי שיינ. ווירקלעכ, אינדערווײַטנס האָבנ זיכ באוויזנ קאָנטורנ פונ א שיפ פאר וואלפיש־פאנג.

אפּאָנעם, די שיף איז געגאנגען אהערצו פון סאַן־פראַנציסקאָ דורכן בערינג־דורכגוס און לענגויס דעם צאָפן־ברעג פון אַליאַסקע. און דאָרט, וווּ ס׳איז דורכגעשווומען דער קײַלעכיקער קאַרפּוס פון דער שיף פאר וואַלפיש־פאַנג, וועט זיכער קאָנען דורכגיין אויך די פּלאַכדעקיקע „יאַא״. ראָאַלדן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האַלט שוין דעם סוידעספּוּלן און ווינקענדיקן צו זיך צאָפן־מײַרעוודיקן דורכגאַנג אין זײַנע ציטערנדיקע הענט.

ער האָט זיך געפרייט ווי א קינד. אפן טאַקעלאַזש זײַנען אראָפּגעהאַנגען עטלעכע געהאַרגעטע הירשן. ראָאַלד האָט א קוק געטאָן אפ זיי און האָט דערפילט א שרעקלעכן הונגער, ער האָט דאָך קימאַט גאָרנישט ניט געגעסן שוין דרײַ וואָכן. מיט א קליין מעסערל אין האַנט האָט ער זיך א וואָרף געטאָן צום הירשן־פלייש, האָט אָנגעהויבן שנײַדן איין שטיק פלייש נאָכן צווייטן און דורשטיק שלינגען.

ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט איינער פון די כאַ-ווירימ אײַנגערעדט אמונדסענען, ווען יענער האָט נאָכגעשפּירט, ווי מע מעסט דעם דעק, ער זאָל עפּעס עסן. דער כאַווער האָט אים געזאָגט:

— איר זײַט אַלט 33 יאָר, און איר האָט זיך דעראַרבעט דערצו, אז איר זעט אויס ווי א 70־יאָריקער זאָקן.

איצט האָט זיך ראָאַלד געפילט ווי א צוואַנציק־יאָריקער. דעם זעלבן טאָג האָט ער אָפּגעגעבן א וויזיט דעם קאַפּיטאַן פון „טשאַרלז האַנסאָן“, אַזוי האָט געהייסן די שיף פאר וואַל־פיש־פאַנג, און האָט זיך דערוווּסט, אַז די שיף איז ווירקלעך פון סאַן־פראַנציסקאָ.

— אינגיכן וועלן מיר פאַרענדיקן אונדזער רײַזע, — האָט אמונדסען אופגעמונטערט זײַנע באַגלייטער, ווען ער איז צו־ריקגעקומען אפ זײַן שיף. ער וואָלט אין דער רעגע ניט גע־גלייבט, אַז זײַן צוזאָג וועט פאַקטיש מעקויעם ווערן ניט פריִער ווי אין א יאָר אַרום.

אָבער ווען מע האָט זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג, האָט

מען זיך איבערצײַגט, אז דאָס אײַז קומט צו פון אלע זײַטן, אין אין א וואָך ארום איז „יאָא“ געבליבן שטעקן לעבן צאָפּנ־ברעג פון קאנאדע. ווירעראמאָל האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָ־ליאר־נאכט, און מע האָט געמוזט זוכן אן אָרט פאר א נײַעם ווינטער־לאגער.

אזא אָרט האָט ראָאלד געפונען הינטער איינער פון די גוואלדיקע קריזעס, וואָס זײַנען ארויסגעוואָרפן געוואָרן אפן ברעג. ער האָט פאראָרדנט ווידער ברענגען אפ ווינטער אלץ אין דער געהעריקער אָרדענונג. סאכאקל עטלעכע מײַל פון „יאָא“ זײַנען געשטאנען שיפן פאר וואלפיש־פאנג, וועלכע זײַנען אויך אײַנגעפראָרן געוואָרן אינעם אײַז און האָבן געווינטערט באם הערשעל־אינדזל. די קאָמאנדע פון „יאָא“ האָט געשלאָסן מיט זיי באקאנטשאפט.

איינמאָל האָט מען אמונדסענען געמאָלדן, אז די קאפּי־טאנען פון די דערבײַיקע שיפן זײַנען אופגערעגט:

— אז וואָס דארף מען דאָ האָבן די עקספּעדיציע? ווער ווייסט, צי אונדז וועט קלעקן פּראָוויאנט פאר זיך, קומען דאָ נאָך צו איבעריקע זיבן הונגעריקע מײַלער.

— גיט זיי איבער, — האָט ראָאלד געענטפערט, — אז מיר וועלן בא זיי גאָרניט ניט בעטן, נאָר אויב זיי וועט עפּעס אויספעלן, זאָלן זיי זיך ווענדן צו אונדז.

און ווירקלעך, ווינטער האָט ער געגעבן די וואלפיש־יעגער צוויי פעסלעך ווייצן־מעל, וואָס יענע האָבן שוין מער ניט געהאט.

איינע פון די שיפן, „באָנאנצא“, האָט דאָס אײַז ארויסגע־וואָרפן אפן ברעג. דער קאפּיטאן פון דער שיף מאָג האָט דערקלערט אמונדסענען:

— איך מוז זיך אומקערן מיט דער יאבאָשע קיין סאנ־פראנציסקאָ אויסצוריכטן א נײַע שיף און קומען אהער צוריק דעם קומענדיקן פרילינג, אניט וועט פארפאלן גיין דער גע־ווערב־סעזאָן.

— און איך, — האָט ראָאלד געענטפערט, — מוז זיך פאר־

בינדנ מיט א וועלכער־עס־איז טעלעגראפ־סטאנציע מיטצוטיילנ, אז מיר האָבנ אנטדעקט אונ זײַנענ אדורכ דעמ צאָפנ־מײַרעווו־דיקנ וועג. הייסט עס, מיר קאָנענ פאָרנ צוזאמענ.

ביז דער נאָענטסטער טעלעגרעפ־סטאנציע איז געווענ ניט ווייניקער, ווי 700 קילאָמעטער. אָבער געווענ איז די סטאנציע הינטער א בארג־קייט פונ דרײַ קילאָמעטער די הייכ.

אמונדסענענ האָט די דאָזיקע שטרעקע ניט געשראָקנ, באומרויִקט האָט נאָר די געלט־פראגע. קיינ געלט האָט ער ניט געהאט. דער קאפיטאנ מאָג, פארקערט, האָט געהאט א סאכ געלט, נאָר גראָד דאָס האָט אימ געמאכט פאר א מינ שעפ פונ דער פאָרשטייענדיקער עקספעדיציע, אינ וועלכער עס האָבנ באדארפט ארײַנגיינ אכוצ זיי ביידע נאָכ א באגלייטער פונעמ הערשעפ־אינדזל מיטנ נאָמענ דזשימ, זײַנ פרוי קאפא אינ זייערע צוועלפ הינט.

ראָאלד האָט אָבער קיינ ברייִרע ניט געהאט, אונ ער האָט געשלאָסנ אנ ענדגילטיקנ אָפמאכ מיטנ קאפיטאנ. דער קאפיטאנ איז געווענ א קורצ אונ גראָב מענטשל, וואָס וואָלט קוימ געקאָנט ליפנ לעבנ דעמ שליטנ: ס׳איז געווענ קלאָר, אז דאָס וועט זײַנ נאָר אנ איבעריקע לאסט פאר די הינט, וועלכע וועלנ אימ מוזנ שלעפנ.

אזוי איז דאָס טאקע געווענ.

א שטרײַט איז אנטשטאנענ אויכ איבערנ פראָוויאנט. אמונדסענ האָט פאָרגעלייגט מיטנעמענ מיט זיכ בלעכענע פושקעס מיט פעמיקאנ (א געמיש פונ א גלײַכנ סכומ פעטס אונ געטריקנט פלייש); דאָס איז דער בעסטער פראָדוקט אינ א קאלטנ קלימאט.

— טפו, — האָט דער קאפיטאנ דערקלערט, — איכ וועל ניט עסנ אזא פאסקודסטווע. פעמיקאנ קאָנ מענ אפילע הינט ניט געבנ עסנ.

— אונ וואָס לייגט איר פאָר מיטצונעמענ?

— זעק מיט געקאָכטע באָב. דאָס האָב איכ ליב, אונ דאָס איז אנ אויסגעצייכנטע שפײַז.

וואָס האָט מענ געזאָלט טאָנ? אָט דער „געלט־זאק", ווי אמונדסענ האָט אים געזידלט אינ זיכ, האָט געגעבנ די מעג־לעכקייט צו פארווירקלעכנ די עקספּעדיציע, אונ מע האָט גע־מוזט אים פאָלגנ, כאָטש ס'איז געווענ קלאָר, אז די פּארפּראָ־רענע באָב זײַנענ גאָר קנאפּ נערהאפטיק, אונ דאָס וואסער, וואָס די באָב אנטהאלט, איז אנ איבעריקע מאסע פאר די הינט.

פונעם הערשעל־אינדזל האָט מענ זיכ געלאָזט אינ וועג דעמ 24 אָקטיאבער 1905 יאָר. פונעמ טײַכ הערשעל האָט מענ באדארפט גײנ איבער א הויכנ בארג־רוקנ אונ ווײַטער — מיט די בארג־אָפּהאנגענ צו דאָרעמ, צומ טײַכ יוקאָנ. באמ פאָרט יוקאָנ איז געווענ די ערשטע האנדל־סטאנציע; די ערשטע טעלעגראפ־סטאנציע איז געווענ אינעמ פאָרט עגבערט, — אָט דער פאָרט איז עס געווענ דער ציל פונ אמונדסענס רײַזע.

פאָרויס דעמ ערשטנ הינט־געשפּאנ איז געלאָפנ דזשימ, דורכלײגנדיק א וועג אינעמ שניי, אונ פארנ צווייטנ געשפּאנ איז געלאָפנ ראָאלד. מאכנ פלעגט מענ פונ 30 ביז 40 קילאָ־מעטער א טאָג, אונ אלע פלעגנ שטארק אײַנגעמאטערט ווערנ, אויסער דעמ קאפּיטאנ מאָג, וואָס פלעגט זיכ רויִק זיצנ אינ שליטנ, האָט ניט פארטאָנ קײנ שומ ענערגיע אונ האָט זיכ, פארשטייט זיכ, באנוגנט מיט זײַנע באָב. פאר די דרײַ איבע־ריקע רײַזנדער איז א הײַפעלע געקאָכטע באָב געווענ ווײַט ניט גענוג, אונ זײ האָבנ געצערט פונ טאָג צו טאָג.

באמ פאָרט יוקאָנ האָבנ אמונדסענ אונ מאָג געלאָזט דזשי־מענ אונ קאפּא אונ זײַנענ געפאָרנ ווײַטער זאלבעצווייט מיט אײנ הינט-געשפּאנ. ראָאלד איז איצט געלאָפנ אלײנ פאָרויס, מאכנ־דיק א וועג, אונ דער קאפּיטאנ איז, ווי פריִער, געזעסנ אינ שליטנ. דער פארפראָרענער טײַכ יוקאָנ האָט אָנגעוויזנ דעמ וועג, אונ אפ א מעהאלעכ פונ א האלבנ טאָג וועג האָט מענ געטראָפנ הילצערנע הײַזקעס, וואָס האָבנ געטראָגנ דעמ קלינ־גענדיקנ נאָמענ „וועג־הײַזער": דאָ פלעגנ די רײַזנדער קאָנענ אָפּרוענ זיכ אונ אָפּעסנ.

אָבער דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט געוואָלט וואָס גיכער אָנ־קומען, האָט פּלוצלינג גענומען פאָדערן, מע זאָל זיך ניט אָפּ־שטעלן אָפּרוען יעדן האַלבן טאָג. ראָאַלד האָט פּראָטעסטירט, אָנווייזנדיק דעם אונטערשייד אין פאַרשווענדן קויכעס און אַף דעם, אַז ער מוז זיך אויסרוען און דערנערן זיך.

דער קאַפּיטאַן איז געוואָרן ווילד־מעשוגע:

— ס'איז מײַן געלט, און איך בין דער באַלעבאָס פון דער עקספּעדיציע. הייסט עס, מײַנע באַפעלן מוז מען אויספירן אָן שום טײַנעס.

„נו גוט, — האָט ראָאַלד אַ טראַכט געטאָן בײַ זיך, — איך וועל דיך אָנלערנען, דו פאַרפלוכטער געלט־זאַק!"

אַף מאָרגן אינדערפרי האָט מען זיך געלאָזט אין וועג איבערן טיפן שניי. ס'איז געווען אַן אויסגעצייכנטער זוניקער טאָג. אָפּגעפאָרן אַ העלפט וועג צווישן דער הײַזקע, וווּ זיי האָבן גענעכטיקט, און דער הײַזקע, וווּ זיי האָבן באַדאַרפט אָנקומען מיטיק־צײַט, האָט אַמונדסען אָפּגעשטעלט די הינט און האָט געזאָגט דעם קאַפּיטאַן:

— דער געשפּאַן, דער שליטן און די גאַנצע אויסריכטונג איז אײַערס. איז פאָרט ווײַטער אַליין, און איך קער זיך אום צוריק.

באַם קאַפּיטאַן איז דאָס האַרץ שיר ניט אַרויסגעפאַלן פאַר שרעק.

— אָבער... אָבער... אָבער... — האָט ער ענדלעך אַרויסגעבעבעט מיט טרערן, — איך קען ניט אָנפירן מיט הינט, און איך בין קיינמאָל ניט געגאַנגען איבערן שניי. איך וועל דאָ פאַר־פאַלן ווערן און וועל ניט געפינען דעם וועג.

— רעכט, — האָט אַמונדסען געזאָגט, — לאָמיר פאָרן ווײַ־טער, אָבער איך וועל עסן דרײַ מאָל אַ טאָג און וויפל איך דאַרף, אַניט וועל איך אײַך לאָזן אַליין.

דער קאַפּיטאַן האָט אײַנגעשטימט מיט פרייד. ער האָט זיך, ווײַזט אויס, ניט געריכט אַף אַזאַ באַשיידענער פאָדערונג פון אַ מענטשן, פון וועלכן ער איז איצט אינגאַנצן אָפּהענגיק.

האָט מענ זיכ ווידער געלאָזט אינ וועג, אונ אינ 42 טעג אַרומ נאָכנ אַרויספאָרנ פונעמ הערשעל-אינדזל, דה. דעמ 5 דעקאַבער 1905 יאָר, זײַנענ זיי אָנגעקומענ אינ דעמ פּאָרט עגבערט.

ווענ דער שעפ פונ דער סטאַנציע האָט זיכ דערוווסט, ווער זײַנ גאַסט איז, האָט ער אופגענומענ ראָאַלדנ מיט גרויס קאָוועד, האָט אימ פײַערלעכ באַגריסט אונ האָט טייקעפ אַוועקגעשיקט טעלעגראַמעס, וואָס האָבנ געגעבנ צו וויסנ דער וועלט וועגנ דער גרויסער אַנטדעקונג. די ערשטע טעלעגראַמע, וואָס אַמונדסענ האָט געשיקט, האָט אַנטהאַלטנ באַ טויזנט ווערטער. אינ אַ וואָכ אַרומ האָבנ אָנגעהויבנ אָנקומענ אַ סאַכ ענטפער־טעלעגראַמעס מיט באַגריסונגענ.

ראָאַלד האָט דאָ פאַרבראַכט אַ כוידעש צײַט, באַנוצנדיק זיכ מיט דער גאַסט־פרײַנטלעכקײַט פונ דער אָרטיקער מאַכט אונ פאַרקניפּנדיק אַ טעלעגראַפישע קאָרעספּאָנדענצ מיט אייראָפּע. אונ אינ פעוראַל 1906 יאָר האָט ער זיכ געלאָזט צוריק, פאַרבײַ די אימ שוינ באַקאַנטע האַנדל־סטאַנציעס. פאַררייניקנדיק זיכ ווידער מיט דזשימענ אונ מיט קאַפּאַ אונ מיטנעמענדיק מיט זיכ מער פּאַסיקנ פּראָוויאַנט, האָט אַמונדסענ, שוינ געווינט צו אַזאַ רײַזע, דורכגעמאַכט מיט גרויס פאַרגעניגנ דעמ וועג צוריק אָנ דעמ קאַפּיטאַנ מאָג.

ס'איז געווענ אַ ליטערער פרימאָרגנ, ווענ דזשימ האָט, אײַנקוקנדיק זיכ אינדערווײַטנס, אָנגעוויזנ אַפ עפּעס אַ טונקעלנ פלעק, וואָס האָט זיכ באַוועגט איבערנ שניי. ס'איז ניט אַריבער אַפילע קיינ שאָ צײַט, ווי זיי האָבנ זיכ צונויפגעשטויסנ מיט אַנ איינזאַמער פיגור פונ אַ מענטשנ מיט אַ פּאָנעמ, וואָס איז געווענ שוואַרצ פונ סאַזשע. דער מענטש איז געקראָכנ אינ טיפנ שניי, שלעפּנדיק נאָכ זיכ אַ שליטנ.

דאָס איז געווענ אַ בריוטרעגער, דער שאָטלענדער ד אַ ר ע ל, וואָס פלעגט צושטעלנ בריוו אַפ יענער זײַט בערג. ראָאַלד איז געווענ טיפ גערירט, ריכטיקער געזאָגט, — ער איז געווענ אַנ-

ציקט: דער העלדישער שאָטלענדער פליגט אויספּילן זײַן פליכט, ארומוואנדערן איבער דעם דאָזיקן וויסטן אײַז־מידבער אינעם ארקטישן ווינטער אזוי רויִק און גוטמוטיק, ווי די געוויינלעכע בריוטרעגער אין אייראָפּע גייען איבערן דערפל זייערן.

ווען אמונדסען האָט זיך מיט אים באקענט, האָט ער זיך איבערצײַגט, אז דער דאָזיקער וואונדערבארער זון פון דעם מידבער האָט גאָר ניט געוווּסט, אז ער באגייט א העלדנטאַט. שפּעטער־צו איז ראָאלד געוואָרן מיט אים נאָך נעענטער און פלעגט באקומען פון אים בריוו.

אין איינעם פון זײַנע בריוו האָט דער שאָטלענדער געבעטן אמונדסענען מיטנעמען אים אין זײַן עקספּעדיציע צום דאָרעם־פּאָליוס. ראָאלד האָט גערן אײַנגעשטימט, אָבער דער העלדישער בריוטרעגער פון דער ארקטיק איז שפּורלאָז פארפאלן געוואָרן ערגעץ בא דער לעפּצונג פונעם טײַך מעקענזי.

געקומען צום הערשעל־אינדזל, האָט אמונדסען געפונען זײַן „יאָא" אין פולער אָרדענונג. אין יול האָט זיך געעפנט דאָס אײַז, און די עקספּעדיציע איז אָן שוועריקײַטן צוגעקומען צום קאפּ באראָו, און נאָכדעם האָט זי זיך געלאָזט דורכן בערינג־דורכגוס צו דאָרעם, קיין סאן־פראנציסקאָ.

צוגעקומען אין אָקטיאבער צו סאן־פראנציסקאָ, האָט אמונדסען געשאָנקען דער דאָזיקער שטאָט זײַן איצט בארימט־געוואָרענע שיף — צום אָנדענק פון דעראָבערן דעם צאָפן־מערעוודיקן דורכגאנג. און ביזן הײַנטיקן טאָג באקוקן זי נאָך מיט גרויס נײַגער די טוריסטן אין סאן־פראנציסקער פּארק „גאָלדענע טויערן".

מיט שטענדיקער דאנקבארקײַט פלעגט ראָאלד דערנאָך דערמאָנען די עטלעכע ווערטער פון דעם אדמיראל מאק־קלינטאָק באריכט:

„דעם עמעסן דורכגאנג וועט מען קאָנען געפינען, אויב מע זאָל גיין דאָרעמדיקער, ניט ווי עס זײַנען ביז אהער געגאנגען אלע פאָרשער".

די דאָזיקע מערקווירדיקע פּראַזע פלעגט ער שטענדיק אי־בערכאַזערן אויך אין זײַנע לעקציעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע אין די יאָרן 1906—1907. אָנגעקליבן געניג מיטלען אַף אויסצוצאָלן זיך מיט זײַנע קרעדיטאָרן, איז ראָאַלד געקומען צוריק קיין נאָרוועגיע.

דער אַכזאָריעסדיקער קרעדיטאָר, וואָס האָט געהאַט געסטראַשעט אַמונדסענען, אַז ער וועט אים אַרײַנזעצן אין טורמע און פאַרקויפן זײַן שיף, — ווען ער האָט באַקומען צוריק זײַן געלט, האָט ער אויסגענוצט די מעגלעכקײַט צו באַרימען זיך פאַר די אײַנוווינער פון דער הויפּטשטאָט פון נאָרוועגיע:

— און דאָך, ווען ניט איך... ווער ווייסט, צי אַמונדסען וואָלט אַנטדעקט דעם צאָפן־מײַרעוודיקן דורכגאַנג!

דער נײַער פּלאַנ

פּריטיאָפּ נאַנסענ האָט ניט אַנטדעקט דעמ צאָפנ־פּאָליוס. אַרויסגעגאַנגענ אויפ זײַנ ספּעציעל־געבויטער שיפ „פראַמ“ זומער 1893 יאָר פונ נאָרוועגיע אונ דורכגעגאַנגענ (דער צווייטער נאָכ נאָרדענשעלדנ) אינ איינ נאַוויגאַציע פאַרבײַ דעמ קאַפּ טשעליוסקינ, איז ער אָנגעקומענ צו די נײַ־סיבירישע אינדזלענ אונ האָט באַשלאָסנ פונ דאָרט אָנהייבנ צו דרייפנ צומ צאָפנ־פּאָליוס.

דער דאָזיקער היסטאָרישער דרייפ האָט געדויערט דרײַ יאָר צײַט. נאַנסענ האָט גערעכנט, אַז „פראַמ“, וואָס איז אײַנגעפראָרנ געוואָרנ אינעמ אײַז בײַ די נײַ־סיבירישע אינדזלענ, וועט צוזאַמענ מיטנ אײַז אומבאַדינגט דורכגייענ דורכנ פּאָליוס, אָבער אָט די האַשאָרע האָט זיכ ניט באַרעכטיקט, ווײַל דער ווינט האָט די גאַנצע צײַט אָפּגעטראָגנ די שיפ צו מײַרעוו־זײַט.

איבערגעבנדיק די ווײַטערדיקע אָנפירונג מיט „פראַמ“ זײַנ געהילפ, דעמ קאַפּיטאַנ סווערדרופּ, האָט נאַנסענ, ווי באַוווּסט, פאַרלאָזנ די שיפ אונ האָט זיכ אויפ הינט געלאָזט צומ פּאָליוס זאַלבעצווייט מיטנ יונגנ סטודענט יאָהאַנסענ. אָבער דאָס אײַז האָט אָפּגעטראָגנ די רײַזנדער צו דאָרעמ, אונ ווענ זיי זײַנענ דערגאַנגענ בינז 88° צאָפנ־ברייט, האָבנ נאַנסענ מיט יאָהאַנסענענ געמוזט פאַרקערעווענ צוריק, ווײַל זייערע שפּײַז־רעסורסנ האָבנ געהאַלטנ באַמ אויסגייענ.

דערגרייכט אין הארבסט 1895 פראנץ־יאָזעפס לאַנד, האָבן זיי דאָרט געטראָפן דעם ענגלישן פּאָליאַר־רייזנדער דזשעקסאָן, וואָס האָט דעמלט דאָרטן געווינטערט, און אַף זיין שיף זיינען זיי עס אָנגעקומען קיין נאָרוועגיע.

נאַנסען האָט צונויפגעזאַמלט אַ קאָלאָסאַלן מאַטעריאַל וועגן דער אַרקטיק, אָבער דעם הויפּט־ציל זיינעם — דעם צאָפן־פּאָליוס — האָט ער דאָך ניט דערגרייכט.

נאַטירלעך, אַז דער דאָזיקער ציל איז איצט געוואָרן ראָאַלד אַמונדסענס גרעסטער טרוים און זיין נאָענטסטער פּראַקטישער פּלאַן. פריִער פאַר אַלץ האָט ער זיך געווענדט צו נאַנסענען:

— איך וואָלט פונסניי געוואָלט דורכמאַכן אַן עקספּעדיציע אַף אייער „פראַם“.

נאַנסען האָט געהאַלטן, אַז די שיף איז שוין אַלט געוואָרן, אָבער אַמונדסען איז שוין באַשטאַנען דערויף, מע זאָל די שיף אָפּרעמאָנטירן, און דעמלט וועט זי ווידער בעשאָלעם אויסהאַלטן דעם קאַמף מיטן אייז.

אין פעוראַל 1909 יאָר האָט דער נאָרוועגישער סטאָרטינג[1] באַשלאָסן איבערגעבן אַמונדסענען די שיף „פראַם“ און אַסיגנירן 75000 קראָנען אַף רעמאָנטירן די שיף. ראָאַלד האָט זיך מיט זיין געוויינלעכער ענערגיע גענומען רעקאָנסטרויִרן און אויסריכטן די שיף. אָבער ווען אַלע צוגרייטונגען צום אָפּפאָרן זיינען שוין געווען פאַרענדיקט, ווען עס איז שוין געווען זאָרגפול צוגעקליבן דער פּערסאָנאַל פון דער שיף און דער באַשטאַנד פון דער וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע און ס׳איז אַפילע איינגעלאַדן געוואָרן אַ ספּעציִעלער אַוויִאַטאָר מיט אַן אַפּאַראַט, — איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ ידיִעה, וואָס האָט געמאַכט אַ רוישעם אין דער גאַנצער וועלט: דער פּאָליאַר־פאָרשער פּירי האָט אין אַפּרעל 1909 יאָר דערגרייכט דעם צאָפן־פּאָליוס.

1 דער נאָרוועגישער פּאַרלאַמענט.

ראָאלדנ האָט באהערשט א צווייִיקער געפּיל. פונ איינ זײַט, האָט אימ, ווי א פּאָליאר־פאָרשער, ניט געקאָנט ניט פרייענ אזא מעכטיקער זיג פונעמ מענטשנ איבער דער נאטור, ווי ס'איז געווענ פּיריס אנטדעקונג. פונ דער אנדערער זײַט, ווי־דער, האָט זיכ בא אימ, נאטירלעכ, פארגאנוועט א געפּיל פונ באדויערונג, וואָס דעמ זיג האָט אָפּגעהאלטנ ניט ער, וועלכער האָט שוינ אָפּגעגעבנ אזויפיל מי אפ צוגרייטנ זיכ צו דער־גרייכנ דעמ דאָזיקנ ציל.

אָבער... ס'איז נאָכ געבליבנ ניט דערגרייכט דער דאָרעמ־פּאָליוס. אהערצו האָט דער אומדערמידלעכער ראָאלד געווענדט זײַנ בליק פונ א פּאָליאר־פאָרשער. קעדיי ניט ארויסצורופנ קיינ געוויינלעכע פארקריפּלונגענ אינ די צײַטונגענ, קיינ געלערנטע צווייפּלענ, קיינ וואָרענונגענ אונ כקירעסנ, האָט אמונדסענ באשלאָסנ ביז א צײַט קיינעמ ניט אנטדעקנ זײַנע פּלענער. וועגנ זײַנ מיינ האָט ער דערציילט זײַנ ברודער לעאָנארד, וועלכער האָט אויכ געקאָנט אזוי גוט שווײַגנ, ווי ער אליינ. זײַנ ברודער האָט מיטגעפּילט זײַנ נײַעמ דרייסטנ שריט אונ האָט אימ אינ דעמ פּראט א סאכ מיטגעהאָלפנ.

דער צווייטער מענטש, וועמענ אמונדסענ האָט מיטגע־טיילט, וואָהינ „פראמ“ לאָזט זיכ אינ דער ווירקלעכקײַט, איז געווענ דער עלטסטער אָפיצער פונ דער שיפּ, דער לייטענאנט ניילסענ. דער האָט אויכ מיט גרויס כיישעק זיכ גענומענ העלפנ ראָאלדנ אויסצופּילנ דעמ פארטראכטנ פּלאנ.

פארלאָזנדיק נאָרוועגיע, האָבנ אלע איבעריקע אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע געמיינט, אז דער גרונט־ציל פונ זייער רײַזע איז, ווי פריער, דער צאָפנ־פּאָליוס: אפ אויסצופאָרשנ אימ וויסנשאפטלעכ האָט מענ נאָכ באדארפט פארטאָנ א סאכ, א סאכ מי.

פארנ אָפּפאָרנ — באשטימט האָט מענ אפ מיט אווגוסט 1910 יאָר — האָט ראָאלד נאָכאמאָל אויפמערקזאמ דורכגעקוקט די גאנצע ליטעראטור וועגנ די רײַזעס פונ זײַנע פאָרגייער.

פאַר דעם ערשטן ערנסטן פאָרשער פון די דאָרעמדיקע פּאָליאַר־לענדער האָט ער געהאַלטן דעם קאַפּיטאַן דזשעמס קוק, וועלכן די ענגלישע רעגירונג האָט אין 1772 יאָר געשיקט מיט אַ באַפעל „אַנטדעקן אין דאָרעם אַ גרויס לאַנד, אָדער דערווייזן, אַז אַזאַ לאַנד איז ניטאָ".

זיינע צוויי שיפן „באַשלוס" און „אונטערנעמונג" זיינען אין יאַנוואַר 1773 יאָר צום ערשטן מאָל אַריבער דעם דאָרעמדיקן פּאָליאַר־קריַיז. די אײַזבערג האָבן דעם קאַפּיטאַן קוק ניט געלאָזט גיין ווײַטער קיין דאָרעם. פאָרשנדיק די וואַסערן, וואָס קיינע שיפן פאַר אים זיינען נאָך ניט דורכגעגאַנגען, איז דער העלדישער נאַוויגאַטאָר דרײַ מאָל אַריבערגעגאַנגען דעם פּאָליאַר־קרייַז און האָט דערוויזן, אַז די נײַ־אַנטדעקטע אינדזלען, נײַ־זעלאַנד און דער קאַפּ האָרן, פאַרייניקן זיך אין ערגעץ ניט מיט דער אַנטאַרקטידע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ זעלבשטענדיקן דאָרעמדיקן קאָנטינענט.

נאָך אים האָט געהאַט אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע באַדײַטונג קאַפּיטאַן וויליעלם סמיטס רײַזע אין 1819 יאָר. סמיט האָט אַנטדעקט דאָרעם־שאָטלאַנד.

נאָכדעם זיינען דער רוסישער קאַפּיטאַן בעלינגסהאַוזען און דער לייטענאַנט לאַזאַרעוו אין 1820 יאָר צוגעקומען אויף זייערע שיפן ביז 69°52′ דאָרעם־ברייט און 92° 10′ מײַרעוו־לענג. זיי האָבן אַנטדעקט דעם אינדזל פּיאָטער I און דאָס לאַנד אַלעקסאַנדער I.

אינעם יאָר 1823 האָט דער ענגלישער קאַפּיטאַן דזשעקאָב וועדעל אַריבערגעשטיגן קוקס גלענצנדיקע דערגרייכונג. קוק איז דערגאַנגען ביז 71° 10′ דאָרעם־ברייט, און וועדעל — ביז 74° 15′.

די ברידער ענדערבי האָבן אַרויסגעשיקט צוויי עקספּעדיציעס, די ערשטע אונטער יאָהאַן ביסקאָעס קאָמאַנדע און די צווייטע — אונטער יאָהאַן בעלעניס קאָמאַנדע; ביידע עקספּעדיציעס האָבן אַנטדעקט אַ ריי נײַע לענדער און אינדזלען.

דער פראַנצויזישער נאַוויגאַטאָר זשול ד׳אורוויל און דער אמעריקאַנער לייטענאַנט ווילקס — דער ערשטער מיט צוויי שיפן, דער צווייטער מיט זעקס — האָבן אין די יאָרן 1837—1840 פאָרגעזעצט מיט ערע די שווערע ארבעט פון אַנ־טאַרקטישע פאָרשונגען. אָבער אַלע רעזולטאַטן פון די פאָר־גייער האָט ווייט אריבערגעשטיגן מיט זיינע דערגרייכונגען דער ענגלישער פאָרשער דזשעמס ראָס.

אינעם יאָר 1840 זיינען זיינע צוויי שיפן „ערעבוס" און „טעראָר" אָנגעקומען אין האַפן האָבאַרט אויפן אינדזל טאַס־מאַניע. דאָרטן האָט ראָסן באַגעגנט דער באַוווּסטער פּאָליאַר־רייזנדער דזשאָן פראַנקלין, וואָס איז דאָרטן דעמאָלט געוועזן גובערנאַטאָר. ער האָט באַגלייט ראָסן אויף „ערעבוס", ווען יענער איז אָפּגעפאָרן פונעם האַפן האָבאַרט.

די דערינערונג וועגן דעם דאָזיקן בילד האָט אַלעמאָל טיף גערעגט אַמונדסענען. ער האָט געשריבן:

„מאָדנע פאַרלויפט עס אין אונדזער לעבן! באַגלייטנדיק זיין פריינט, איז פראַנקלין געשטאַנען אויפן שיף־דעק פון דער זעלבער שיף, אויף וועלכער ער איז אומגעקומען אין עטלעכע יאָר אַרום. ווען פראַנקלין איז אַרויסגעפאָרן פון טאַסמאַניע, האָט ער דען געקלערט, אַז אויף אָט דער זעלבער שיף וועט ער געפינען זיין טויט אין קעלט און אין שטורעם צווישן דעם צאָפן־אייז, אומקומענדיק פון גרויזאַמען סקאָרבוט?"

ווי באַוווּסט, איז פראַנקלין אומגעקומען אין עטלעכע יאָר אַרום ביים זיין רייזע אויף דער שיף „ערעבוס", ווען ער האָט געזוכט דעם צאָפן־מערבדיקן דורכגאַנג, וואָס אַמונדסען האָט שפּעטער אַנטדעקט.

פאַרברענגענדיק אין די פּאָליאַר־וואַסערן באַ דריי יאָר צייט, האָט ראָס עקספּעדיציע געהאַט אויסצושטיין גרויסע צאָ־רעס, אָבער זי האָט אויך געמאַכט גאָר גרויסע אַנטדעקונגען, וואָס האָבן באַלויכטן דעם וועג צום דאָרעם־פּאָליוס. ראָס־יאַם האָט געמאַכט אומשטערבלעך דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן רייזנדער.

די װיסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציע פֿונ דער שיפֿ „טשעלענדזשער", דער דײַטשישער פּראָפֿעסאָר געאָרג נײמײַער, דער נאָרװעגישער װאַלפֿיש־פֿאַנגער קאַפּיטאַנ לאַרסענ — אָט דאָס זײַנענ די װײַטערדיקע מערק־צייכנס אפֿנ װעג צומ דאָרעמ־פּאָליוס. אונ ענדלעכ איז דער קאַפּיטאַנ לעאָנאַרד קריסטענסענ אינ יאַנװאַר 1895 יאָר דער ערשטער אַרופֿגעטראָטנ פֿונ זײַנ שיפֿ אפֿנ זעקסטנ װעלט־טײל אפֿנ קאָנטינענט אַנטאַרקטידע.

נאָכ דעמ האָבנ גאָר אַ היפּשנ װערט געהאַט די אַנטאַרקטישע אויספֿאָרשונגענ פֿונ דער עקספּעדיציע, אינ װעלכער ראָאַלד האָט זיכ אויכ באַטײליקט: די רײַזע פֿונ דער שיפֿ „בעלגיע" אונטער אַנדריאַנ גערלאַכס אָנפֿירונג אינ 1897 יאָר.

אינ דער צײַט, װענ „בעלגיע" האָט זיכ מיט גרויס מי געפּרוּװט אַרויסרײַסנ פֿונעמ אײַז, האָט די שיפֿ „סאָוטערנ קראָס" אונטער באָרקגרעװינקס אָנפֿירונג זיכ געמיט אַרײַנ־דרינגענ אינעמ דאָרעמדיקנ פּאָליאַר־אײַז. אַדאַנק זײַנע אָנשטרענגונגענ איז געמאַכט געװאָרנ אַ נײַער שריט אפֿנ װעג קײנ דאָרעמ.

ראָבערט סקאָטס ענגלישע עקספּעדיציע, װי צװישנ די אָפֿיצערנ איז געװענ דער שפּעטער באַרימט געװאָרענער שעקלטאָנ, פּראָפֿעסאָר דריגאַלסקיס דײַטשישע עקספּעדיציע אונ די שװעדישע עקספּעדיציע אפֿ דער שיפֿ „אַנטאַרקטיק" האָבנ געבראַכט פֿיל רײַכע װיסנשאַפֿטלעכע מאַטעריאַלנ, װאָס האָבנ געשאַפֿנ אַ פֿעסטע באַזע פֿאַר די װײַטערדיקע אויספֿאָרשונגענ. דאָס האָט געקאָסט פֿיל קאָרבאָנעס. אַזױ, לעמאָשל, איז אונטערגעגאַנגענ די שיפֿ „אַנטאַרקטיק" — דאָס אײַז האָט זי צעקװעטשט.

אײנער פֿונ די מערקװירדיקסטע פֿאָרשער איז געװענ דער לײטענאַנט שעקלטאָנ. אינ אַװגוסט 1907 יאָר האָט ער פֿאַר־לאָזנ ענגלאַנד אפֿנ באָרט פֿונ דער שיפֿ „נימרויד". ס'איז שװער צו לײענענ אָנ טיפֿער רעגונג די באַשרײַבונג פֿונ די

העלדישע, קימאט איבערמענטשלעכע ליידן, וואָס שעקלטאָן און זײַנע באגלייטער זײַנען אויסגעשטאנען, ווען נאָכן פארלאָזן די שיף אינעם אײַז האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צום דאָרעם־פּאָליוס מיט הינט און פּאָניס, וועלכע זײַנען שפּעטער אומגעקומען אין וועג. זיי זײַנען דערגאנגען ביזן גרויסן שניי־פּלאטאָ, וועלכער ציט זיך ביזן פּאָליוס, אָבער דערגרייכן דעם פּאָליוס האָבן זיי ניט געקאָנט.

איצט האָט „פראם" געזאָלט ענדגילטיק דערגרייכן דעם ציל, צוליב וועלכן עס זײַנען אונטערגענומען געוואָרן אלע פריערדיקע עקספּעדיציעס.

ווען אמונדסענס שיף איז לויטן אָנגעמערקטן פּלאן ארויס פון נאָרוועגיע אין אויגוסט 1910 יאָר, האָט קיינער אף דער שיף, אכוץ די סאַמע פארטרויטע מענטשן, ניט געוווּסט דעם סאָד פון דעם עקספּעדיציע־שעף. מע האָט גערעכנט, אז „פראם" גייט צו די צפון־וואסערן. צוגעקומען צום אינדזל מאדיירע, האָט אמונדסען באשלאָסן אנטפּלעקן פאר אלע אָנטיילנעמער דעם עמעסן ציל פון דער עקספּעדיציע. ער איז, נאטירלעך, געווען א ביסל אומרויִק, ער האָט ניט געוווּסט, ווי אף דער שיף וועט מען אופנעמען זײַן מיטיילונג.

די ידיעה אָבער איז אופגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאזם. באטייליקן זיך אין אנטדעקן דעם דאָרעם־פּאָליוס איז אלעמען געווען פיל אינטערעסאנטער, איידער נאָכאמאָל דורכמאכן פריִער געלונגענעם פּרווו.

דער פּלאן, וואָס אמונדסען האָט אויסגעארבעט בא זיך אין דער היים אין בונדעפיאָרד (לעבן קריסטיאניע) נאָך מיט א יאָר צוריק, אין 1909, האָט אָנגעהויבן פארווירקלעכט ווערן מיט מאטעמאטישער פּינקטלעכקייט. אזוי, צום בײַשפּיל, איז אויסגערעכנט געוואָרן, אז דעם מעהאלעך פון נאָרוועגיע ביזן אײַז־פּלאטאָ, דה. בא 30 טויזנט קילאָמעטער, וועט די שיף דורכגיין צום 15 יאנואר 1911 יאָר.

דעם 14 יאנואר האָט „פראם" דערגרייכט דעם אײַז-פּלאטאָ.

צומ פּאָליוס

אפנ באָרט פונ „פראמ", ווענ זי האָט זיך געלאָזט אינ וועג, איז געווענ בא 100 הינט.

אמונדסענ האָט געהאלטנ, אז די הינט וועלנ שפּילנ א גרויסע ראָליע באמ אויספילנ דעמ פלאנ. די ווירקלעכקייט האָט באוויזנ, אז ער האָט קיינ טאָעס ניט געהאט.

ווייטער האָט ראָאלד געהאלטנ, אז דאָס וויכטיקסטע מיטל צו דערגרייכנ זיינ ציל איז באזאָרגנ די מענטשנ מיט וואַרעמע קליידער. נאָך אינ נאָרוועגיע האָט ער געקויפט צוויי הונדערט וואָלענע קאָלדרעס, האָט זיי איבערגעפאָרבנ אינ העלבלויענ „פּאָליאר"-קאָליר אונ האָט געלאָזט אופנייענ פונ זיי באקוועמע קליידער פאר אלע אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע. ער האָט אויך באצייטנס באזאָרגט מיט וואַרעמע פּעלצשיך.

די דריטע אופגאבע איז געווענ צוגרייטנ א גענוגנ ככומ פּראָוויאנט. פונ דער דערפארונג, וואָס ער האָט באקומענ אפ דער שיפ „בעלגיע", האָט אמונדסענ געוווסט, אז מיט קיינ שומ קאָנסערוונ וועט זיך דער פּערסאָנאל ניט אויסהיטנ פונ סקאָרבוט, דער פּלאָג פונ די פּאָליאר-טוער, — אויב מע וועט ניט האָבנ קיינ פריש פלייש. דעריבער האָט ער באצייטנס פאָרויסגעזענ אונ צוגעגרייט אלצ, וואָס מע דארפ האָבנ פאר געיעג.

די איבעריקע אויסריכטונג — ביידלעכ, שליטנס, קאסטנס, זעק, צוגאָב־קליידער אונ אפילע וויינ — דאָס אלצ איז געווענ פאָרויסגעזענ מיט אלע פישטשעווקעס, אזוי אז באמ אָפּפאָרנ האָט אמונדסענ מיט פולנ רעכט געקאָנט פארצייכענענ אינ זיינ טאָגבוכ: „אלצ איז אינ אָרדענונג“.

אלזאָ, אינ פינפ כאדאָשימ ארומ נאָכנ ארויסגיינ פונ נאָרוועגיע איז „פראמ“ צוגעקומענ צומ בארימטנ אונ סוידעס־פולנ אייז־פלאטאָ.

פאר אימ איז געשטאנענ א מוידעדיק ברייטע, קאָלאָסאלע אונ מעכטיקע אייז־וואנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעמ יאמ פונ דעמ קאָנטינענט אנטארקטידע. דוירעסלאנג האָט די דאָזיקע וואנט אויסגעוויזנ פאר אנ אומגעהייערער מעניע בא יעדנ פרווו אריינצודרינגענ קיינ דאָרעמ. אָבער אמונדסענ האָט גע־ווּסט, אז זיינע פאָרגייער האָבנ שוינ לאנג אָפּגעלייקנט די לעגענדע, אז מע קאָנ דעמ פלאטאָ ניט דורכגיינ, אונ „פראמ“ האָט איצט געזוכט די וואלפיש־בוכטע, דה. די עפענונג אינעמ אייז־קאָלאָס, דורכ וועלכער מע זאָל קאָנענ ארײנדרינגענ אינ דער טיפ פונעמ אומבאוווסטנ אונ געגארטנ לאנד.

ארופגעטראָטנ דאָס ערשטע מאָל אפנ „ניט־צוטריטלעכנ“ באָדנ פונעמ אייז־פלאטאָ, האָבנ זיכ די אָנטיילנעמער פונ דער עקספעדיציע ניט ווילנדיק איבערגעקוקט אונ זיכ צעלאכט: דאָס, וואָס האָט פונדערווייטנס אויסגעזענ ווי א גוואלדיק הויכער שטיילער בארג, אפ וועלכנ מע וועט מוזנ קלעטערנ מיט שטריק צוזאמענ מיט דער גאנצער אויסריכטונג אונ מיט די כייעס, — איז איצט דערגרייכט געוואָרנ קימאט אָנ שומ שטערונגענ. ארײנקומענדיק אינ דער בוכטע אונ צוגעפאָרנ צו א באקוועמ אָרט, זיינענ די ריזנדער פונ „פראמ“ מיט עטלעכע שפרונגענ ארופ אפנ ברעג.

„דאָס לעבנ האָט געקאָכט אפנ אייז, — האָט ראָאלד שפּע־טער געשריבנ, — ווו דו גיסט נאָר א קוק, אומעטומ זעסטו טשערעדעס יאמהינט. מיר האָבנ נאָר אָנגעהויבנ צופעסטיקנ



„פראמ" אינעמ אײַז

די שיפ, האָט זיכ באלד אופגעהויבנ פונ וואסער א טשאטע פינגווינענ. זײ האָבנ אונדז באטראכט מיט נײַגער, אײַנבײַגנדיק די קעפ אָנ א זײַט, ווי זײ וואָלטנ פאָרשנ יעדע באוועגונג אונדזערע. זײ האָבנ נאָכ ניט געוווסט דעמ מענטשנס מיִעסע נאטור אונ זײַנע דעריבער צוגעגאנגענ צו די מענטשנ אָנ קײנ שומ מוירע.

ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ דער געיעג אפ די יאמהינט. ווענ ס'האָבנ זיכ דערהערט די שאָסנ, האָט זיכ א יאמהונט א דרײ געטאָנ אינעמ שנײ אונ האָט זיכ מיט אומגעריכטער גיכקײַט, מיט באוועגונגענ פונ א שלאנג, זיכ א לאָז געטאָנ אינדערווײַטנ. דער יעגער האָט זיכ געלאָזט לויפנ נאָכ אימ, האלטנדיק אינ אײנ שיסנ. דער יאמהונט איז געפלויגנ פאָרויס, אופהײבנדיק דעמ שנײ אונ גליטשנדיק זיכ איבער אימ, ווי א פײַל, אונ

דער יעגער פלעגט יעדע ווײַלע ארײַנפאלן אין שניי און איז געבליבן הינטערשטעליק. געזיגט האָט דער יאמהונט, און דער אָרעמער יונג, אינגאנצן א פארמאַטערטער, האָט זיך אונטער־געגעבן און איז אוועק צוריק...״

אָבער דער גרעסטער טייל יאמהינט, נאָך וועלכע די „פראמ״־רײַזנדער האָבן זיך געיאָגט, זײַנען, נאטירלעך, ארײַנגעפאלן אין די הענט פון די מענטשן, וואָס האָבן פארגרעסערט זייערע שפּײַז־זאפּאסן מיט די דאָזיקע „פעלדזן פון פלייש און פעטס״, ווי אמונדסען האָט זיי גערופן.

איצט איז דער פּלאן געווען אזא:

די עקספּעדיציע טיילט זיך אף צוויי אָפּטיילונגען: איינע אפן יאם און די אנדערע אפן ברעג. די יאם־אָפּטיילונג אונטער נילסענס קאָמאנדע בלײַבט אף „פראם״, די ברעג־אָפּטיילונג אונטער אמונדסענס קאָמאנדע גייט אריבער וווינען אף דער יאבאָשע. א טייל ברעג־אײַנוווינער דארף זיך באזעצן אין א ביידל אף א מעהאלעך פון אומגעפער 2 קילאָמעטער פון דעם אָרט, וווּ די שיף שטייט; דער צווייטער טייל גייט ווײַטער צום אָרט, וווּ עס וועט געבויט ווערן דאָס ווינטער־הויז, 4 קי־לאָמעטער פון „פראם״.

ווען מע האָט צום ערשטן מאָל אײַנגעשפּאנט די הינט אף אריבערצופירן די מענטשן און די מאטעריאלן, האָבן זיי זיך אײַנגעאקשנט און פאר קיין פאל ניט געוואָלט פירן; פאר די פינף כאדאָשים אין וועג זײַנען זיי געווינט געוואָרן גאָרנישט צו טאָן, נאָר עסן און שלאָפן. אָבער אמונדסען האָט באשלאָסן באוויזן זיי „ווער עלטער איז״, און אינגיכן האָבן די הינט נאָכגעגעבן און אָנגעהויבן ארבעטן, אזוי ווי די מענטשן, פון איינדערפרי ביז בײַנאכט.

דער וועג פון דער שיף צום לאגער איז געווען אויסגע־טראָטן, ווי א גוטע גאס אין א נאָרוועגישן דאָרף. דאָס הויז איז געוואקסן ניט פון טאָג, נאָר פון שאָ, עס איז געווען גע־מיטלעך און אפילע פראכטפול צווישן דער נאטור פון הוילן

אײַז. אפילו די פּאָדלאָגע איז געווען באדעקט מיט גלאנציקן שײנעם לינאָלעום. אלדאָס נײטיקע איז צוגעפירט געוואָרן פון דער שיף צום לאגער און איז פארטײלט געוואָרן אינעם הויז און אין די בײַדלעך.

אינגיכן האָט „פראם" געזאָלט, לויטן פּלאן, פאָרן צוריק דורכן אײַז און שטורעם, און קומען אין א יאָר ארום נאָך די מיטגלידער פון דער עקספּעדיציע, וואָס בלײַבן אפן אײַז־פּלאטאָ.

אינקורצן פארן אָפּפאָרן זײַנען אפ „פראם", צו אלעמענס וואונדער, געקומען... געסט. דער וואכטמאן האָט דערצײלט, אז ווען ער האָט דערזען, ווי עס קומט צו א שיף, האָט ער גע-מײנט, ס'איז א כאָלעם, און האָט זיך א לאַנגע צײַט געקניפּן, קעדײ צו איבערצײַגן זיך, צי ס'איז וואָר.

אפ דער שיף „טערא נאָווא" איז אָנגעקומען אין דער וואלפיש־בוכטע א טײל פון דער עקספּעדיציע פונעם קאפיטאן ס ק אָ ט, וועלכער האָט זיך אויך געשטעלט דעם ציל אנט־דעקן דעם דאָרעם־פּאָליוס. אמונדסען האָט אופגענומען די פאָר־שטײער פון זײַן קאָנקורענט זײער גאסטפרײַנטלעך, ער האָט זײ געוויזן זײַן „פראם-הײם" (אזוי האָבן די „פראם"־לײַט אָנגערופן דאָס הויז, וואָס זײ האָבן אויסגעבויט אין לאגער) און האָט זיך מיט זײ געטײלט מיט זײַן דערפארונג, וואָס זאָל קאָנען צוניץ קומען די ענגלענדער. אינגיכן האָט „טערא נאָווא" פאר־לאָזן די בוכטע.

פאר זײער אָפּפאָרן האָט ראָאלד עטלעכע מאָל שטארק געבעטן די ענגלענדער נעמען בא אים א העלפט הינט (די צאָל הינט האָט זיך צו יענער צײַט פארגרעסערט אפ 20), אָבער יענע האָבן זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט: דער קאפיטאן סקאָט האָט באשלאָסן באנוצן זיך אין וועג מיט מאָטאָר־שליטנס און מיט שאָטלענדישע פּאָניס. אָט דער טאָעס האָט דעם העלדישן פאָרשער געקאָסט שפּעטער דאָס לעבן.

בײַס עטלעכע פרוו־עקסקורסיעס האָט אמונדסען מיט זײַ-

נע כאווייִרים אײַנגעאָרדנט כּראָוויאַנט־סקלאַדן אַפּ פּאַרשיידענע שטרעקעס פֿון „פֿראַם־היים״, האָבן אויסגעפּרוווט די קראַפֿט און דעם אויסדויער פֿון די הינט און האָבן באַצייכנט מיט שטעקנס דעם דורכגעגאַנגענעם וועג, כּדי די שטעקנס זאָלן זיי אָנווײַזן דעם וועג אַפּ צוריק. דער טייל פֿון דער עקספּע־דיציע, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך דעם, ווי „פֿראַם״ איז אָפּגעפֿאָרן, האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום ווינטער.

דעם 19 אַפּריל האָט זיך די זון באַוויזן צום לעצטן מאָל און איז פֿאַרשווּנדן הינטער דער קייט בערגלעך. אַ העל־רוי־טע, האָט זי אויסגעזען, ווי אַרומגענומען פֿון אַ פֿלאַם. פֿון 21 אַפּריל האָט מען אײַנגאַנצן אויפֿגעהערט צו זען די זון, און אין דער צײַט, ווען אין אייראָפּע איז אָנגעקומען פֿרילינג, איז די אַנטאַרקטיק פֿאַרזונקען געוואָרן אין ווינטער־נאַכט. בלויז די פּאָליאַר־שײַן האָט געגעבן אַ בלאַסע ליכט די אײַנוווינער פֿון „פֿראַם־היים״.

דעם גאַנצן ווינטער (דער ווינטער ענדיקט זיך דאָ די לעצ־טע טעג אויגוסט) האָבן די מיטגלידער פֿון דער עקספּעדיציע זיך אינטענסיוו געגרייט צו דער רײַזע אַפּ די הינט: זיי האָבן געניייט קליידער, פֿאַריכט די שליטנס, אײַנגעאָרדנט די שליטנס, אײַנגעפּאַקט די שפּײַז־זאַפּאַסן און האָבן זיך געסטאַרעט פֿאָרויס־זען יעדע קלייניקייט, וואָס מע דאַרף האָבן פֿאַר אַזאַ אומגע־וויינלעכער אין דער געשיכטע אונטערנעמונג.

דעם 24 אויגוסט האָט די זון צום ערשטן מאָל אַ בליק געטאָן אַפּן אײַז־פּלאַטאָ. אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען גע־זאָלט אַרויסטרעטן אין וועג אַלס פֿרוּ. מע איז אָפּגעגאַנגען 75 קילאָמעטער און אומגעקערט זיך צוריק. עטלעכע מענטשן האָבן אָפּגעפֿרוירן די פֿינגער. אַ טייל הינט איז אומגעקומען.

די דאָזיקע דערפֿאַרונג האָט אַמונדסען געצוווּנגען אין אַכט, און ער האָט אײַנגעטיילט זײַן עקספּעדיציע אין צוויי אָטריאַדן. איין טייל אונטער פּ ר ע ס ט ר ו ד ס אָנפֿירונג האָט געזאָלט גיין אַפּן פּלאַטאָ פֿון עדוואַרד VII און אויספֿאָרשן די אומגעגנט

פון דער וואלפיש־בוכטע. דער צווייטער טייל אונטער ראָאלדס אָנפירונג האָט געזאָלט זיך לאָזן צום דאָרעם־פאָליוס. א סאך מענטשן און א גרויסע צאָל הינט אין איין אָטריאד וואָלטן שטארק פארשווערט דאָס גיין און די דערנערונג.

דעם 20 אָקטיאבער האָט זיך אמונדסענ געלאָזט אין וועג מיט פיר באגלייטער. דאָס זיינען געווען האנסען, וויסטינג, האסעל און ביאלאנד. זיי האָבן געהאט 4 שליטנס און 52 הינט.

דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן געזען באם אָפפאָרן, איז געווען דער קינעמאטאָגראפישער אפאראט. דאָס הענטל פון אפאראט האָט געדרייט פרעסטרוד, דער אָנפירער פונעם דערוויל פארבליבענעם אָטריאד. ער האָט געוואָלט פארצייכענען אפן פילם דעם אָנהייב־מאָמענט פון דער קומענדיקער גרויסער אנטדעקונג.

די ערשטע טעג איז דער וועג דורך גאנץ בעשאָלעם, אויב מע זאָל ניט רעכענען דאָס, וואָס אין די אייז־שפאלטן פלעגן אמאָל ארייַנפאלן די שליטנס מיט די מענטשן און הינט. אפ ראטעווען זיי פלעגט מען אמאָל פאטערן ניט ווייניק קויכעס. אלע פראָוויאנט־סקלאדן, וואָס זיינען פארגרייט געוואָרן בא די פריערדיקע עקסקורסיעס, זיינען געפונען געוואָרן אין פולער אָרדענונג. איצט האָבן די רייזנדער געבויט יעדע 13—15 קילאָמעטער שניי־טורעמס פון צוויי מעטער די הייך: מערק־צייכנס פארן וועג צוריק. ס'זיינען אופגעבויט געוואָרן בא 150 אזויגע טורעמס.

עס פלעגט אָפט אויסקומען דערשיסן די הינט, וואָס האָבן ניט אויסגעהאלטן די שווערקייטן פון וועג. די קערפערס זייערע פלעגט מען לאָזן אפ די פראָוויאנט־סקלאדן אָדער אפ די שפיצן פון די טורעמס, צו פארגרעסערן דערמיט די שפייז פאר די איבערגעבליבענע הינט, בייס מע וועט גיין צוריק.

אין נאָיאבער 1911 יאָר איז די עקספעדיציע צום ערשטן מאָל ארופגעטראָטן אפ דער יאבאָשע. דער וועג איבער דעם אייז־פלאטאָ איז פארענדיקט געוואָרן, און אמונדסען האָט פאָר־

געלייגט זײַנע כאוויירימ „זיצנ א ביסל אפ שטיינער". נאָכ די לאנגע כאדאָשימ, וואָס זיי האָבנ פארבראכט אפנ הוילנ אײַז, איז עכטער באָדנ אונטער די פיס, באדעקט מיט שטיינער, גע־ווענ פאר די רײַזנדער אנ אויסערגעווײנלעכער פארגעניגנ.

מע איז געגאנגענ ווײַטער אפ שליטנס אונ אפ ליזשעס, בײַקומענדיק איינ בארג נאָכנ אנדערנ, איינ פליינ נאָכנ צווייטנ. ס'איז פאָרגעשטאנענ א „טראגישער טאָג". ס'איז באשלאָסנ גע־וואָרנ צו פארניכטנ 24 הינט אונ פארטאָנ זיי אפ עסנ. די „שכיטע" איז פאר די אָנטיילנעמער פונ דער עקספעדיציע גע־ווענ די סאמע טרויעריקע דערינערונג.

ס'האָט אָנגעהויבנ צו בושעווענ א שטורעמ. שניי־בערגלעכ זײַנענ אויסגעוואקסנ איינס נאָכנ אנדערנ, דראָענדיק פארשטעלנ דעמ וועג פאָרויס, די זאווערוכע האָט געבלענדט די אויגנ, די רײַזנדער זײַנענ געבליבנ אָנ קויכעס, אָבער קיינ איינ קרעכצ האָט זיכ ניט געהערט: אלע האָבנ געברענט מיט איינ פארלאנג — אומבאדינגט צוקומענ צומ ציל.

די הינט האָבנ אָנגעשטרענגט זייערע לעצטע קויכעס. פאר די רײַזנדער פלעגנ אומגעריכט. אויסוואקסנ גלעטשערס, אפ וועלכע מע האָט געמוזט ארופקלעטערנ מיט דער גאנצער מאסע. יעדע מינוט האָט א שפאלט אינעמ פארפראָרענעמ באָדנ גע־קאָנט אײַנשלינגענ דעמ שליטנ, וואָס איז געגאנגענ פאָרויס. דער וועג איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א כאאָס פונ אָפענע אָפגרונטנ אונ דורכפאלנ.

קעדיי דורכצוגיינ איינ מעטער איבערנ „טײַוולאָנישנ גלע־טשער", — אזוי האָבנ אמונדסענס באגלייטער אָנגערופנ דעמ דאָ־זיקנ גלעטשער, — האָט מענ געמוזט גיינ צענ מעטער ארומ. ענדלעכ איז מענ געקומענ צומ „טײַוול־טויער". פאר די אויגנ האָט זיכ אנטפלעקט א בארג־קייט. די בערג האָט מענ אָנגע־רופנ: נילסענ־בארג, האנסענ־בארג, וויסטינג־בארג, האסעל־בארג.

באלויכטנדיק די דאָזיקע בארג־מאסיוונ, האָט די זונ אנט־פלעקט א צויבערהאפט בילד. די שפיל פונ ווײַסע, שווארצע,



קאַרטע
פֿון
אַנטאַרקטידע
600 0 600 1200 קמ.
אַמונדסענס וועג
אויסגעפאָרשטע - שטעטכס יאַבאָשע
קאָנווענציאָנעלע ברעג-ליניע
גראַהאַמס לאַנד
האַאַקאָנס פּלאַטאָ VII
עדוואַרד VII לאַנד
דזשאָרדזש V לאַנד
האָבאַרט
טאַסמאַניע
נײַ-זעלאַנד
אויסטראַליע

בלאָע און רויטע טענער, די שאַרפע, לאַנגע, קיילעכדיקע שפּיצנ, די פינקלענדיקע גלעטשערס, וואָס לאָזנ זיכ אַראָפּ פונ די בערג, האָבנ געשאַפנ א זעלטנ־שיינע פּאַנאָראַמע.

אָבער שיינקייט איז געוועננ נאָר דער פאָנ פונעמ בילד, דער טאָכ זײַנער איז געווענ — געפאַר.

„בלויז מיר, — האָט פאַרשריבנ ראָאַלד, — וואָס זײַנענ געבוירנ געוואָרנ, קאָנ מענ זאָגנ, מיט ליזשעס אפ די פיס, האָבנ געקאָנט דורכגיינ דורכ דעמ דאָזיקנ לאַנד פונ גראַנדיעזע, ביז גאָר טיפע אָפּגרונטנ".

איינ אָפענער אָפּגרונט האָט אָפּגעטראָטנ זײַנ אָרט א צווייטנ, און צווישנ זיי האָבנ נאָכאַנאַנד געשטאַרצט בלאָקנ, ווי א באַרג די הייכ: דער אַריבערגאַנג האָט דערמאָנט אָנ א טאַנצ פונ א שטריק איבערנ וואַסערפאַל ניאַגאַרע. ס'איז נאָכ גוט, וואָס קיינ איינער פונ די מענטשנ האָבנ ניט געליטנ פונ קאָפּשווינדל, און וואָס די הינט האָבנ ניט פאַרשטאַנענ, וואָס עס וואָלט באַדײַט אפילע איינ פאַלשער שריט.

דעמ 8 דעקאַבער 1911 יאָר איז די עקספּעדיציע אַריבער 23′ ,88°, דאָס הייסט, די דאָרעמ־ברייט, וועלכע שעקלטאָנ האָט געהאַט דערגרייכט. אפנ פאָדערשטנ שליטנ האָט געפלאַטערט דער נאָרוועגישער פלאַג, און אפ אַמונדסענס אויגנ האָבנ געפינקלט טרערנ: ער איז צוגעקומענ צומ ציל נעענטער איידער אַלע זײַנע פאָרגייער, אַרײַנגערעכנט אויכ דעמ באַרימטנ ערנעסט שעקלטאָנ.

די פּענעמער פונ די רײַזנדער זײַנענ געווענ געשוואָלנ און באַדעקט מיט אייטערדיקע וווּנדנ. אָבער א ווילדע פרייד האָט געבראַוזט און זיכ געריסנ פונ האַרצנ אַרויס.

דעמ 14 דעקאַבער האָבנ די באַאָבאַכטונגענ געוויזנ 45′ 89° דאָרעמ־ברייט. די רײַזנדער זײַנענ געגאַנגענ שווײַגנדיק. ווערטער זײַנענ איצט געווענ איבעריק. אַלע האָבנ געקוקט פאָרויס, ווו ס'איז געלעגנ פאַר די אויגנ אַנ אומגעהײַער ראַכוועסדיקער ווײַסער פליינ. בלויז די הינט זײַנענ געלאָפנ ווי געווייגלעכ,

גאָר ניט קלערנדיק, אז זיי לויפּן אפּ אן אָרט, וואָס ליגט הארט באם פּאָליוס.

3 אזייגער באטאָג האָט זיך ווי א דונער צעהילכט:

— האלט!

אלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

די אויסמעסט־אפּאראטן האָבן באוויזן, אז דער פּונקט, וואָס איז פריִער אָנגעמערקט געוואָרן לויטן פּלאן, איז דערגרייכט געוואָרן. דער דאָרעם־פּאָליוס איז אנטדעקט.

דער גרויסער מענטש האָט באַויזן די גרויסע נאטור!

אויספירן פון דער פארגאנגענהייט און פּלענער אפ דער צוקונפט

ס'איז אריבער ניט ווייניק צײַט, ביזוואנען די פינף מאן, וואָס זײַנען געווען באַם דאָרעם־פּאָליוס, האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין זייער הויז אפן אײַז־פּלאַטאָ.

אָבער איצט, באַם אומקערן זיך, האָט מען די שוועריקייטן פון וועג אריבערגעטראָגן פיל גרינגער, און די צעשטעלטע מערק־צייכנס האָבן געוויזן דעם ריכטיקן קורס. איינמאָל, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט אמונדסען געזאָגט זײַנע באַגלייטער:

— איר ווייסט, פאַרוואָס מיר האָבן געזיגט?

— פאַרוואָס?

— ווײַל מיר האָבן געהאַט אַ פּלאַן, אַ גענויעם פּלאַן, אויסגעארבעט ביזן לעצטן פּונקט. דער רוים, די צײַט, די ארבעט־צעטיילונג, דער דיסקאָנט פון די כײַעס — דאָס אַלץ איז פאָרויסגעזען געוואָרן אפריער. און אונדזער אָנופהערלעכע ארבעט האָט אויסגעפילט דעם פּלאַן אינגאנצן און ביזן סאָף.

אמונדסען איז געווען גערעכט. די רײַזנדער האָבן דורכגעמאַכט אויך דעם וועג צוריק לויט אַ פּלאַן, געפינענדיק אפ די ערטער די פּראָוויאַנט־סקלאַדן, פארטיילנדיק די שפּײַז־פּאָרציעס, פּאָטאָגראַפירנדיק, זאַמלענדיק און פארשרײַבנדיק די מאטעריאַלן. און צום סאָף יאנוואר זײַנען זיי געקומען „אהיים", אזוי האָט ראָאַלד מיט זײַנע כאווײרים אָנגערופן „פראם־היים".

מאכנדיק די סאכאקלענ פונעם גאנצנ דורכגעמאכטנ וועג, האָט אמונדסענ געהאלטנ, אז דעמ דאָרעמ־פאָליוס האָבנ אימ געהאָלפנ אנטדעקנ דעריקער... די הינט. אָנ זיי וואָלט מענ דעמ פלאנ ניט געקאָנט ניט אויסארבעטנ און ניט אויספילנ. די אידיי אויסצונוצנ הינט בא פאָליאר־פאָרשונגענ האָט צומ ערשטנ מאָל געגעבנ נאנסענ. די עקספּעדיציע צומ דאָרעמ־פאָליוס האָט גלענצנדיק בארעכטיקט די דאָזיקע אידיי.

דער ענגלישער קאפיטאנ סקאָט, וואָס האָט זיכ אָפגעזאָגט אָנצוווענדנ הינט־געשפאנענ, איז אינ א כוידעש ארומ אויכ צוגעקומענ צומ דאָרעמ־פאָליוס, ווו ער האָט געפונענ דאָסביידל, דעמ פלאג און די נאָטיצנ, וואָס ראָאלד האָט געלאָזנ. אָבער צוריק איז דער קאפיטאנ סקאָט מיט זיינע פיר באגלייטער ניט געקומענ: זיי זיינענ אומגעקומענ פונ הונגער און קעלט. זיי האָבנ מיט זיכ ניט געהאט קיינ הינט, וואָס זיינענ ניט נאָר דער שנעלסטער טראנספּאָרט־מיטל, נאָר אויכ א רעזערוו פרישע שפייז אינ די אויסערסט שווערע באדינגונגענ פונ א פאָליאר־רייזע.

מיט סקאָטס מאפּאָלע האָבנ די ענגלענדער א לאנגע צייט ניט געקאָנט שאָלעמ מאכנ. זייער נאציאָנאלע אמביציע האָט א לאנגע צייט ניט געוואָלט אָפגעבנ דעמ ניצאָכנ די נאָרוועגער. אפילע אינ די ענגלישע שולנ האָט מענ די קינדער דערציילט, אז דעמ דאָרעמ־פאָליוס האָט דער ערשטער אנטדעקט קלוימערשט דער קאפיטאנ סקאָט. ווענ די געאָגראפישע געזעלשאפט אינ לאָנדאָנ, ניט קאָנענדיק איגנאָרירנ די וויסנשאפטלעכע אָנגאבנ וועגנ די עקספּעדיציעס, האָט געגעבנ א מיטיק לעקאָווער אמונדסענענ, בייס ער איז אָנגעקומענ קיינ ענגלאנד, איז פאָרגעקומענ אזא אינצידענט.

האלטנדיק א רעדע וועגנ דעמ בארימטנ גאסט, האָט דער פאָרזיצער פונ דער געזעלשאפט לאָרד קערזאָנ פארענדיקט די רעדע מיטנ טאָסט:

— אזוי־ווי הער ראָאלד אמונדסענ דעריקלערט דעמ געלונ־

גענעמ סאָפ פונ זײַנ דרײסטער אונטערנעמונג מיט דער ארבעט אונ מיטנ אָנטײל פונ הינט, ליג איכ פאָר דרײַ מאָל אויס־שרײַענ הורא לעקאָוועד... די הינט!

אמונדסענ האָט געהאלטנ נידעריקער פונ זײַנ קאָוועד וואָס־ניט־איז צו ענטפערנ אפ דער דאָזיקער בעפײרעשער באַלײדיקונג מיצאד דעמ ענגלישנ „דזשענטלמענ".

אָבער דאָס אלצ איז פאָרגעקומענ שפעטער, אונ דאָס האָט, פארשטײט זיכ, ניט געקאָנט א וואקל טאָנ די איבערצײַגונג, צו וועלכער ראָאלד איז געקומענ בײס זײַנ וואונדערבארער רײַזע צומ פּאָליוס: אז הינט האָבנ א העכסט־וויכטיקע באדײַטונג פארנ פאָרשונג־פלאנ פונ די פּאָליאר־טוער. פונ די 52 הינט, וואָס האָבנ זיכ געלאָזט אינ מארש צוזאמענ מיט אמונדסענענ, זײַנענ געווענ אפנ פּאָליוס אונ האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק 11.

פארבראכט באמ פּאָליוס 3 טעג אונ אויסגעפאָרשט די אומגעגנט ארומ זײַנ לאגער אפ א ראדיוס פונ אומגעפער 10 קילאָמעטער, האָט ראָאלד איצט געקאָנט באהויפטנ מיט פולער זיכערקײַט, אז די געהײמעניש פונ דאָרעמ־פּאָליוס עקזיסטירט מער ניט.

באמ פּאָליוס איז געווענ דורכגעפאָרענע יאבאָשע, באדעקט מיט שנײ אונ אײַז. די אויסמעסטונגענ האָבנ געוויזנ, אז דער פּאָליוס ליגט 3201 מעטער איבערנ יאמ־ניוואָ.

בײַמ אמונדסענ איז געווענ אפנ פּאָליוס, איז דער וועטער געווענ לויטער אונ שטיל, דער פראָסט איז דערגאנגענ ביז 25°, כאָטש ס'איז געווענ אינמיטנ דאָרעמ־פּאָליארישנ זומער.

„וואָס פאר א איז מײַנ ווײַטערדיקער שריט אונ פלאנ?" — האָט ראָאלד געטראכט, גײענדיק מיט זײַנע געטרײַע באגלײטער צוריק צו „פראמ־הײמ".

ווענ ער האָט זיכ ערלעכ געפרעגט, צי פילט ער די העכסטע פרײד פונ א זיגער, האָט ער זיכ געענטפערט: „נײנ". זײַנ טרוימ אונ זײַנ פראקטישע שטרעבונג איז פונ די סאמע יונגע

יאָרן אָן געווען דער צאָפן־פּאָליוס, אָבער דעם צאָפן־פּאָליוס האָט שוין אנטדעקט אן אנדערער, און פון דעם דאָזיקן געדאנק האָט בא אמונדסענען שטענדיק גענאָגט דאָס הארץ.

— אנטדעקט, אָבער ניט אויסגעפאָרשט! — האָט פּלוצלינג פּאראקשנט א קלאַפּ געטאָן בא אים אין מויעכל, ווי עמעצער וואָלט געענטפערט ראָאלדן אף דער פראגע, וואָס האָט אים געפּייניקט. הייסט עס? הייסט עס, מע דארף אויספאָרשן. מע דארף דערפירן די ארבעט ביזן סאָף. מע דארף פּונקט אזוי באלויכטן מיט פאָרשונגען און מאטעריאלן די פראגע וועגן דעם צאָפן־פּאָליוס, ווי ס'איז באלויכטן די פראגע וועגן דאָרעם־פּאָליוס. מע דארף אויך דאָ צעשטערן די לעגענדע, און די אייביקע „געהיימענישן" פארבייטן אף קלאָרע און אָפענע וועגן פון דער וויסנשאפט.

ווי ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, איז „פראם" אין יאנוואר געקומען צוריק פון בוענאָס־איירעס צום איַיז־פּלאטאָ, און אמונדסען מיט זיינע כאווירים, איבערלאָזנדיק דאָס ליבע, געמיטלעכע הויז פאר דרייסטע מענטשן, וועלכע וועלן ווען־עס־איז דערגרייכן אהערצו, איז אריבער אפן באָרט פון דער שיף.

די ערשטע וואָך פונעם צוריקוועגס איז נאטירלעך געווען „א וואָך פון פראגן און ענטפערן". דער קאפּיטאן נילסען און זיין פערסאָנאל האָבן גיריק געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס ראָאלד און זיינע באגלייטער האָבן דערציילט וועגן דער ריַיזע צום דאָרעם־פּאָליוס.

נאָכן שווערן וועג און נאָכן לאווירן צווישן דעם פּאָליאר־איַיז איז „פראם" ענדלעך ארויס אין אָפענעם יאם, און דעם 4 מארט 1912 יאָר האָט דער וואכטע־מאן דערזען אינדער־וויַיטנס די ערשטע סימאָנים פון לאנד.

אינגיכן זיינען פונעם האפן האָבארט אוועקגעפלויגן טעלע־גראמעס אין אלע עקן וועלט:

„דעם דאָרעם־פּאָליוס האָט אנטדעקט דער קאפּיטאן אמונד־סען".

ראָאלדנ האָט מענ אינ איירָאָפּע אונ אינ אמעריקע באַגעגנט, ווי א טריומפאטאָר, האמוינימ פונ טויזנטער מענטשנ האָבנ אימ באגריסט, מע האָט פאָטאָגראפירט אונ דעמאָנסטרירט אינ קינאָ יעדנ שריט אונ יעדע באוועגונג זיינע, אָבער ער איז געבליבנ רויק אונ האָט געשמייכלט עטוואָס איראָניש, ווי א מענטש, וואָס ווייסט דעמ ווערט פונ אָט דעמ גאנצנ „העוול־האוואָלימ” אונ אָנערקענט נאָר איינ איינציקנ לאָזונג — טאָנ די ארבעט לויט א פּלאנ אונ ביזנ סאָפ.

האלטנדיק אינ אמעריקע לעקציעס וועגנ דעמ, וויאזוי ער האָט אנטדעקט דעמ דאָרעמ־פּאָליוס, האָט אמונדסענ אזויארומ געזאמלט מיטלענ פאר א נייער עקספּעדיציע, וואָס זאָל פארווירקלעכנ זיינ לאנגאָניקנ אונ הארציקסטנ טרוימ — דרייפנ מיטנ אייז דורכ דעמ צאָפנ־פּאָליוס.

צו יענער צייט איז שטארק פארפולקומט געוואָרנ דאָס נייע אונ מעכטיקע טראנספּאָרט־מיטל — די אוויאציע.

האָט דענ אזא מענטש, ווי אמונדסענ, געקאָנט ניט ווענדנ אפ דעמ זיינ פאָרשנדיקנ בליק? פארשטייט זיכ, אז ניט. אונ אינ 1914 יאָר פּילט ראָאלד אויס דאָס, וואָס ער האָט פארטראכט נאָכ אינעמ יאָר 1909, ווענ ער האָט זיכ צומ ערשטנ מאָל געקליבנ אפ „פראמ” צומ צאָפנ־פּאָליוס: נעמענ אפנ באָרט אנ אוויאטאָר מיט אנ אפּאראט. ער קויפט זיכ אייגנ פארמאנס ביפּלאנ, וואָס שטייט אפ לייזשעס. דער דאָזיקער אפּאראט האָט נאָכ, לויט זיינ מיינונג, ניט געקאָנט שפּילנ קיינ אנטשיידנדיקע ראָליע אינ דער ארקטישער עקספּעדיציע, אָבער ער האָט געזאָלט רעוואָליוציאָנירנ א וויכטיקסטע ארבעט — די רעקאָגנאָסצירונג. ווענ מע פאָרשט אויס די געגנט פונדערלופטנ, קאָנ מענ ריכטיק אויסקלייבנ דעמ וועג צומ פּאָליוס.

אומקערנדיק זיכ פונ אמעריקע אינ זיינ היימלאנד, האָט אמונדסענ מיטגעבראכט קיינ נאָרוועגיע זיינ אעראָפּלאנ. אָבער אינ דער זעלבער צייט איז אָנגעקומענ א גרויזאמע יעדיע: ס׳איז אויסגעבראָכנ די וועלט־מילכאָמע.

איצט האָט מענ שוינ ניט געקאָנט קלערנ וועגנ וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס. די יאָמענ האָבנ געשווּיבלט מיט אונטערוואַסער־שיפלעכ. אונ פרידלעכע שיפנ פלעגנ אומקומענ פונ פאַרעטערישע מינעס.

אָבער דער ציל איז געבליבנ א ציל: אמונדסענ האָט באַשלאָסנ אויסנוצנ די צווישנצײַט אפ ווערנ אומאָפּהענגיק אונ ניט זײַנ אויסגעשטעלט אפנ צופאַל פונ מיטלענ פונ דער זײַט. די לאַסט פונ כויוועס האָט אימ שטענדיק געדריקט. זײַנ שטאָלצ האָט שטענדיק געליטנ דערפונ, וואָס ער מוז בא עמעצנ אויסבעטנ געלט, דערשלאָגנ זיכ הילפ בא אידיייִש ניט־פאַרינטערעסירטע מענטשנ, וואַרטנ אינ די פאָדער־צימערנ פונ רײַכע אָדער אײַנפלוסרײַכע אַריסטאָקראַטנ.

דער האַנדלס־פלאָט פונ נאָרוועגיע האָט בײַס דער מילכאָמע אָנגעהויבנ מאַכנ גוטע געשעפטנ. די מיטלענ, וואָס ער האָט באַקומענ פונ האַלטנ לעקציעס אונ אַרויסגעבנ ביכער, האָט אַמונדסענ אַרײַנגעלייגט אינ א האַנדלס־שיפקאָמפּאַניע. אונ אינ יאָר 1916 האָט ער זיכ איבערצײַגט, אַז מיטלענ פאַר זײַנע וויסנשאַפטלעכע צוועקנ האָט ער איצט גענוג: זײַנע אָפּשפּאָרונגענ האָבנ באַטראָפנ קימאַט א מיליאָנ קראָנ. ער איז טייקעפ אַרויסגעטראָטנ פונ דעמ געשעפט, אינ וועלכנ ער האָט זיכ געהאַט באַטייליקט.

איינמאָל אינ אָוונט איז ער אַוועק א קוק טאָנ אפ זײַנ אַלטנ „פראַמ”, אינ וואָס פאַר א צושטאַנד עס געפינט זיכ די שיפ. די צייַנ פונ דער צײַט האָבנ היפּש צעהריזשעט די שיפ. דער פּאָליאַר־וועטעראַנ האָט מער ניט געטויגט פאַר א ריזיקאַלישער רײַזע. דער גאָלדענער בייגאַשמאָשעס האָט שעמערירט אפ די מעטאַלענע טיילנ פונ דער אַלטער שיפ, אונ מיט נאָכ גרעסערנ אומעט האָט זיכ דער קאַפּיטאַנ איבערצײַגט, אַז דאָס דאָזיקע פינקלענ איז איצט ניט מער, ווי דער טרויעריקער גלאַנצ פונ שטאָל, ווענ דעמ קעמפערס האַנט איז מיד אונ קאָנ מער ניט האַלטנ די שווערד.

— אדיע, מײַן טרײַער פרײַנט! — האָט ראָאלד געשעפטשעט פאר זיך, אראָפגייענדיק פון די טרעפּלעך אפן ברעג, אָבער אין עטלעכע מינוט ארום איז שוין זײַן געדאַנק געווען ווײַט — אפן דעם ווערף, ווו עס וועט זיך בויען זײַן נײַע שיף.

דער קאָרפּוס פון דער דאָזיקער ספּעציעלער שיף דארף אויסזען ווי אן איי, וואָס איז צעשניטן אין דער לענג. ער וועט זײַן אינגאנצן א קײַלעכדיקער און וועט קיין איין טייל פון זײַן אויבערפלאך ניט אונטערשטעלן דעם דירעקטן דראנג פונעם אײַז. דער באוווסטער קאָנסטרוקטאָר יענסען וועט שוין קענען מאכן דעם נייטיקן פּראָיעקט און וועט אליין אופבויען די גאנצע שיף.

דעם 17 יוני 1917 יאָר איז אפ יענסענס ווערף אין אספער פארענדיקט און אראָפּגעלאָזט געוואָרן אפן וואסער אמונדסענס נײַע שיף מיטן נאָמען „מאָד".

דאָס זעלבע יאָר איז אינעם דײַטשישן קאָנסולאט אין קריסטיאַניע געקומען א העכסט אופגערעגטער מענטש. דער סעקרעטאר האָט געוווסט, אז דעם דאָזיקן מענטשן, דעם פּאָליאר־רײַזנדער ראָאלד אמונדסען, אכט זייער דער דײַטשישער אמבאסאדאָר פּירשט וויד, ווײַל דער דײַטשישער קײַזער אליין האָט באגריסט אין בערלין דעם באריטמטן נאָרוועגער א קורצע צײַט פאר דער מילכאָמע און האָט אים באלוינט מיט דײַטשישע ערדן־אָרדענס.

דער סעקרעטאר האָט טייקעפּ געמאָלדן דעם אמבאסאדאָר, און יענער איז ארויס אנטקעגן דעם באריטמטן גאסט מיט א פרײַנטלעך־אויסגעשטרעקטער האנט.

ראָאלד האָט זיך געמאכט ניט זעענדיק, און האָט אים די האנט ניט געגעבן.

— אָט — האָט ער דערלאנגט דעם אמבאסאדאָר א פּאקעט מיט ערדן־צייכנס און מיט א שריפטלעכער מעלדונג, אז ער קערט די אָרדענס אום צוריק. — שיקט עס אָפּ אײַער אימפּעראַטאָר און טיילט אים מיט, אז איך געפין ניט אין דער דײַטשישער

שפּראַך קיין. געגנוג שטאַרקע ווערטער איבערצוגעבן מײַן גאַנצן צאָרן איבער די באַרבאַרישע מײַסים פֿון די דײַטשישע אונטערוואַסערשיפֿלעך.

— אָבער... דאָס איז דאָך מילכאָמע! — האָט דער אַמבאַסאַדאָר געפּרוווט דערווידערן.

— אין מילכאָמע קעמפֿט מען קעגן אַ באַוואָפֿנטן סוינע. אָבער דערטרינקען אין יאַם פֿרידלעכע מענטשן און שיסן אַפֿילע אין רעטונג־שיפֿלעך, אָן וועלכע עס קלאַמערן זיך די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס טרינקען זיך, — דאָס איז שוין ניט קיין קאַמף, נאָר באַנדיטיזם. קערט אום דעם קייזער זײַנע צאַצקעס און גיט אים צו וויסן, אַז איך פֿאַראַכט טיף דעם, וואָס האָט זיי מיר געגעבן.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ראָאַלד פֿאַרלאָזן דעם גע־פּלעפֿט־געבליבענעם דײַטשישן אַמבאַסאַדאָר.

„מאָד"

נאָך דעם, ווי דער שוועדישער געלערנטער אדאָלף נאָר־דענשעלד האָט אין יאָר 1879 געלייזט די פּראָבלעם פונעם צאָפן־מיזרעכדיקן דורכגאנג, און ראָאלד אמונדסען אין יאָר 1905 — די פּראָבלעם פונעם צאָפן־מײַרעווודיקן דורכגאנג, איז מער ניט געבליבן קיין שום סאָפעק, אז דער צאָפן־פּאָליוס געפינט זיך אין צאָפנדיקן אײַז־אָקעאן.

אָבער דאָך איז נאָך געווען א סאך וויסנשאפטלעכע רע־טענישן אין דעם אומגעהייערן אײַז־מידבער פונעם עקסטן צאָפן, און קעדיי בעהאדראָגעדיק אופדעקן זיי, איז „מאָד" דעם 16 יונ 1918 יאָר אָפּגעשווומען פון טראָמסע און איז אוועק צו מיזרעך לענגויס דעם צאָפן־ברעג פון אײראָפּע.

דעם 1 סענטיאבער האָט „מאָד" זיך אָפּגעשטעלט באם אינדזל דיקסאָן, און דעם 9 סענטיאבער איז זי דורך פארבײַ דעם קאפּ טשעליוסקין, דעם סאמע צאָפנדיקן פונקט פון אזיע. אין עטלעכע טעג ארום איז קלאָר געוואָרן, אז ווײַטער וועט דאָס אײַז ניט דורכלאָזן די שיף, און אמונדסען האָט אָנגעהויבן זוכן אן אָרט אפּ איבערצווינטערן.

מע האָט געפונען א בוכטע און מע האָט זי אָנגערופן „האפן מאָד"; איר איז באשערט געווען צו ווערן דאָס שוץ־אָרט פון דער עקספּעדיציע אפּ א גאנץ יאָר צײַט. אפן ברעג האָט מען אופגעבויט אן אָבסערוואטאָריע, א שטעלכל פאר 20 הינט

און מע האָט זיכ אָנגעהויבנ גרייטנ צו די ווינטערדיקע פאָרשונגענ און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטנ.

איינמאָל איינדערפרי איז אַמונדסענ אַרויס פונ זײַנ קאַיוטע אַפנ שיפ־דעק, קעדיי דערנאָכ אַראָפגיינ אַפנ אײַז — מאַכנ זײַנ געוויינלעכנ היגיעניש'נ שפּאַציר. אַמונדסענ האָט גענומענ אַפנ האַנט איינעמ פונ זײַנע באַליבטע הינט. פונ אייפערזוכט, צי וועלנדיק צולאַשטשענ זיכ, איז דער גרויסער קייט־הונט „יאַקאָב" אָנגעפאַלנ אַפ ראָאַלדנ און האָט אימ אַ וואָרפ געטאָנ כּונעמ שיפּוּי, וואָס לעבנ דער שיפ, אַפנ אײַז. אַמונדסענס פּלייצע האָט באַקומענ אַ שווערנ בראָכ, און מיט ווייטעקנ איז ער אָפּגעלעגנ אַכט טאָג אינ בעט.

ווענ די קראַנקײַט האָט ענדלעכ דערלויבט דעמ קאַפּיטאַנ מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט ווידער אַרויסגיינ אַפנ אײַז, האָט ער דערזענ דעמ זעלבנ „יאַקאָב", אָבער יענער איז הענדעמ־פענדעמ געלאָפנ כּונעמ אײַז צו דער שיפ, און באַלד נאָכ אימ האָט ער נאָענט דערהערט אַנ אומגעוויינלעכנ אָטעמ: אַ ווײַסער בער האָט זיכ געיאָגט נאָכנ הונט גלײַכ אַפ ראָאַלדנ.

דאָס איז געווענ אַ זי, ווײַל נאָכ דער רויב־כײַע איז נאָכגעגאַנגענ אַ קליינ בערעלע, — אימ האָט, ווײַזט אויס, צערייצט דער הונט, און דאָס האָט אַרויסגערופנ דער מוטערס ווילדנ צאָרנ. צומ גליק האָט נאָכ די בעריכע, אַפּאָנעמ, קיינמאָל ניט געזענ אַזאַ מעשונעדיקע בריע, ווי אַ מענטש. זי האָט זיכ פּלוצלינג געזעצט אַפנ אײַז און האָט גענומענ גלאָצנ אַפ ראָאַלדנ. אַנ אומבאַוואָפנטער און מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט, האָט ער אויכ געקוקט איר גלײַכ אינ פּאָנעמ אַרײַנ, אָבער געוויס מיט גאָר אַנ אַנדער געפיל.

ער האָט געטאָנ דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקאָנט, — ער האָט זיכ אויסגעדרייט און גענומענ לויפנ מיט אַלע קויכעס. די בעריכע — נאָכ אימ. אינ דעמ מאָמענט, ווענ ער איז שוינ געווענ גרייט אַרופלויפנ אַפנ באָרט פונ דער שיפ, האָט אימ די כײַע דעריאָגט, אַ קלאַפּ געגעבנ אינ רוקנ און אומגעוואָרפנ.



א ווײַסער בער אינ די כוואליעס

„הייסט עס, אויס!" — האָט ראָאלד א טראכט געטאָנ אינ דעמ מאָמענט, אונ באלד נאָכדעמ האָט אינ קאָפּ דורכגעבליצט א געדאנק, וועלכנ ער האָט ניט געקאָנט דערקלערנ ביזנ סאָפּ פונ זײַנ לעבנ. ער האָט זיכ פּלוצלינג דערמאָנט די קאָלאָסאלע צאָל האָר־נאָדלענ, וואָס די גאסנ־קערער אינ לאָנדאָנ ראמענ אראָפּ פונ טראָטואר מאָנטיק אינדערפרי, נאָכנ זונטיקדיקנ טאָג.

— די בעריכע... דער טויט... האָר־נאָדלענ! — האָט אמונדסענ דערנאָכ דערציילט זײַנע פרײַנט, — איכ מיינ, אז די פּסיכאָלאָגנ וואָלטנ זיכ באדארפט פארנעמענ מיט דעמ דאָזיקנ פאל!

דער זעלבער שלימאזלדיקער הונט „יאקאָב" האָט, אפּאָנעמ, באשלאָסנ פארענדיקנ זײַנ שפּיל מיטנ בערעלע, האָט ער זיכ אינ דער דאָזיקער קאטאסטראָפאלער סעקונדע אומגעקערט צו זײַנ באלעבאָס אונ האָט דערמיט צוגעצויגנ צו זיכ די אופמערקזאמקײַט פונ דער צעמישטער בעריכע.

די וווּנדן אפן רוקן זײַנען געווען ניט געפערלעך, אָבער
אופהייבן די האנט אין דער הייך ביזן פּאָנעם האָט אמונדסען
געקאָנט ערשט סאָף יאָר.

ס'איז אדורך דער פרילינג, ס'איז אָנגעקומען דער זומער, און
„מאָד” האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט א רוק טאָן זיך פון
אָרט: דאָס אײַז האָט זי ארומגערינגלט. דערמאָנט זיך דאָק־
טער קוקס מעטאָד אף דער „בעלגיע”, האָט דער קאָמאנדיר
פון „מאָד” באשלאָסן איבערצוכאוזערן אים. מע האָט דורכגע־
עקבערט פופציק לעכער אינעם אײַז לויט א גראָדער ליניע ביז
דעם אָפענעם וואסער, און מע האָט אין זיי ארײַנגעלייגט אופ־
רײַס־שטאָפן.

דעם 11 סענטיאבער איז די נאכט געווען אן אויסגע־
צייכנטע. די לעוואָנע האָט באשײַנט די גאנצע געגנט ארום
און די ווײַסע בערג, וואָס גייען ארום איבערן אײַז. די ליכט
פון דער לעוואָנע האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער וונדער־
בארער פאנאָראמע פון דער צאָפן־שײַן. פלוצלינג האָט זיך דער־
הערט דער לאנג־דערווארטער קנאל. אופרײַסן האָבן געקנאלט
איינער נאָכן אנדערן. עס איז צעשטערט געוואָרן דאָס אײַז,
עס האָבן זיך געעפנט שפּאלטן, — עס איז באפרײַט געוואָרן
א וועג אינעם וואסער־רוים.

„מאָד” האָט גענומען א קורס קיין מיזרעך, איז דורכגע־
גאנגען דעם דורכגוס צווישן די נײַ־סיבירישע אינדזלען און
דעם קאָנטינענט און א'ז ארויס אין אָקעאן. די גאנצע צײַט
איז אף דער שיף ניט איבערגעריסן געוואָרן די וויסנשאפטלע־
כע ארבעט, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער דאָקטאָר
סווערדרופ. אים האָט אינטערעסירט ניט בלויז די פּאָליאַ־
רישע נאטור, נאָר אויך אירע אייביקע געפאנגענע — די אָרט־
געבירטיקע, און אינגיכן האָט זיך אים געמאכט א געלעגנהײַט
צו באקענען זיך מיט זיי נעענטער.

דעם צווייטן ווינטער האָט די שיף פארבראכט באם אינדזל
אײַאָן, און דאָ, בא די טשוקטשעס, די אײַנוווינער פון צאָפן־

מיזרעכ אזיע, האָט אמונדסענ באשלאָסנ אײַנקױפנ הירשנ צו דערגאנצנ די װינטער־זאפאסנ פונ דער עקספעדיציע. לױט א פארשטענדיקונג מיט אמונדסענענ האָט זיכ דאָקטאָר סװערדרופ אָנגעשלאָסנ אָנ אײנעמ פונ די אָרטגעבירטיקע שװאָטימ, האָט זיכ צוזאמענ מיט אימ געלאָזט דורכ סיביר קײנ דאָרעמ אונ האָט שפעטער אָנגעשריבנ זײער א שפאנענדנ בוכ װעגנ די רעזולטאטנ פונ זײַנע באאָבאכטונגענ.

אינ יול האָט זיכ דאָס אײַז געעפנט, אונ „מאָד" האָט בעשלאָסנ דורכגעמאכט דעמ װעג פונ אײַאָנ ביז אליאסקע. דאָרטנ האָבנ עטלעכע מענטשנ פונ דער שיפס־קאָמאנדע באשלאָסנ צו פארלאָזנ די עקספעדיציע אונ אומקערנ זיכ צו זײערע פאמיליעס. װײַטער איז דער שיפ אױסגעקומענ גײנ סאָכאקל מיט 4 עקספעדיציע־מיטגלידער: אמונדסענ אלײנ, דאָקטאָר סװערדרופ, װיסטינג אונ אָלאָנקינ.

די געשיכטע װײסט קױמ אזא בײַשפיל, װענ א גרױסע יאמ־שיפ, שטײענדיק אינ געפאר פונ שטורעמ, פאָלארישע אומגליקנ אונ אװאריעס, זאָל פאָרנ מיט א פערסאָנאל פונ פיר מאנ, אָבער אמונדסענ האָט ניט געקענט בײַטנ זײַנע פלענער.

װענ די שיפ איז ארומגעפאָרנ דעמ קאפ סערדצע־קאמענ, איז צעבראָכנ געװאָרנ דער שיפ־שרױפ, אונ דאָס האָט געצװונגענ די עקספעדיציע בלײַבנ איבער װינטער אפנ ברעג, צו װעלכנ דאָס אײַז האָט צוגעדריקט „מאָד". דאָ האָט זיכ דער פערסאָנאל פונ „מאָד" באפרײַנדעט מיט די אָרטגעבירטיקע, װאָס האָבנ דערבײַ אופגעשטעלט זײערע בײַדלעכ.

קעדײ צו פארגרעסערנ דעמ פערסאָנאל פאר דער װײַטערדיקער רײַזע, האָט ראָאלד געפרעגט בא פינפ טשוקטשעס, צי זײ זײַנענ אײַנשטימיק אָנצוקומענ אפ דער שיפ. דער עלטסטער פונ זײ האָט געענטפערט:

— װוהינ דו װעסט גײנ, אהינ גײענ מיר. נאָר אױב דו װעסט אונדז הײסנ שטארבנ, װעלנ מיר דיכ בעטנ נאָכאמאָל אָפגעבנ דעמ באפעל.

איינער פון די טשוקטשעס, וואָס אמונדסענ האָט אָנגענומען, האָט אויסגעזען מאָדנע און האָט געמאכט א שווערן איינדרוק. ראָאלדן האָט מען אפילע אָפגערעדט צו נעמען אים אפן שיפ. געהייסן האָט ער קוקוט.

א קורצע צייט פאר דעם, ווי די שיפ איז אָפגעגאנגען, איז ער געקומען צום קאפיטאן:

— מיין פרוי איז געשטאָרבן. דאָס קינד איז בא א שוועסטערקינד, דאָרטן אין צאָפן. בא זיי איז א הונגער. פארן פאָרן אזוי ווייט לאָז מיך אָפ אהיים א קוק טאָן אפ דעם מיידעלע.

אין א וואָך ארום קער איך זיך אום.

ראָאלד האָט דערלויבט, און קוקוט איז פארשוואונדן. אין א וואָך ארום איז ער געקומען צוריק. דער קאפיטאן האָט אים געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך מיט דעם מיידעלע?

דער טשוקטשע האָט שווייגנדיק אָנגעוויזן אפ עפעס א פעקל, וואָס איז געלעגן אונטערן ברעזענט.

— טראָג אהערצו דאָס פעקל!

קוקוט האָט געבראכט דאָס פעקל און האָט עס א רוק געטאָן דעם קאפיטאן אין האנט. ווען אמונדסען האָט זיך אראָפגעלאָזט אין דער קאיוט־קאָמפאניע און האָט צונויפגערופן זיינע כאווירים, האָבן זיי דערזען א גרויזאמע סצענע. א קליינ מיידעלע, פון א יאָר פינפ, איז געלעגן אין א פעקל פון פעל גאָר א נאקעטע, א מאָגערע, מיט ארויסשטארצנדיקע ביינער, באדעקט מיט ווונדן און בלאָטערס. איר קאָלטנ האָר האָט אויסגעזען, ווי לעבעדיק: אזויפיל פאראזיטן האָבן דאָרטן געווימלט.

דאָס מיידעלע האָט מען ארומגעוואשן, אָפגעשאָרן, מע האָט זי לאנג געהיילט, אָפגעקאָרמעט און באקליידט, און זי איז ביים דער רייזע געוואָרן א קליין מעכייעדיק נעפעשל.

שפעטער־אהין, באם קאפ דעזשניעוו אין בערינג־דורכגוס, האָט זיך די פרויען־באפעלקערונג אפ דער שיפ פארטאָפלט: איינער א קארפענדעל, אן אווסטראליער מיט א גרויסער

פאמיליע, האָט אָפּגעגעבן דעם פּערסאָנאַל פון „מאָד" זײַן 10־יאָריק מיידעלע צו דערציִען. אמונדסען האָט צוגעזאָגט אָפּ־צוגעבן זי אין א נאָרוועגישער שול צוזאמען מיט קוקוטס טאָכ־טער.

ענדלעך איז געקומען א סאָף צו דער אײַז־געפענקעניש באַם קאַפּ „סערדצע־קאַמען". ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג, און „מאָד" איז ארויס אין סיִעטל אַפּ רעמאָנט. די טשוקטשעס האָבן ארויסגעוויזן אין ווען אַן אומדערמידלעכע ארבעטספייִקייט און גינציקייט צו זייער זאַך. אָבער אין סיִעטל האָבן צוויי פון זיי, ניט געווינט צום שטאָטישן טומל, באַקומען א נערוון־דערשיטערונג, און אמונדסען האָט זיי אָפּגעשיקט צוריק אַפּ דער שיף, וואָס איז אוועק קיין צאָפּן.

איינער פון די טשוקטשעס האָט באַם געזעגענען זיך געבעטן דעם קאַפּיטאַן:

— גיב מיר א ביסל פּערל.

— צו וואָס? — האָט זיך אמונדסען פאַרוווּנדערט.

— ווען מיר וועלן פאָרן אהיים דורך סיביר, — האָט דער טשוקטשע דערקלערט, — דאַרפן מיר אריבערגיין איבערן אײַז פון טײַך. דער גאָט פון טײַך האָט ליב מאַטאָנעס. אויב מיר וועלן אים וואַרפן פּערל, וועלן מיר קומען אהיים לעבעדיקע.

אַפּ דער צײַט, וואָס די שיף איז געשטאַנען אין סיִעטל, האָט זיך רעמאָנטירט און האָט גענומען אַפּן באָרט פּראָוויאַנט און מאַכשירים — האָט ראָאַלד באַשלאָסן צופאָרן קיין נאָרוועגיע צו באַקומען מיטלען פאַר זײַן לאַנגיאָריקן ציל: צוציִען צו די ארקטישע פאָרשונגען די אוויִאַציע.

אומגעקערט זיך קיין איירָאָפּע, האָט זיך אמונדסען דער־וווּסט, אז, נעמענדיק אין אכט די קאָלאָסאַלע וויסנשאַפטלעכע באַדײַטונג פון אמונדסענס עקספּעדיציע, האָט דער נאָרוועגי־שער סטאָרטינג אסיגנירט א האַלבן מיליאָן קראָן, די עקספּע־דיציע פון „מאָד" זאָל פאָרגעזעצט ווערן. אָבער באַ דער גאַנ־צער דאַנקבאַרקייט, וואָס ראָאַלד האָט געפילט, האָט ער גע־

מוזט אָנערקענען, אז די אסיגנירונג קלעקט ניט, ווײַל נאָך דער מילכאָמע איז דער קורס פון נאָרוועגישן קראָנן געפאלן קימאט אין צוויי מאָל.

אָבער די וויסנשאפטלעכע רעזולטאטן פון דער ארבעט אפ „מאָד" האָבן קאטעגאָריש געשטעלט פאר אמונדסענען די פּאָלגנדיקע אופגאבע: אריבערפליִען פון איין קאָנטינענט צום צווייטן קאָנטינענט דורכן אײַז־אָקעאן און איבערקערן דערמיט נאָך איין זײַטל פון דער געשיכטע.

א גרויסער טייל פון דער ערד־פלאך — דער טייל פונעם אײַז־אָקעאן, וואָס ציט זיך פון צאָפן־אליאסקע דורכן צאָפן־פּאָליוס ביזן צאָפן פון אייראָפּע, — איז נאָך געווען ניט אויסגעפאָרשט. און די לופט־שטראָמען ארום דעם צאָפן־פּאָליוס ווירקן אפ דער טעמפּעראטור פון די ציוויליזירטע לענדער, צי דאָס איז אין פּאריז, צי אין ניו־יאָרק. קאָן מען דען ווײַטער דערלאָזן, אז די וויסנשאפט זאָל גאָרנישט ניט וויסן וועגן דעם געאָגראפישן און מעטעאָראָלאָגישן צושטאנד בא די פּאָליוסן?

— מע טאָר ניט! — האָט אמונדסען באשלאָסן. און ער איז ארויסגעפאָרן קיין אמעריקע (דאָס איז געווען זומער 1922 יאָר) לייענען לעקציעס און אײַנשאפן זיך א יונקערס־אעראָפּלאן: אָט דער טיפּ אעראָפּלאנען האָט דעמלט געשלאָגן דעם וועלט־רעקאָרד אפ דויערהאפטיקײַט פון דירעקטן פליִען.

ווען דער יונקערס־אפּאראט איז שוין געווען אײַנגעקויפט, האָט דער דירעקטאָר פונעם אעראָפּלאנען־זאוואָד „קערטיס" פּאָרגעלייגט דעם גרויסן פּאָרשער א מאטאָנע נאָך א קליינעם אעראָפּלאן „אָריאָל" פאר אויסשפּירונג־פליִען. אמונדסען האָט מיט גרויס דאנקבארקײַט אָנגענומען אזא ווערטפולע מאטאָנע.

נאָכדעם האָט ראָאלד מיט דיביידע אפּאראטן געײַלט קומען צוריק קיין סיעטל, וווּ עס האָט אפ אים געדולדיק געווארט אזוי לאנג זײַן „מאָד".

איצט איז אמונדסען געווען באוואָרנט מיט אלדאָס נייטי־

קע, אויך מיט פולע קאָמפּלעקטן פון די נײַסטע אינסטרומענטן פאַר װיסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען און מיט זאַפּאַסן פּראָוויאַנט אַף זיבן יאָר.

דעם 1 יונ 1922 יאָר איז „מאָד" אַרויס פון סיעטל. אַפן וועג צום קאַפּ באַראָו, אַפן צאָפן־ברעג פון אַליאַסקע, פונוואַנען ראָאַלד האָט באַשלאָסן אָנהייבן זײַן איבערפלי, האָט „מאָד" אָנגעטראָפן אַ האַנדל־שכונע, וואָס האָט אַמונדסענען געשײַנט צו זײַן פּאַסיק פאַר זײַנע פלענער. דער קאַפּיטאַן פון דער שכונע האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט אַמונדסענען און האָט אַרופגענומען אַפן באָרט אים, דעם לייטענאַנט אָמדאַל און זייער יונקערס־אַפּאַראַט.

„מאָד" ווידער האָט פאַרקערעוועט צו צאָפן־זײַט און איז אַרויס אין אײַז, קעדיי פאָרזעצן די פאָרשונגען לויט דעם פּלאַן, וואָס אַמונדסען האָט אָנגעמערקט פאַר די מיטאַרבעטער פון דער עקספּעדיציע.

די לינקע זײַט פון דער מעדאל

נאָך יעדער יעדיִע וועגן אמונדסענס אָן אנטדעקונג אָדער אַן אנדער וויסנשאפטלעכער דערגרייכונג זײַנער פלעגן אַלע אויסלענדישע צײַטונגען אָפּגעבן זייערע שפאַלטן אַף צו לויבן דעם נאָרוועגישן פאָרשער און אַף צאָלרײַכע באַשרײַבונגען פון די באַגעגענישן, אַאודיִענציעס און ערנ־באַלוינונגען, וואָס ער האָט באַקומען קימאַט פון אַלע מעלוכעס.

מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ראָאַלדס לעבן איז אַ טריִומ־פאַלע פּראָצעסיע פון אַ זיגער, וואָס ווייסט ניט פון קיין מאַ־פּאָלעס. אַ וועג פון הוילע רויזן, אָן דערנער.

אָבער אין דער ווירקלעכקײַט איז דאָס לעבן פון דעם אומדערמידלעכן פּאָליארישן האָרעפּאשניק געווען פול ניט נאָר מיט פיזישע לײַדן און ניסיוינעס, נאָר אויך מיט אומדערטרעג־לעכע מאָראַלישע יעסורים.

וועגן זײַנע פיזישע לײַדן האָט דער דאָזיקער העראָיִשער מענטש ניט ליב געהאַט צו ריידן. ווען ער האָט צעבראָכן זײַן האַנט, האָט ער עס אריבערגעטראָגן, ווי מע טראָגט אריבער אַ קליינעם קראַץ. דער קלאַפּ פון דער בעריכע האָט בײַ אים געהייסן אַ קלײניקײַט. ווען זײַן שיף האָט פאַרבראַכט דעם ווינ־טער אינעם „האַפן מאָד", איז די אָבסערוואַטאָריע, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן פאַר דער אַרבעט, געווען זייער אַן ענגע, האָט געהאַט אַ שלעכטע ווענטיליאַציע, באַלויכטן און באַהייצט

האָט זי נאָר איינ שוועדישער פאטענט־לאָמפ, ווו דער קעראָסינ פלעגט געבנ א פלאמ מיט דער הילפ פונ א האנט־פאָמפע. אונ איינמאָל, ארבעטנדיק אינ דער דאָזיקער לאבאָראטאָריע, האָט ראָאלד דערפילט, אז זיינ הארצ קלאפט זייער שטארק אונ ער האלט באמ פארלירנ דעמ באוווסטזיינ. אפאָנעמ, דער לאָמפ האָט אויסגעטיילט באמ ברענענ געוויסע גיפטיקע גאזנ, דער אָרגאניזמ איז געווענ אזוי ווייט פארגיפטעט, אז דאָס הארצ האָט באקומענ אנ ערנסטנ פעלער אפ א סאכ יאָרנ.

אייניקע פונ זיינע באגלייטער האָבנ באמערקט, ווי אמונדסענ ליידט פונ שטארקער הארצקלאפעניש. נאָר ער גופע דערציילט וועגנ דעמ אזוי:

„לויט דער פאָדערונג פונ מיינע פריינט האָב איכ זיכ געווענדט אינ לאָנדאָנ צו א באוווסטנ דאָקטער, א ספעציאליסט אפ הארצ־קראנקייטנ. מע האָט געדארפט איינמאָל פאר אלעמאָל מאכנ א סאָפ צו די אלע אומאָנגענעמלעכקייטנ, וואָס דער שוועדישער קעראָסינ־לאָמפ האָט מיר פארשאפט.

דער ספעציאליסט האָט מיכ גאָר ערנסט אונטערזוכט אונ האָט געמאָלדנ:

— וועגנ קיינ שומ עקספעדיציעס קאָנ גאָר מער קיינ רייד ניט זיינ. יעדע פיזישע אָנשטרענגונג איז פאר אייכ איצט א טויט־אורטייל.

דאָס איז געווענ אינ פעווראל 1922 יאָר. אונ דאָס זעלבע יאָר אינ נאָיאבער בינ איכ אוועק צופוס צוזאמענ מיט איינעמ א בריוו־טרעגער, אנ אָרטגעבוירטיקנ, פונעמ קאפ באראָו ביז קאָצעבו. מיר האָבנ אינ 10 טעג געמאכט טויזנט קילאָמעטער. די קומענדיקע 6 טעג בינ איכ דורכגעגאנגענ נאָכ בא זעקס הונדערט קילאָמעטער ביז נאָמ. ביכלאל, בייקומענדיק אלע שוועריקייטנ פונעמ וועג שניי אונ איבערנ אייז, האָב איכ געמאכט די סאמע פארמאטערנדיקע רייזע אינ מיינ לעבנ מיט דער שנעלקייט פונ ארומ 100 קילאָמעטער א טאָג, אָפ-

רוענדיק באנאכט נאָר עטלעכע שאָ, אונ... מיט א טויט־אורטייל פונ דער מעדיצינישער וויסנשאפט אינ קעשענע".

נאָר אויב אמונדסענ האָט זיכ געקאָנט באציִענ אזוי מוטיק צו די פיזישע ליידנ, האָט אָבער צו די מאָראלישע קלעפ אונ צו די גײַסטיקע ווונדנ, וואָס די שטענדיקע זאָרג וועגנ געלט האָבנ ראָאלדנ פארשאפט איבערגענוג, ניט געקאָנט זײַנ גלײַכגילטיק אפילע דער דאָזיקער מענטש פונ טיטאנישנ ווילנ.

אָט איז איינע פונ די טראגישע געשיכטעס, וואָס ראָאלד האָט געמוזט איבערלעבנ אונ וועלכע זײַנענ אָפט געבליבנ אפ אייביק א סאָד, איבער זײַנ אײַנגעהאלטנקײַט אונ איידלקײַט. אינעמ געגעבענעמ פאל האָבנ די הארבע אומשטענדנ געצווונגענ דעמ דאָזיקנ אײַנגעשלאָסענעמ אונ שווײַגעוודיקנ מענטשנ עטוואָס אופהייבנ פארנ ברייטנ עולעמ דעמ פאָרהאנג פונ זײַנ פערזענלעכנ לעבנ.

בייס ער האָט פארבראכט אינ סיִעטל, האָט דער נאָר־וועגישער קאָנסול זיכ געווענדט צו זײַנ בארימטנ לאנדסמאנ מיט א פאָרשלאָג:

— איכ וועל אײַכ באקענענ מיט איינעמ א דענער. דאָס איז א געוויסער האמער, א היגער שיפ־מײַסטער. ער האָט גרויסע אונ גוטע פארבינדונגענ, אונ דעריקער — דאָס איז א קוואל פונ ענערגיע. פאר דער געשעפטלעכער זײַט פונ אײַער נײַער אונטערנעמונג וועט דאָס זײַנ א גלענצנדער געהילפ.

אמונדסענ האָט זיכ באקאנט מיט האמערנ. פונ די שמועסנ מיט אימ איז קלאָר געוואָרנ, אז האמער קאָנ זײַנ זייער א נוצלעכער מיטארבעטער פאר אמונדסענענ.

אינגיכנ זײַנענ ראָאלד אונ אָמדאל ארויס אפ „מאָד" פונ סיִעטל אונ זיכ אריבערגעזעצט מיטנ עראָפּלאנ אפ דער שכונע, וועלכע איז געגאנגענ צומ קאפ באראָו: פונ דאָרטנ האָט מענ באשלאָסנ אָנהייבנ דעמ איבערפלי. אָבער דאָס אײַז האָט געשטערט דער שכונע צו דערגייענ ביז באראָו, אונ אמונדסענ מיט אָמדאלנ האָבנ זיכ ארויסגעזעצט אפנ ברעג וועגרײַט.

דאָ איז אָמדאל צוגעטראָטנ צו דער ארבעט איבערנ יונקערס־אפאראט, אונ אמונדסענ איז ארויסגעפאָרנ אפ ווינטער קיינ נאָמ, קעדיי צו קומענ צוריק קיינ ווענרייט אינ פרילינג 1923. דעמ אעראָפלאנ האָט אָמדאל צו יענער צייט רעקאָנסטרויִרט אזוי, אז אָנשטאָט רעדער זאָל מענ קאָנענ באנוצנ ליזשעס, אונ דער אעראָפלאנ איז געווענ פולקומ גרייט צומ פליִענ.

ווענ אָמדאל האָט געמאכט דעמ ערשטנ פרווו־פלי, האָט באמ אעראָפלאנ, באמ אראָפנידערנ אפנ אייז, געפלאצט די לינקע ליזשע, ווי זי וואָלט געווענ געמאכט פונ פאפיר. די שאסי האָט ניט אויסגעהאלטנ דעמ דרוק. אמונדסענ האָט טייקעפ געשיקט אָמדאלנ קיינ סיִעטל נאָכ א נייער שאסי, אונ אליינ איז ער געבליבנ ווארטנ אפ אימ אינ ווענרייט.

פלוצלינג איז אפ ראָאלדס נאָמענ אָנגעקומענ א טעלעגראמ פונ סיִעטל:

„קומט טייקעפ צו פאָרנ. פאר אייכ זיינענ פאראנ דריי נייע מאשינעס.

האמער”.

אמונדסענ האָט זיכ דערפרייט אונ איז גלייכ אוועקגעפאָרנ קיינ סיִעטל.

— פאר דער צייט האָב איכ באוויזנ צו זיינ אינ בערלינ; דאָרטנ האָב איכ זיכ באדארפט מאכנ אנ אָפעראציִע, — האָט האמער געמאָלדנ ראָאלדנ. — איכ האָב זיכ באנוצט מיט דער דאָזיקער רייזע צו זיינ אפ יונקערס פאבריקנ. אייכ וועט מענ ברייט גיינ אנטקעגנ. איינ אעראָפלאנ פונעמ לעצטנ פארבעסערטנ טיפ קאָנט איר טייקעפ באקומענ.

נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ געהאלטנ אנ אייצע מיט אָמדאלנ, האָט ראָאלד געענטפערט דעמ דענער:

— מיר איבערצייגנ זיכ אלצ מער, אז אעראָפלאנענ טויגנ ניט פאר אונדזער צוועק: די פרווונ אראָפצולאָזנ זיכ אפ ליזשעס אפנ ניט־גלאטנ פאָליאר־אייז וועלנ ניט געלינגענ. מיר דארפנ האָבנ הידראָפלאנענ אָדער, ריכטיקער גערעדט, אפאראטנ

פֿונ א ספּעציִעלער קאָנסטרוקציִע צומ אראָפּנידערנ אונ אופֿ־הייבנ זיכ פֿונ יאמ, פֿונ שניי אונ פֿונ אײַז.

האמער האָט געמאָלדנ, אז ער וועט אזוינע הידראָפּלאנענ באקומענ. וועגנ די מיטלענ אפֿ אײַנקויפֿנ זיי האָט ער פֿאָרגע־לייגט אזא פּלאנ:

ער וועט אָפּדרוקנ א פֿולע קארטלעכ אפֿ גאָר דינעמ פּאפּיר. אמונדסענ נעמט זיכ אונטער מיטצונעמענ די דאָזיקע קארטלעכ מיט זיכ באמ אריבערפֿליִענ איבערנ פּאָליוס. יעדערער, וואָס וועט קויפֿנ אזא פּאָסט־קארטל פֿאר איינ דאָלער, וועט אזוי־ארומ באקומענ די מעגלעכקײַט צו שיקנ א בריוו דורכנ פּאָליוס. האמער האָט פֿארזיכערט — עס וועט האָבנ א קאָלאָסאלנ אָפּזאצ.

ראָאלד האָט געגלייבט. ער האָט אײַנגעשטימט אונ האָט אפֿילע ארויסגעגעבנ האמערנ אנ אָפֿיציִעלנ דאָקומענט צו שליסנ אפּמאכנ אינ זײַנ נאָמענ. נאָכדעמ האָט האמער באשטעלט בא דער פֿירמע דאָרניִע דרײַ הידראָפּלאנענ. ארויסגעבנדיק אינ אמונדסענס נאָמענ א פֿארפֿליכטונג אפֿ א גרויסער סומע.

געקומענ אינ 1924 יאָר קיינ איטאליִע, ווו מע האָט גע־בויט זײַנע הידראָפּלאנענ, האָט זיכ ראָאלד דערוווּסט וועגנ האמערס א סאכ ניט־שיינע קאָמערציִעלע געשעפֿטלעכ; ער האָט זיכ אויכ דערוווּסט, אז האמער באהויפּט, אז ער, האמער, וועט קלוימערשט אליינ אָנפֿירנ מיטנ עראָפּלאנ באמ אריבערפֿליִענ איבערנ פּאָלוּס אאוו.

א צעקאסטער האָט אמונדסענ טייקעפּ געריסנ די באציִונ־גענ מיטנ ניט־געוויסנהאפֿטנ דענער, אונ יענער, קעדיי אויסצו־מײַדנ ווײַטערדיקע דעמאסקירונגענ, איז פֿארשוווּנדנ ערגעצ אינ יאפּאָניִע.

אמונדסענ איז געבליבנ שטעקנ אינ כויוועס. ער איז גע־ווענ פֿארפֿלאָנטערט אינ זייער קאָמפּליצירטע פֿארפֿליכטונגענ, וואָס האמער האָט ארויסגעגעבנ, אונ ער האָט געהאָפֿט, אז זײַנ ברודער, וואָס האָט געפֿירט זײַנע געשעפֿטנ, וועט אימ העלפֿנ פֿאנאנדערפֿלאָנטערנ אָט דעמ קנופּ. אָבער זײַנ ברודער האָט זיכ

דערשראָקנ פאר ראָאלדס כויוועס, האָט אָנגעהויבנ פאָדערנ פונ אימ א כויוו — 100 טויזנט קראָנ, אונ האָט אפילע געסטראשעט, אז ער וועט פארקויפנ ראָאלדס אייניציק רו־אָרט — זײַנ קליינ הויז אפנ ברעג פונ בונדעפיאָרד.

קעגנ אמונדסענענ האָבנ אונגעהויבנ א העצע אויכ זײַנע איבעריקע קרעדיטאָרנ. קעדיי צו בארעכטיקנ זייערע פרעטענזיעס צו דעמ מענטשנ, וואָס האָט ניט לאנג מיט זײַנע אנטדעקונגענ בארימט געמאכט נאָרוועגיע אינ גאָר דער וועלט, האָבנ זיי אָנגעהויבנ באשמוצנ די אומבאפלעקטע רעפוטאציע פונעמ גרויסנ פאָרשער מיט אלערליי רעכילעס אונ פליאָטקעס: זיי האָבנ פארזיכערט, אז אמונדסענ האָט בעקיוונ אָנגערעדט זײַנ ברודער אָנהייבנ קעגנ אימ א פראָצעס, קעדיי ער זאָל זיכ נאָכדעמ דערקלערנ פאר באנקראָט. קעדיי צו פארשווארצנ אמונדסענענ אינ די אויגנ פונ די „ערלעכע בורזשוא", האָט מענ געשריבנ, אז די מיידעלעכ, וואָס ראָאלד האָט גענומענ אפ צו דערציִענ, זײַנענ קלומערשט זײַנע אייגענע „אומגעזעצלעכע" קינדער, אונ נאָכ אזוינע ווילדע מײַסעס.

קעדיי ארויסצופלאָנטערנ זיכ פונ די כויוועס, איז ראָאלד ארויסגעפאָרנ קיינ אמעריקע האלטנ פאָרטראָגנ אונ לעקציעס. דאָ האָט ער, אגעוו, צומ ערשטנ מאָל ארויסגעזאָגט דעמ געדאנק, וועלכנ ער האָט שפעטער פארווירקלעכט, אז דער בעסטער טראנספאָרט־מיטל וויסנשאפטלעכ אויסצופאָרשנ די פאָליאר־געגנטנ איז א דיריזשאבל. די אפאראטנ, וואָס זײַנענ שווערער פאר דער לופט, וועלנ זײַנ נוצלעכ ערשט דעמאָלט, ווענ עס וועט דערפונדנ ווערנ א מיטל אופצוהייבנ זיכ מיט זיי אונ אראָפצולאָזנ זיכ ווערטיקאל, אָנ שווונג.

אָבער אמונדסענ האָט דערווײַל אפילע טרוימענ ניט געקאָנט וועגנ אזא טײַערנ פלי־אפאראט, ווי א דיריזשאבל. פאר אנ אויספירונג־איבערפלי פונ איינ קאָנטינענט אפנ צווייטנ איבערנ פאָליוס האָט ער געוואָלט האָבנ כאָטש אעראָפלאנענ פונ ספעציעלער קאָנסטרוקציע. אָבער ס'האָט אויסגעפעלט געלט:

מיט לעקציעס און צײַטונג־אַרטיקלען האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן אָנצוקלײַבן גענוג געלט.

אַמונדסען איז געזעסן אײנזאַם אין אַ צימער פֿון ניו־יאָרקער האָטעל „וואַלדאָרף־אַסטאָריע" און האָט געטראַכט, וויאַזוי קריכט מען אַרויס פֿון די שוועריקײטן. פּלוצלינג האָט אָפּגעטיש אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן:

— האַלאָ?

אַ מענער־שטים האָט געענטפֿערט:

— איר קענט מיך ניט. אָבער בײַם דער מילכאָמע האָב איך זיך מיט אײַך באַגעגנט אין פֿראַנקרײַך.

— וואָס ווילט איר, אײגנטלעך איצט פֿון מיר?

אַמונדסען האָט געמײנט אַז דאָס איז אײנער פֿון די נודניקעס, וואָס פֿלעגן אים דערעסן סײַ אין פֿראַנקרײַך סײַ אומעטום, וווּהין ער פֿלעגט נאָר קומען. אָבער די שטים האָט דערקלערט:

— איך בין אַ דילעטאַנט אין פּאָליאַר־פֿאָרשונגען, אָבער זײ אינטערעסירן מיך שטאַרק. ווען איר וואָלט אײַנגעשטימט, וואָלט איך אײַך געגעבן מיטלען אויף אַ נײַער עקספּעדיציע.

ראָאַלד האָט זיך דערפֿרײט און האָט געבעטן דעם אומבאַקאַנטן טײקעף קומען צו אים.

— ווי רופֿט מען אײַך? — האָט אַמונדסען געפֿרעגט זײַן אומגעריכטן פֿרײַנט פֿאַרן אָוועקלײגן דאָס טרײַבל. יענער האָט געענטפֿערט:

— לינקאָלן עלסוואָרט. איך וועל באַ אײַך זײַן אין 5 מינוט אַרום.

דער ערשטער איבערפלי

עלסוואָרט האָט פאָרגעלייגט אמונדסענענ א טייל פונ זײַנ גרויסנ פארמעגנ אפ צו פארווירקלעכנ די איבערפליִענ, וואָס ראָאלד האָט פארטראכט. פריִער פאר אלצ האָט ער ארײַנגעטראָגנ 85 טויזנט דאָלער מעזומאָנים, אונ פרילינג 1925 יאָר איז אלצ געווענ גרייט אפ אָנצוהייבנ די רײַזע. דער פערסאָנאל פונ די צוויי הידראָפלאנענ, וואָס די עקספעדיציע האָט זיכ אײַנגעשאפט בא דער פירמע דאָרניע, איז באשטאנענ פונ אמונדסענענ, עלסוואָרטנ, פונ די אוויאטאָרנ ריסער־לארסענ אונ דיטריקסאָנ אונ די מעכאניקער אָמדאל אונ פויכט.

די עקספעדיציע האָט געהאט צוויי שיפנ: די מיליטערישע טראנספאָרט־שיפ „פארמ”, וואָס די מעלוכע האָט געגעבנ, אונ די מאָטאָר־שיפ „האָבי”. די ביידע שיפנ מיט די מענטשנ אונ אפאראטנ זײַנענ דעמ 9 אפרעל אָפגעפאָרנ פונ נאָרוועגיע קיינ שפיצבערגענ. די הידראָפלאנענ זײַנענ געווענ אפ דער שיפ „האָבי”.

ס'האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שניי־שטורעמס, אונ „פארמ” האָט פארלאָרנ פונ אויג „האָבי”; אמונדסענ, וואָס איז געפאָרנ אפ „פארמ”, האָט זיכ, נאטירלעכ, אָנגעהויבנ באאומרויִקנ. אָבער ווי שטענדיק אויסגעהאלטנ, האָט ער זיכ באמיט ניט ארויסצוווײַזנ, אז ער איז אומרויִק, האָט געפירט ווײַטער זײַנ געוויינלעכע

ארבעט און זייַנ טאָגבוכ. אינטערעסאנט איז איינע פונ זייַנע נאָטיצנ פונ יענער צייַט.

„מערקווירדיק, ווי עס בייַטנ זיכ מאָמענטאל די אינטערעסנ פונ מענטשנ, ווי נאָר עס ענדערנ זיכ די ארומיקע באדינגונגענ. אייערנעכטנ, פארנ אָפּפאָרנ, האָבנ מיר שפּאצירט איבער טראָמסע, ווו די פראכטפולע וויטרינעס פונ די פּארפומעריע־מאגאזינענ אָדער די רייצנדע אויסשטעלונגענ פונ די קאָלאָניאל־מאגאזינענ און שוכ־קלייטנ האָבנ ניט געקאָנט צווינגענ אונדז אפילע א קוק צו טאָנ אפּ זיי. און אָט דאָ האָט גראָד איינער פונ די מיטגלידער פונ דער עקספּעדיציע געעפנט זייַנ טשעמאָדאנ. אינ א מינוט ארומ האָבנ אימ שוינ ארומגערינגלט א האמוינ נייַגעריקע. ער האָט ארויסגענומענ פונ טשעמאָדאנ א טובע מיט פּאסטע, און אלע העלדזער האָבנ זיכ אויסגעצויגנ, ווייַל יעדער האָט געוואָלט כאָטש מיט איינ אויג א קוק טאָנ אפּ דער דאָזיקער וווּנדערבארער זאכ. די אויפמערקזאמקייַט איז דעמ באלעבאָס פונ טשעמאָדאנ געפעלנ, האָט ער ארויסגענומענ פונ טשעמאָדאנ א פּליטקע שאָקאָלאד. ס'האָבנ זיכ דערהערט פיל אויסגעשרייענ, ווי די מענטשנ וואָלטנ גאָר קיינמאָל ניט געהאט קיינ באגריפּ וועגנ אזא אומגעווייןלעכנ פּראָדוקט. נאָכ א מער שטורמישנ אינטערעס האָט דער אויפלעמ ארויסגעוויזנ צו א פּאָר אלטע אויסגעטראָטענע פאנטאָפל, וואָס דער אייגנטימער פונ טשעמאָדאנ האָט ארויסגענומענ".

דעמ 12 אפּרעל איז „פּארמ" דורכ דורכ קליינע שטיקער אייַז, איז אָפּגעשווומענ באמ ראנד פונעמ אייַז לעבנ קינגסביי. און „האָבי" מיט די הידראָפּלאנענ האָט זיכ נאָכ אלץ ניט געזענ.

ערשט אפּ מאָרגנ אינ אָוונט, ווענ ראָאלד איז ארויס מיטנ בינאָקל אפנ שיפּ־דעק, האָט ער באמערקט אינדערווייַטנ, ווי א סקלאד פונ קאָלאָסאלע קאסטנס רייַסט זיכ דורכ דורכנ אייַז. דאָס איז געווענ „האָבי".

אינגיכנ האָט דער קאפּיטאנ פונ קליינעמ דאמפּער „סקאָ־

די אָנטיילנעמער פונ דער עקספעדיציע: פויכט, אמונדסענ אונ ריסער־לארסענ, — די פאטאזשירנ פונעמ הידראָפּלאַנ „נומער 25"

ליורענ" געפרווט פאַרטירנ דאָס אײַז אונ ארויסגיינ אינ האפנ. דאָס האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ, אונ באלד נאָכ דעמ זײַנענ צוגעקומענ צומ ברעג אויכ ביידע שיפנ פונ דער עקספעדיציע, אונ נאָכ דעמ איז דער פערסאָנאל צוגעטראָטנ צומ אויסלאָדנ די אפאראטנ — „נומער 24" אונ „נומער 25".

דער וועטער האָט ביזנ 21 מײַ ניט געלאָזט די הידראָפּלאַ־נענ אָנהייבנ דעמ סטארט. דעמ 21 מײַ האָבנ די אָנפירער באשלאָסנ, אז מע קאָנ פליִענ. אפנ „נומער 25" זײַנענ געווענ אמונדסענ אלס באָבאכטער, דער פילאָט ריסער־לארסענ אונ דער מעכאניקער פויכט. אפנ „נומער 24" איז דער באָבאכ־טער געווענ עלסוואָרט, דער פילאָט איז געווענ דיטריקסאָנ אונ דער מעכאניקער — אָמדאל. די אמוניציע, דער פראָוויאנט אונ אינסטרומענטנ האָבנ אפ יעדנ אפאראט באטראָפנ א מאסע



שווימענדיק אײַז אינ קינגסבײַ

פונ 3100 קילאָ, דאָס האָט איבערגעשטיגנ אפ 500 קילאָ די מאקסימאלע הייב־פייִקייַט פונעם הידראָפלאנ, אָבער דער אומ־געוויינלעכער ציל און די באדינגונגענ פונ פליִענ האָבנ גע־צווּנגענ דערלאָזנ אזא איבערלאָדונג.

לויטנ פלאנ האָט די ערשטע געזאָלט סטארטנ די מאשינ „נומער 25”. נאָכ איר האָט געזאָלט פליִענ „נומער 24”, — זי האָט ניט באדארפט בלײַבנ הינטערשטעליק און טאָנ שטענ־דיק דאָס זעלבע, וואָס „נומער 25”.

דער לעצטער שטויס אפנ אָרט, און „נומער 25” האָט זיכ א רוק געטאָנ און האָט לאנגזאמ אראָפגעגליטשט זיכ אפנ אײַז פונעם פיִאָרד צום אָרט, וואָס איז אָנגעמערקט געוועג צום אופהייבנ זיכ אינדערלופטנ. פלוצלינג האָט דאָס אײַז א פלאַץ געטאָנ, און פונ פאָרנט האָט דאָס וואסער אָנגעהויבנ שפּרוד־לענ, ווי א וואסערפאל. די מאשינ האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ דער טיפ פונעם פיִאָרד און האָט אנטוויקלט די מאקסי־

אמונדסענ באמ הידראָפּלאַנ

מאַלע גיכקייט אינ דער ריכטונג צומ גלעטשער קינגסביי. דער־נאָכ א העפטיקער ריס — אונ דער אַפּאַראַט איז ארופ פונעמ אייז אינ דער הייכ. באַלד נאָכ אימ איז געפלויגנ „נומער 24".

פונ קעלט האָבנ זיכ די פּילאָטנ אונ די מעכאַניקער גע־שיצט מיט דיקע פעלענע הענטשקעס, נאָר אמונדסענ האָט אפילע ניט אָנגעטאָנ זיינע אַלטע וואָלענע הענטשקעס: ער האָט געהאַלטנ פאַר נייטיק צו שרייבנ אונ שרייבנ, פאַרצייכע־נענדיק די גאַנצע צייט אַלצ, וואָס ער האָט געזענ.

זיי זיינענ געפלויגנ בא 400 מעטער די הייכ לענגויס דעמ צאָפנ־מייַרעווריקנ ברעג שפּיצבערגענ. מע איז אריבער די ערטער, וואָס ראָאַלד האָט זיי געוווסט נאָכ פונ זיינ ערשטער עקסקורסיע אפ „יאָא" אינעמ יאָר 1901.

ביזנ 82° צאָפנ־ברייט האָט מענ אינ די דורכשיינענ פּר־נעמ נעפּל געקאָנט זענ דעמ אָקעאַנ, וואָס איז געווענ באַדעקט

מיט קליינע קריַעס, צווישן וועלכע עס איז געווען פריַי וואַ־סער. פּלוצלינג האָט דער נעפּל אָנגעהויבן צעגיין און איז פאַר־שווּנדן, פּונקט ווי א קישעפּמאַכער וואָלט א פּאָך געטאָן איבער אים מיט זיַין שטעקעלע. ראָאַלד האָט דערזען אונטער זיך א קאָלאָסאַלע פינקלדיקע אויבערפלאַך פון הוילן איַיז און האָט פאַרשריבן:

„וויפל אומגליקן האָסטו געטראָגן דער מענטשהיַיט יאָרנ־יאָרנלאַנג, וויפל עלנט און ליידן האָסטו אים פאַרשאַפט, אָ, דו אָנענדלעכער וויַיסער רוים!

אָבער דערפאַר האָסטו אויך געזען די, וואָס האָבן פאַר־שטאַנען אוועקצושטעלן א פוס אָפ דיַינע ניט־געהאָרכזאַמע נאַקן, וואָס האָבן זיך געקענט מיט געוואַלט צווינגען שטעלן זיך אָפ די קני...

אָבער וואָס האָסטו געטאָן מיט די פילע שטאָלצע שיפן, וואָס זיַינען געגאַנגען דירעקט אין דיַין האַרץ אריַין און האָבן זיך מער ניט אומגעקערט אהיים?

וואָס האָסטו געטאָן מיט די דרייסטע העלדן, וואָס זיַינען אריַינגעפאַלן אין דיַינע איַיזיקע אָרעמס און האָבן זיך מער ניט ארויסגעריסן פון זיי?

וווּהין האָסטו זיי אהינגעטאָן? קיין שפּור, קיין סימען, קיין אָנדענק — נאָר איין אָנענדלעך וויַיסער מידבער!"

„נומער 25" איז געפלויגן מיט דער שנעלקיַיט פון 150 קילאָ־מעטער א שאָ, „נומער 24" איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אים. אונטן איז דאָס איַיז ענלעך געווען אָפ א גרויסער צאָל איינ־צלנע באַצירקן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך הויכע טאָראָסן. א קיניגריַיך פון טויט, אָן איין לעבעדיקן וועזן. ראָאַלד האָט פאַרשריבן, אז ער וואָלט וועלן דערזען א פלוי: אזא בענק־שאַפט נאָך א לעבעדיקן וועזן האָט ארויסגערופן אָט די איַיז־וויַיסקיַיט.

פויכט האָט געגעבן צו וויסן אמונדסענען, אז ס'איז פאַר־טאָן געוואָרן קימאַט א העלפט בענזין, און דעם 22 מיַי איז



דער הידראָפּלאנ „נומער 25” לאָזט זי׳כ אראָפּ אפֿנ וואסער



אמונדסען אפֿן באָרט פֿונעם דאמפֿער

באשלאָסן געוואָרן צו זוכן אן אָרט אפֿ אראָפּצונידערן. אונטן איז גראָד געווען וואסער, פֿריי פֿונ אייז, אונ אראָפּלאָזן זיך אפֿן וואסער איז פֿאר די הידראָפּלאנען געווען, פֿארשטייט זיך, זיכערער פֿאר אלץ, אבי נאָר דאָס אייז זאָל זיך ניט צו־נויפֿגיין אונ זאָל ניט צעקוועטשן די מאשינעס פֿריִער, איידער זיי וועלן זיך ווידער אופֿהייבן אינדערלופֿטן.

דאָס אָרט, וואָס איז אָנגעמערקט געוואָרן צום אראָפּ־לאָזן זיך, איז געווען אומגעפֿער אפֿן 88° צפֿון־ברייט. דאָס איז געווען א שמאָלער טייך־אָדער, ארומגערינגלט מיט הויכע טאָראָסן, וועלכע האָבן געדראָעט גאָר ניט פֿריינטלעך אופֿ־נעמען די אפּאראטן, בייס זיי וועלן זיך אראָפּלאָזן. ווירק־לעך, „נומער 25” האָט זיך אראָפּגעלאָזן אינ וואסער, וואָס איז געווען באדעקט מיט פּעטס אונ שטיקלעך אייז, ניט דערגייענדיק קימאט א מילימעטער ביז דעם טאָראָס, וואָס האָט געשטארצט הארט פֿאר דעם פֿאָדערשטן טייל פֿונ דעם אפּאראט.

נאָכ איינ מאָמענט, — און פונ „נומער 25” וואָלט קיינ זייכער ניט געבליבנ.

די מענטשנ זײַנענ ארויסגעשפרונגענ אפנ אײַז. „נומער 24” האָט מענ אינ ערגעצ ניט געזענ. מע האָט געמוזט ארויסשלעפנ דעמ אפאראט אפנ טאָראָס, אניט וואָלטנ אימ די קריִעס געקאָנט צעקוועטשנ, ווי מע צעקנאקט א נוס. אמונדסענ אונ זײַנע צוויי כאווײרימ האָבנ זיכ גענומענ ראטעווענ דעמ אפאראט פונ געפאר. נאָר באומרויִקנדיק זיכ כאפנ גוירל פונ „נומער 24”, איז ראָאלד יעדע ווײַלע ארופגעגאנגענ מיטנ בינאָקל אפנ אייבערשטנ טייל פונעמ הידראָפלאנ. אונ — אָ, א פרייד! אפ מאָרגנ האָט ער דערזענ: אפ דער צווייטער זײַט פונ דער גרויסער אָזערע שטייט א בײַדל, אונ א פלאנ פלאטערט איבערנ טאָראָס. צומ גליק, האָבנ ביידע פילאָטנ געקענט סיגנאליזירנ לויט דער מאָרזע־סיסטעמ, אונ אינגיכנ האָבנ זיי באקומענ פונ דיטריקסאָנענ א יעדיִע: „דער „נומער 24” האָט געליטנ אנ ערנסטע אוואריע”.

דעמ 25 מײַ האָט זיכ אײַנגעגעבנ ארופצושלעפנ די מאשינ אפנ אײַז אונ צונויפרײדנ זיכ מיט די אײַנוווינער פונעמ „נומער 24” (ביידע לאגערנ האָבנ ווירקלעכ געוווינט אינ זייערע אפאראטנ) וועגנ פאררייניקנ זיכ. דעמ זעלבנ טאָג איז ראָאלד געווענ פארוווּנדערט, ווענ ער האָט דערזענ א קאָפ פונ א יאמ־האָז (אנ ארט יאמהונט), וואָס האָט זיכ ארויסגערוקט פונ דער קליינער פאָלאָנקע. אמונדסענ האָט זיכ ניט גערעכנט צו טרעפנ אפנ 88° צאָפנ־ברייט „אָרטגעבירטיקע” באלעכײַימ.

אפ מאָרגנ האָבנ די העלדישע כעווערע פונעמ „נומער 24” אָנגעהויבנ אריבערגיינ אפנ אָרט, ווו „נומער 25” איז געווענ. דער וועג — אפ ליזשעס — מיט א קאָלאָסאלער מאסע אפנ רוקנ, איז אריבער בא די רײַזנדע קעשורע, כאָטש ס׳איז געווענ שווער בײַצוקומענ די ניט גלײַכע אונ געפארפולטע אויבערפלאכ. אָבער וועג ריסער־לארסענ איז שוינ ארויסגעפאָרנ אפ

א שיפֿל אנטקעגן, אריבערצופֿירן זיי אריבער דער פּאָלאָנקע, האָט זיך הינטערן טאָראָס דערהערט אַן אומענטשלעכער געשריי. ראָאלד איז געשטאַנען ניט טויט ניט לעבעדיק: ער איז געווען זיכער, אַז אַלע דרײַ זײַנען ארונטערגעפֿאַלן אונטערן אײַז און זײַנען אומגעקומען.

אָבער אינגיכן האָט זיך איבערן טאָראָס באַוויזן איין קאָפּ, דערנאָך א צווייטער און א דריטער. צוויי באַגלייטער זײַנען האָבן זיך ווירקלעך אויסגעגליטשט, אָבער עלסוואָרט האָט זיי ארויסגעשלעפּט פֿונעם אײַז־וואַסער. פֿארענדיקט ראַטעווען האָט אמונדסען. אים איז אײַנגעפֿאַלן מיטצונעמען מיט זיך 97־גראַדיקן ספּירט, און ער האָט דערמיט טראַקטירט די געראַטעוועטע.

אַלע זעקס האָבן זיך איצט באַזעצט אַף „נומער 25" און האָבן אָנגעהויבן גרייטן דעם אַפּאַראַט צום אָפּפֿליִען. צוליב דעם האָט מען אים געמוזט ארויספֿירן אַף אַן אָרט, פֿונוואַנען מע זאָל קאָנען אופֿהייבן זיך, און אריבערשלעפּן נאָך פֿונעם „נומער 24" אַלץ, וואָס איז מעגלעך, און באַזונדערס די זאַפּאַסן בענזין.

אַפֿן וועג צום אָרט, וואָס איז אָנגעמערקט געוואָרן אַף אוועקצושטעלן די מאַשין, זײַנען געלעגן בערג, ערטערווײַז גריבער און שפּאַלטן, וועלכע מע האָט געמוזט פֿארפֿילן מיט אײַז. די זעקס מאַן האָבן געארבעט אָן אופֿהער און האָבן דאָך ניט דערגרייכט וואָס זיי האָבן געוואָלט. איבערגעקערט פֿילע טאָנען אײַז און שניי, האָבן זיי זיך איבערצײַגט, אַז דאָס פֿרישפֿארפֿראָרענע אײַז האַלט ניט אויס דעם אַפּאַראַט, און דער „נומער 25" ווערט פֿון א פֿלי־מאַשין פֿארוואַנדלט אין אַן אײַזברעכער.

מעניִעס זײַנען אַנטשטאַנען אַף יעדן שריט, און ראָאלד פֿלעגט אַלע ווײַלע מוזן דערמאָנען זײַנע כאַווײרים, אַז „געדולד איז דאָס וויכטיקסטע הייל־מיטל אינעם אַפּטייקל פֿון א פּאָליאַר־רײַזנדער": אָט פֿלעגט זיך אופֿהייבן א געדיכטער נעפּל,

אזוי אז פונעם פאָדערשטן טייל פונעם אעראָפּלאַן האָט מען ניט געקאָנט זען דעם הינטערשטן טייל, און אָט פלעגט זיך הערן א שרעקלעכער געשריי:

— קריכט ארויס, כעוורע, אלע, דאָס איז ווערט איינגע־פראָרן!

ווייזט זיך ארויס, אז דער דורכגאנג, וואָס די רייזנדער האָבן מיט קאַטאָרזשנער מי דורכגעלייגט אינעם איז, פארמאכט זיך בּיסלעכווייז, און מע האָט באדארפט ראטעווען דעם אעראָ־פּלאַן פונעם דראנג פונעם איז. בּא די מענטשן, וואָס זיינען קימאט די גאנצע צייט געשטאנען איינגעהויקערטערהייט, האָבן זיך אָנגעהויבּן קאָנוולסיעס, און די איבעריקע האָבן געמוטשעט מיט הײמישע מיטלען היילן די געליטענע.

אזויווי דאָס איז האָט זיך באוועגט און זיי אליין האָבן זיך אויך גערוקט, איז די קאָלאָניע „נומער 25" בּעהאדראָגע־דיק צוגעקומען צום פאַריאָסעמטן אפאראט „נומער 24". א טרויעריקן איינדרוק האָט געמאכט די דאָזיקע מאשין, א פאר־לאָזענע אין מידבער, מיט איין פליגל אויפגעהויבּן צום הימל, און מיטן צווייטן שטעקנדיק אין איז.

די האָפענונג אופצוהייבּן זיך פלעגט אופקומען און פאר־שווינדן שיר ניט יעדן טאָג. אָט האָבן זיי געהאָפט אַף א פּאָלאָנקע און האָבן אָנגעהויבּן פאנאנדערהאקן דאָס איז, קע־דיי צו מאכן די פּאָלאָנקע גרעסער און אופהייבּן זיך פונעם וואסער. און אָט פלעגט דאָס וואסער מיטאמאָל איינפרירן, און אלע האָפענונגען פלעגן זיי לייגן אַף א קליינעם איזפלאץ, וועלכן מע האָט זיך געסטארעט צו מאכן גרעסער, מע זאָל קאָנען נעמען שווונג. דעמלט פלעגט זיך באווייזן א נעפּל אָדער א דריבּנער רעגן און פלעגט צעשוועקן דעם פלאץ. די טעגלעכע פּאָרציע שפּייז איז פארקלענערט געוואָרן ביז 250 גראם, און די איינגעמאטערטע, האלב־הונגעריקע מענטשן האָבן געארבעט אלץ לאנגזאמער און שוואכער.

דעם 14 יונ איז מען זיך צונויפגעקומען אַף א בּאראטונג:

ס'זײַנענ שוינ געמאכט געוואָרנ זיבנ פּרוּוונ צו סטארטנ, אונ קיינ איינער האָט ניט געגעבנ קיינ פּאָזיטיווג רעזולטאט. אויב עס וועט ווײַטער אזוי זײַנ, וועט מענ מוזנ ווארפנ דעמ אפּאראט אונ גיינ צופוס איבערנ אײַז צו דאָרעמ־זײַט, צו דער יאבאָשע. וועט מענ קאָנענ דערגיינ צו דער יאבאָשע אָדער עס לוינט בעסער ווײַטער פּרוּוונ אופהייבנ זיכ אינדערלופטנ?

אמונדסענ האָט געהאלטנ, אז פארנינפטיקער איז גיינ צופוס, אָבער אינ דער זעלבער צײַט איז אימ געווענ שוידערלעכ דער געדאנק, אז א גאנצע פּראכטפולע מאשינ וועט דאָ איבערגעלאָזנ אונ פארפאלנ ווערנ אונ דערצו נאָכ מיט א גאנצנ זאפּאס בענזינ פאר אנ איבערפלי. מאָרגנ קאָנ זיכ עפענענ די פּאָלאָנקע, אונ די רײַזנדער וועלנ אינ 8 שאָ ארומ זײַנ אינ דער היימ.

ס'איז באשלאָסנ געוואָרנ דעמ 15 ווידער פּרוּוונ פליִענ. אונ ווירקלעכ — זיי זײַנענ געפלויגנ. זיי האָבנ ארויסגעוואָרפנ פונעמ עראָפּלאנ אלצ, אכוצ דאָס סאמע נייטיקע. בענזינ האָבנ זיי איבערגעלאָזט פאר זיכ אפ 8 שאָ. די גאנצע פראכט האָט באטראָפנ 300 קילאָגראמ. אינ דער קאבינע פונעמ פּילאָט האָבנ זיי אוועקגעזעצט ריסער־לארסענ. הינטער אימ זײַנענ אפנ דעק פונעמ עראָפּלאנ געזעסנ אמונדסענ אונ דיטריקסאָנ. אינעמ אָרט, ווו ס'ליגט דער בענזינ, האָבנ זיכ געזעצט די צוויי מעכאניקער, אונ אינ דער קאיוט־קאָמפּאניע — עלסוואָרט. דער באאָבאכטער איז געווענ דיטריקסאָנ.

דער עראָפּלאנ האָט אָנגעהויבנ גליטשנ זיכ, ציטערנדיק אונ קרעכצנדיק: עס האָט אימ געשלײַדערט אונ געוואָרפנ, ווי א פּילקע. ער איז דורכגעלאָפנ דורכ א שפּאלט פונ 3 מעטער די ברייט, נאָכדעמ איז ער אראָפּגעשפּרונגענ פונ דער קריִע... האָט אָנגעהויבנ שווימענ אינדערלופטנ איבערנ כאאָטיש אָנגעוואָרפענעמ אײַז. ער האָט איצט באדארפט מאכנ 850 קילאָמעטער, האָבנדיק לעבנ זיכ אלס נאָענטסטנ שאָכנ דעמ טויט: א מינדסטע מעניִע אינ וועג וואָלט געמאכט א בלוטיקע קאשע

פונעם אפאראט, וואָס איז אויסגערעכנט אָפּ 3 מענטשן און איז אָנגעלאָדן מיט 6 פּאַליאַר־טוער.

ס'האָט זיך צעשפּרייט א נעפּל. האָבן זיי זיך אופגעהויבן איבערן נעפּל. די זאַפּאַסן בענזין האָבן שוין געהאַלטן באַם אויסגיין, און מע האָט נאָך אַלץ ניט געזען קיין שום סימאָנים פון יאַבאָשע. אונטן איז געווען דער אָקעאַן, וואָס האָט געשליידערט אין דער הייך קאָלאָסאַלע כוואַליעס, און אין די דאָזיקע כוואַליעס האָט זיך דאָס געזאָלט אראָפּלאָזן דער הידראָפּלאַן. ארום 7 אזייגער אין אָוונט האָט זיך דער אפּאראט איינגעטונקט אין די דאָזיקע כוואַליעס. זיי האָבן זיך געשלאָגן אָן דעם קאָרפּוס מיט אזא קראַפט, אז יעדע מינוט האָט געשיינט: אָט־אָט וועלן די קלעפּ ארויסזעצן דעם דעק.

אין א שעה ארום זיינען זיי צוגעקומען צו דער יאבאָשע: אינדערוויַטן האָבן זיך געהערט שטימען פון פויגלען.

„נומער 25" האָט אויסגעפילט זיין אויפגאַבע אינגאַנצן. ער האָט געבראַכט א קאָלאָסאַלע צאָל וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען און האָט באַשטעטיקט, אז ביזן 88° צאָפן־ברייט זיינען ניטאָ קיין שום סימאָנים פון יאַבאָשע.

„נאָרוועגיע"

דער ערשטער איבערפלי אין די ניט־אויסגעפאָרשטע פּאָליאַרישע ווייטן האָט אַמונדסענען געבראַכט פיל פאַרדינטע פרייד און רום. ער איז געוואָרן בוכשטעבלעך פאַרוואָרפן מיט טעלעגראַפישע באַגריסונגען. עס האָבן אים באַגריסט אוניווערסיטעטן, געזעלשאַפטן, דאָרפישע געמיינדעס, — די גאַנצע וועלט האָט אים באַגריסט.

דעם 5 יולי 1925 יאָר, ווען אַמונדסען מיט זיינע באַגלייטער איז געקומען צו פליִען אויף זיין באַרימטן „נומער 25" אין דער יאָנטעוודיק דעקאָרירטער הויפּטשטאָט פון נאָרוועגיע (וואָס האָט שוין געביטן איר נאָמען אויף אָסלאָ) און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן וואַסער, האָבן אים אַרומגערינגלט טויזנטער שיפלעך מיט באַגייסטערטע מענטשן. צענדליקער טויזנטער יובלענדיקע בירגער האָבן אים באַגעגנט אויפן ברעג און האָבן אים באַגלייט איבער דער שטאָט אין אַ טריִומפאַלער פּראָצעסיע. ראָאַלד האָט פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך:

„דאָס איז געווען דער סאַמע שענסטער און סאַמע גערעגנקפולער טאָג פון מיין לעבן".

אָבער ניט מיט אָט דעם יאָנטעוודיקן הור־האַ האָט, פאַרשטייט זיך, געלעבט דער גרויסער פאָרשער אַפילו אין אַזוינע אויסערגעוויינלעכע טעג. דעם איקער, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט, האָט מען געקאָנט אויסדריקן מיט די ווערטער:

— איכ בינ געווענ גערעכט. דער עמעסער וועג צומ זיג איבער די פּאָליאַר־לענדער איז די אוויִאַציע. איצט דארפ איכ האָבנ א דיריזשאבל.

נאָכ אינ מײַ 1925 יאָר האָט ריסער־לארסענ מיטגעטײלט אמונדסענען, אז מע וועט עפּשער קאָנענ אײַנקויפנ בא דער איטאליענישער רעגירונג דעמ דיריזשאבל „נומער 1“, אונ דער נאָבעלער לינקאָלנ עלסוואָרט האָט טייקעפּ פאָרגעלייגט ראָאלדנ 100 טויזנט דאָלער פאַר דעמ דאָזיקנ צוועק. אָבער דעמלט איז שוינ אלצ געווענ אויסגעריכט פארנ איבערפלי פונ די צוויי הידראָפּלאנענ, אונ די אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע האָבנ באשלאָסנ צו האלטנ זייער ערשטנ איבערפלי פאַר אנ אויס־שפּירונג, קעדיי דאָס קומענדיקע יאָר מאכנ א פּרווו אריבער־צופליענ פונ איינ קאָנטינענט צומ צווייטנ אפ א דיריזשאבל.

איצט, ווענ די פּרווו־עקספּעדיציע איז געווענ פארענדיקט, אָבער דער ציל איז נאָכ ניט געווענ דערגרייכט, האָט זיכ פאַר ראָאלדנ, נאטירלעכ, געשטעלט די פראגע וועגנ פארווירקלעכנ זײַנ צווייטנ פארטראכטנ איבערפלי: דער דיריזשאבל דארפ אריבערפליענ איבערנ פּאָליוס. ריסער־לארסענ האָט פאָרגעלייגט:

— לאָמיר שיקנ א טעלעגראמע דעמ קאָנסטרוקטאָר פונ שיפנ פונעמ איטאליענישנ לופט־פלאָט דעמ פּאָלקאָווניק נאָבילע אונ לאָמיר אימ אײַנלאדנ צו קומענ קיינ אָסלאָ.

אמונדסענ האָט געהאט א טעווע גלײַכ צוטרעטנ צומ אויספילנ זײַנע פלענער. נאָבילע איז גראָד דער מענטש, וואָס וועט קאָנענ ענטפערנ אפ יעדער פראגע וועגנ דעמ דיריזשאבל „נומער 1“. אכוצ דעמ קאָנ ער אויכ זײַנ דער פירער פונעמ דיריזשאבל, אויב ס'וועט זיכ אײַנגעבנ קויפנ די לופט־שיפ... טייקעפּ איז געשיקט געוואָרנ א טעלעגראמע צו נאָבילענ, אונ נאָבילע איז באלד ארויסגעפאָרנ קיינ אָסלאָ.

ראָאלד האָט אופגענומענ דעמ פּאָלקאָווניק נאָבילע אינ זײַנ הויז, אינ דער אָנוועזנהייט פונ ריסער־לארסענ, אונ דער אי־טאליענישער אוויִאטאָר, וואָס לויט זײַנ פּראָיעקט האָט מענ



אמונדסען קערט זיך אום מיט טריומף קיין אָסלאָ

געבויט דעם דיריזשאבל און אונטער וועמענס אָנפירונג ער האָט זיך געפונען צוויי יאָר, האָט געגעבן אויסשעפנדיקע דערקלערונגען וועגן דער קאָנסטרוקציע פונעם אפאראט און וועגן דער מעגלעכקייט אויסצונוצן אים באם אריבערפליִען אי־בערן פאָליוס.

יאָ, דאָס איז דאָס, וואָס אמונדסען דארף האָבן.

— וואָס פאר א פרייז וויל אייער רעגירונג פארן דירי־זשאבל? — האָט ראָאלד געפרעגט.

— קיין שום פרייז, — האָט דער פאָלקאָווניק געענטפערט.

— צוליב וואָס האָט מען דען, אויב אזוי, באדארפט אָנ־הייבן די אונטערהאנדלונגען? — האָט זיך ראָאלד געוואונדערט.

— איר האָט מיך ניט פארשטאנען, — האָט נאָבילע דער־קלערט מיט א שמייכל. — אונדזער רעגירונג וויל אייך געבן דעם דיריזשאבל אלס מאטאָנע.

— איך בין זייער דאנקבאר, אָבער איצט פארשטיי איך

שוינ אבסאָליוט גאָרנישט ניט. מיט וואָס האָב איכ פארדינט, אז די איטאליענישע רעגירונג זאָל מיר געבנ אזא רײַכע מאַטאָנע?

— מיט אײַערע פארדינסטנ פאר דער גאנצער מענטשהײַט. דאָס איינציקע, וואָס מוסאָליני וויל דערפאר, איז — דער דיריזשאבל זאָל פליִענ אונטערנ איטאליענישנ פלאג.

— קיינמאָל ניט! — האָט אמונדסענ דערקלערט פעסט אונ אנ אופגערעגטער זיכ אופגעהויבנ. — איכ האָב אויסגעטראָגנ מײַנ פלאנ אינ מעשעכ פונ לאנגע 17 יאָר. מײַנ גאנצ לעבנ האָב איכ פארבראכט, שטודירנדיק די שווערע ארבעט פונ א פאָליאר־טוער. איכ האָב דורכגעטראָגנ מײַנ פאָטערלענדישנ, נאָרוועגישנ פלאג דורכנ צאָפנ־מײַרעוודיקנ דורכגאנג אונ ביזנ דאָרעמ־פאָליוס. איכ מיינ, אז איכ האָב רעכט אויכ צו פארענדיקנ מײַנ ארבעט אונטער דעמ זעלבנ פלאג, אריבערפליִענדיק פונ איינ קאָנטינענט צומ צווייטנ דורכנ צאָפנ־פאָליוס.

נאָבילע, וואָס האָט זיכער געהאט אנ אופטראָג אומבאדינגט צו פארבינדנ דעמ נאָמענ פונ איטאליע מיט דער גראנדיִעזער אידיי פונעמ נאָרוועגישנ פאָרשער, האָט ניט געוואָלט צעבלאָזנ דעמ קאָנפליקט. ער האָט אָנגערופנ א פרײַז, פאר וועלכנ מע קאָנ קויפנ דעמ דיריזשאבל: 15 טויזנט פונט סטערלינג.

עלסוואָרט, וואָס האָט אסיגנירט דערופ 100 טויזנט דאָלער (דה. 20 טויזנט פונט), האָט, נאטירלעכ, ניט דערווידערט, אונ נאָבילע איז אוועקגעפאָרנ צוריק קיינ רוימ צונויפצושטעלנ דעמ ענדגילטיקנ אָפמאכ. ער האָט דערבײַ גענומענ אפ זיכ א פארפליכטונג צו מאכנ אלע נייטיקע ענדערונגענ אונ אָפגעבנ דעמ דיריזשאבל, ער זאָל זײַנ פולקומ גרייט צו פליִענ.

— וועט איר אײַנשטימענ אָנטיילצונעמענ אינ מײַנ עקספעדיציע אלס קאפיטאנ פונעמ דיריזשאבל? — האָט ראָאלד געפרעגט בא נאָבילע, איידער דער פאָלקאָווניק איז אָפגעפאָרנ קיינ רוימ.

דער פאָלקאָווניק האָט טייקעפ אײַנגעשטימט.



„נאָרוועגיע“ ווערט ארויסגעפירט פונעם אנגאר

— איכ וואָלט נאָר געוואָלט, — האָט ער צוגעגעבנ, — אז דער פערסאָנאל פונעם דיריזשאבל זאָל אויכ דורכויס באשטיינ פונ איטאליענער, וועלכע איכ קענ שוינ ג׳ט.

— אָ, ניינ, — האָט איצט אמונדסענ געענטפערט נאָבילענ מיט דער זעלבער פעסטקייט, וואָס ער האָט ארויסגעוויזנ איג דער פראגע וועגנ דעמ פלאג. — מיט מיר וועלנ פליִענ ריסער-לארסענ, אָמדאל, אָסקאר וויכטינג אונ די אנדערע, ווענענ איכ וועל האלטנ פאר נייטיק צו נעמענ אפנ באָרט פונעמ דיריזשאבל.

נאָכ דעמ איז נאָבילע אָפּגעפאָרנ קיינ רוימ, אונ אינ אווגוסט 1925 יאָר האָט ער אהינצו ארויסגערופנ אמונדסענענ אונטערצושרייבנ דעמ אָפּמאכ. מיט אימ איז אויכ מיטגעפאָרנ ריסער-לארסענ. ווענ מע האָט אונטערגעשריבנ דעמ אָפּמאכ, האָט ראָאלדנ שטארק געדריקט דער אומשטאנד, וואָס די איטאליענישע רעגירונג האָט דעריקער געשטרעבט צו רעקלאמירנ



„נאָרוועגיע“ איבער לענינגראד

זיכ און איר פאַשיסטישנ רעזשימ, און ניט אויסצופילנ די גרויסע ארבעט, וועלכע האָט געזאָלט דינענ צומ רומ פונ דער וויסנשאפט און פונ דער מענטשהײַט.

ענדלעכ איז דער אָפּמאכ אונטערגעשריבנ געוואָרנ.

בא עלסוואָרטונ איז דעמלט אינ אמעריקע געשטאָרבנ דער פאָטער, און ער איז אוועקגעפאָרנ אהינצו אײַנרעגולירנ די איניאָנימ וועגנ זײַנ ירושע. אמונדסענענ איז געווענ ניט בא־קוועמ די צו ברייטע שטיצע פונ זײַנ פרײַנט. ער האָט געוואָלט זעלבשטענדיק פארגרעסערנ די מיטלענ פונ דער עקספעדיציע און ביזוואַנענ מע וועט רעמאָנטירנ דעמ דיריזשאבל און מע וועט זיכ גרייטנ צומ פליענ, וועט ער אויכ אוועקפאָרנ קיינ אמעריקע — לייענענ לעקציעס וועגנ זײַנ איבערפלי אינ 1925 יאָר. אפ דער צײַט, וואָס זיי וועלנ ניט זײַנ אינ נאָרוועגיע, האָבנ אמונדסענ און עלסוואָרט ארויסגעגעבנ א באפולמעכטי־

אמונדסענ באגריסט בערדנ. דערבײַ שטייט עלסוואָרט

קונג דעמ נאָרוועגישנ אעראָקלוב, צו פירנ זייערע אינ־יאָנימ.

אָט דער אומשטאנד האָט ארויסגערופנ א גאנצע ריי מיס־פארשטייעניש. אמונדסענ אונ עלסוואָרט האָבנ אײַנגעשטימט, אז נאָכנ איבערפלי זאָל נאָבילע באשרײַבנ דעמ טעכנישנ טייל פונ דער עקספעדיציע, אונ דער נאָרוועגישער אעראָקלוב — נאָבילע איז דערופ באשטאנענ — האָט צוגעגעבנ: „אונ דעמ אעראָנאוויגאטאָרישנ". דאָס האָט ארויסגערופנ פארברייטערט די „ליטערארישע" פולמאכטנ, וואָס די אָנפירער פונ דער עקס־פעדיציע האָבנ געגעבנ דעמ קומענדיקנ קאפיטאנ פונעמ דירי־זשאבל.

אינ מארט 1926 יאָר, ווענ אמונדסענ אונ עלסוואָרט זײַנענ געקומענ קיינ רוימ, האָבנ זיי זיכ דערוווסט, אז נאָבילע באַ־שטייט אויכ דערופ, מע זאָל צוגעבנ דעמ נאָמענ נאָבילע צומ נאָמענ „עקספעדיציע פונ אמונדסענ — עלסוואָרט". אכוצ דעמ

האָט דער איטאַליענישער פּאָלקאָווניק געפֿאָדערט, דער נאָר־וועגישער פּערסאָנאַל זאָל זיך פאַרפליכטן אונטערצוואַרפֿן זיך אויסשליסלעך אים אַליין. אַמונדסען האָט קאַטעגאָריש אָפּגע־וואָרפֿן די צו דרייסטע פּרעטענזיעס פון זײַן קאַפּיטאַן.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען דער דיריזשאַבל איז פּאָרמעל איבערגעגעבן געוואָרן אין רעשוס פון אַמונדסען — עלסוואָרט און האָט באַקומען אַ נײַעם נאָמען — „נאָרוועגיע“. דעם 29 מאַרט האָט זיך „נאָרוועגיע“ אויפגעהויבן און זיך גע־לאָזט קיין צפון, און ראָאַלד איז מיט עלסוואָרטן אַרויסגעפאָרן מיט דער אײַזנבאַן קיין אָסלאָ. פון דאָרטן האָבן זיי געזאָלט פאָרן אויף שפּיצבערגען, קיין סוואַרבאַרד, און אַלץ צוגרייטן צום אָנקום פונעם דיריזשאַבל.

האָבנדיק אין זײַן רעשוס צוויי שיפן — דעם אַרענדירטן דאַמפּער „קנוט סקאָליורען“ און די שיף „היימדאַל“, וואָס די מעלוכע האָט אים געגעבן, איז די עקספּעדיציע אַרויס אין ים, האַלטנדיק דעם קורס קיין קינגסביי.

אין קינגסביי האָט אַמונדסענען און עלסוואָרטן געפרייט דער דענקמאָל, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן אָרט, ווו ס'איז געווען דער סטאַרט פון זייערע פאַראיאָריקע איבערפליִען. אויפן דענקמאָל זײַנען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די זעקס העלדן, וואָס זײַנען צום ערשטן מאָל איבער דער לופט אַרײַנגעדרונגען אין די אײַז־מידבאָריעס פון צפון.

דעם 29 אַפּריל איז קיין קינגסביי אָנגעקומען די אַמעריקאַ־נישע שיף „שאַנטיע“ מיט דער עקספּעדיציע פון ריטשאַרד בערד, וואָס האָט געוואָלט פליִען צום צפון־פּאָליוס אויפן עראָפּלאַן „זשאָזעפינע פאָרד“ (דער עראָפּלאַן איז אַזוי אָנגערופן געוואָרן לכּבֿוד פון דעם פאַבריקאַנט פאָרד, ווײַל פאָרד האָט געגעבן די מיטלען פאַר דער עקספּעדיציע).

ראָאַלד האָט פרײַנטלעך באַגעגנט די אַמעריקאַנער און האָט בערדן געגעבן אַלע נייטיקע אָנווײַזונגען וועגן דעם איבערפלי אין דער ריכטונג, וואָס ער האָט שוין אויסגעפרוווט. אין עט־

לעכע טעג ארום איז קיין קינגסביי געקומען צו פליִען „נאָרוועגיע”, און נאָבילע איז געווען העכסט אופגערעגט פון בערדס פאַרשטייענדיקן איבערפלי. ער איז צוגעגאַנגען צו אמונדסענען און האָט אים דערקלערט:

— מע מוז זיך איילן. אין דריי טעג ארום וועט „נאָרוועגיע” זיין גרייט ארויסצופליִען.

— איך כאַזער אייך איבער, — האָט ראָאלד געענטפערט, — אַז איך קליַיב זיך ניט יאָגן זיך מיט בערדן, ווער וועט פריִער קומען צום צאָפן-פּאָליוס. אונדזער אופגאַבע איז אריבערפליִען איבערן איַיז-אָקעאַן. מיר פליִען קיין אליאַסקע, און ניט צום צאָפן-פּאָליוס.

בערד האָט דורכגעמאַכט זיין העלדישן איבערפלי אין מעשעך פון 16 — 17 שאָ; ער איז געווען אפן צאָפן-פּאָליוס און זיך אומגעקערט צוריק.

קיינער האָט ניט געהאַט אַזויפיל הארציקע און באַגייסטערטע ווערטער באַם באַגעגענען בערדן נאָך זיין זיגרייַכן אומקערן זיך פונעם פּאָליוס, ווי ראָאלד אמונדסען.

פֿון קאָנטינענט צו קאָנטינענט

דעם צענטן מײַ איז אַלץ געווען גרייט, און אפ מאָרגן איז באַשטימט געוואָרן אָפּצופֿליִען.

אפן באָרט פֿון „נאָרוועגיע" זײַנען געווען 16 מאַן. אין דער שפּיץ פֿון דער עקספּעדיציע זײַנען געשטאַנען אַמונדסען און עלסוואָרט. דער קאַפּיטאַן פֿון דער לופֿט־שיף איז געווען אומבערטאָ נאָבילע. דער געהילף־שעף פֿון דער עקספּעדיציע און געהילף־קאַפּיטאַן איז געווען ריסער־לאַרסען. דער שטייערמאַן איז געווען עמיל האָרגען, אָסקאַר וויסטינג האָט אָנגעפֿירט מיטן הייך־שטייער. אַלס ראַדיאָ־ספּעציאַליסט איז געפֿלויגן בירגער גאָטוואַלד. די פֿליכטן פֿון אַ מעטעאָראָלאָג זײַנען געלעגן אפ דעם מאַגיסטער פֿונעם אופּסאַלער אוניווערסיטעט מאַלמגרען. פֿרעדעריק ראַם איז געפֿלויגן אַלס קאָרעספּאָנדענט. אין דער לעצטער מינוט האָט מען נאָך אפ שפּיצבערגען גענומען פֿאַר אַ ראַדיאָ־טעלעגראַפֿיסט סטאָרם־יאָנסען. די אַלע פּערזאָנען זײַנען געווען אין דער גאָנדאָלע פֿון דער שיף. דער צווייטער טייל פֿונעם פּערסאָנאַל, וואָס איז געווען אינגאַנצן אָפּגעטיילט פֿונעם ערשטן, האָט זיך געפֿונען אונטער אָסקאַר אָמדאַלס קאָמאַנדע און איז באַשטאַנען — כוץ אָסקאַר אָמדאַלן — פֿון פֿינף מעכאַניקער איטאַליענער. אין רעשוס פֿון דעם דאָזיקן טייל זײַנען געווען דרײַ מאָטאָרן פֿון דער לופֿט־שיף.

דעם 11 מײַ 1926 יאָר, 10 אזייגער אינדערפרי, האָט זיך דערהערט די קאָמאנדע:

— לאָז!

און די קאָלאָסאלע „נאָרוועגיע" האָט זיך לײַכט און גראַנדיעז אופגעהויבן אינדערלופטן. אינגיכן האָט מען פון דער גאָנדאָלע דערזען אן עראָפּלאַן, וואָס באגלייט „נאָרוועגיע": דאָס האָט בערד באגלייט צום פּאָליוס זײַנע פרײַנט. אין א שאָ ארום האָט ער פארקערעוועט צוריק.

פון אָנהייב איז דער דיריזשאבל געפלויגן ניט העכער פון 200 מעטער איבער דער ערד. אמונדסען איז געזעסן אפ איינעם פון די צוויי אליומיני־באקן מיט וואסער, געקוקט אין פענצטער און אָן אופהער שטודירט, ווי אונטן ענדערן זיך די קאָנטורן. ער האָט געטראכט וועגן דעם, ווי פיל רויִקער עס קומט פאָר דער האיאָריקער איבערפלי אין פארגלײַך מיטן פאראַיאָריקן: ווען עס זאָל געשען דאָס סאמע שרעקלעכע, דה. ווען עס זאָלן קאליע ווערן אלע מאָטאָרן, קאָן די שיפ ווײַטער שוועבן אינדערלופטן, ביזוואנען עס וועט געמאכט ווערן דער נייטיקער רעמאָנט. אן עראָפּלאַן אָבער מוז זיך אין אזא פאל טייקעף אראָפּלאָזן, און דאָס וואָלט אין די געגעבענע באַדינגונגען אומפארמײַדלעך געפירט צום אומקום. פאר דער גאנצער צײַט פון פליִען — פון שפיצבערגען ביז אליאסקע — האָט די עקספּעדיציע ניט געטראָפן קיין איין פונקט, וואָס זאָל טויגן פאר אן עראָפּלאַן אפ אראָפּצונידערן.

דאָס אײַז האָט זיך דאָס יאָר געצויגן א סאך ווײַטער צו דאָרעם, איידער פאראיאָרן. באם 82° צאָפן־ברייט, ווו דאָס אײַז האָט פאראיאָרן אויסגעזען ווי צעוואָרפענע בלאָקן, איז איצט געלעגן א דורכויס־קער אײַנזמידבער.

דורכפליִענדיק איבערן 43′ 87° — איבער דער העכסטער ברייט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אפן הידראָפּלאַן, — האָבן זיך ראָאלד און עלסוואָרט ניט־ווילנדיק איבערגעקוקט: ביידע האָבן זיך דערמאָנט, וויפל געפאר און ניסיוינעס זיי האָבן זיך



„נאָרוועגיע“ באַם צופעסטיקונג־טורעם

דעמלט אָנגעלײַטנ אַפּ דעם זעלבנ אָרט, איבער וועלכנ עס שוועבט איצט רויִק זייער לופט־שיפּ.

צוקומענדיק צום פּאָליוס, האָט דער פּערסאָנאַל געפּײַערט דעם סאַמע אָריגינעלנ „געבורטסטאָג“ אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהייט. דעם טאָג איז עלסוואָרט געוואָרנ 46 יאָר אַלט. נאָבילע האָט פונ ערגעץ אַרויסגענומענ אַ פלאַש פּונש, אונ דאָס איז אַרומ דעם צאָפנ־פּאָליוס האָט דערהערט, אויב עס קאָנ נאָר הערנ, ווערטער פונ פרייַנטלעכע באַגריסונגענ, וואָס האָבנ צומ ערשטנ מאָל אָפּגעהילכט אינ די דאָזיקע ערטער.

— גרייט די פלאַגנ! — האָט ריסער־לאַרסענ געגעבנ אַ קאָמאַנדע. אונטער דער שיפּ האָבנ זיך שוינ געצויגנ די אײַזפעלדער פונעמ צאָפנ־פּאָליוס. אַ נאָרוועגישער זײַדענער פלאַג האָט זיך מיטנ שפּיץ פונעמ אַליומיני־שטעקל אַרײַנגעשטאָכנ אינ אײַז, אונ די נאָרוועגישע נאַציאָנאַלע קאָלירנ האָבנ זיך פאַנאַנדערגעוויקלט איבערנ פּאָליוס. אַמונדסענ האָט זיך אויס־

געדרייט צו וויסטינגנ אונ האָט פעסט א דריק געטאָנ זײַנ האנט: די זעלבע הענט האָבנ מיט 15 יאָר צוריק אופגעשטעלט פונקט אזא פלאג אויכ אפנ דאָרעמ־פאָליוס.

נאָכדעמ האָט עלסוואָרט אויכ אזוי אופגעשטעלט אפנ צאָפנ־פאָליוס דעמ פלאג פונ זײַנ היימלאנד — פונ די פאראייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע. ס'איז שווער צו זאָגנ, צי ווער־עס־איז פונ די מענטשנ האָט אזוי געפײַערט דעמ טאָג פונ זײַנ געבורט. נאָבילע, פונ זײַנ זײַט, האָט אראָפּגעוואָרפנ אפנ פאָליוס עטלעכע איטאליענישע פלאגנ.

דאָס אײַז אפנ פאָליוס איז געווענ שטארק צעברעקלט, ניט אזוי ווי דאָס דורכויסיקע אײַז, וואָס מע האָט געזענ ביז דעמלט. דאָ האָט מענ ניט געזענ ניט קיינ פויגלענ, ניט קיינ יאמהיגנט, ניט קיינ יאמפערד. אָבער לעבנ פאָליוס האָט מענ באמערקט שפורנ, וועלכע מע האָט געקאָנט אָנעמענ פאר בערישע. פונקט אזוינע שפורנ האָבנ זיכ שוינ געלאָזט מערקנ צאָפנצו פונ שפיצבערגענ, אונ דאָרטנ האָט די עקספעדיציע ווירקלעכ דערזענ צוויי בערנ. ווי די בערנ האָבנ נאָר דערהערט דעמ רויש פונ די מאָטאָרנ, האָבנ זיי זיכ אינ שרעק א וואָרפ געטאָנ מיטנ קאָפ אינ פאָלאָנקע.

נאָכדעמ האָט זיכ אָנגעהויבנ א זאָנע פונ נעפל, וואָס האָט געשטערט די באאָבאכטונגענ. ס'איז קלאָר געווענ, אז קיינ שומ גרויסע שטיק יאבאָשע איז ארומ דעמ צאָפנ־פאָליוס ניטאָ, מע האָט נאָר געקאָנט דורכלאָזנ וועלכע־עס־איז קליינע אינדזלענ. דער פײַכטער נעפל האָט זיכ אָפּגעלייגט אפ די מעטאלענע טיילנ פונעמ דיריזשאבל אונ איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ אײַז. די שטיקער אײַז פלעגנ ארײַנפאלנ אינ די פראָפּעלערס, אונ די פראָפּעלערס פלעגנ עס מיט געוואלט אָפּשלײַדערנ אפנ הײַטל פונ דער שיפ. דאָס הײַטל פונ דער שיפ האָט מענ קימאט נאָכאנאנד געמוזט פאריכטנ.

דעמ 12 מײַ אינדערפרי האָט זיכ פונ דער לינקער זײַט פונ דיריזשאבל באוויזנ אינדערווײַטנס יאבאָשע. דאָס איז גע-

זוענ דאָס ברעגלאַנד פונ אַליאַסקע. דער ציל איז דערגרייכט געוואָרנ. נאָר בלויז ווענ מע זאָל זיכ גוט אראָפּלאָזנ, וועט זײַנ א פולשטענדיקער דערפאָלג.

זיי זײַנענ דורכגעפלויגנ איבער ווענרײַט, ווו אמונדסענ מיט אָמדאַלנ האָבנ פארבראכט א סאכ צײַט אינ די יאָרנ 1922—1923. נאָכדעמ זײַנענ זיי פארבײַ „מאָדהיימ”, דאָס הויז, וואָס אמונדסענס עקספּעדיציע האָט געהאט אופגעבויט און פונ וואנענ ער איז דורכ מיט אנ עסקימאָס און מיט 15 הינט בא 1000 קילאָמעטער אינ צענ טעג. ווידער האָט דער נעפל אראָפּגעפירט דעמ דיריזשאבל פונ וועג, און אמונדסענ האָט ווידער געפרווט אופזוכנ די ברעגנ פונ אַליאַסקע.

שוינ 70 שעה האָט די עקספּעדיציע פארבראכט אינדערלופטנ. דער גרעסטער טייל פונעמ פּערסאָנאל האָט פארבראכט די גאנצע צײַט אָנ שלאָפ, בא אייניקע האָבנ זיכ שוינ אָנגעהויבנ האַליוצינאציעס. בענזינ איז געבליבנ ווייניק, און מע האָט באַדארפט אראָפּנידערנ. פליענדיק הינ און צוריק, האָט דער דיריזשאבל אויסגעקליבנ צומ אראָפּנידערנ עפּעס א קליינ שטעטל מיט א גלאטער אײַז-אויבערפלאכ, וואָס האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט אראָפּלאָזנ זיכ.

ווענ „נאָרוועגיע” האָט אָנגעהויבנ אראָפּנידערנ אפנ אײַז, האָט זיכ פונ אלע זײַטנ אָנגעהויבנ צונויפלויפנ אנ אוילעמ. די גאָנדאָלע האָט געהאט א קאָלאָסאלנ לופט-קישנ, וואָס האָט אופגענומענ דעמ קלאפּ. דאָס אײַז הינטערנ שטעטל איז געווענ פולקומ גלאט, און דער גרעסטער טייל אײַנוווינער האָט געהאָלפנ צוהאלטנ די צופעסטיקונג-קאנאטנ.

— ווו געפינענ מיר זיכ? — האָבנ די אעראָנאווטנ געפרעגט, ווי נאָר זיי זײַנענ ארויסגעשפּרונגענ פונ דער גאָנדאָלע.
— אינ שטעטל טעלער.

דאָס אָרט איז געלעגנ 90 קילאָמעטער ווײַט פונעמ פונקט, וואָס איז אפדיער אָנגעמערקט געווענ אפ אראָפּצולאָזנ זיכ. דער וועג פונ איינ קאָנטינענט צומ צווייטנ דורכנ פּאָליוס איז פאר-



די קאַרטע פונעם
צאָפנדיקן
אײַז־אָקעאַן
400 0 400 800
ריכטונג פון אַמונדסענס איבערפלי
בערינג־ים
לאַרענץ־א־ל
נאָם
טעלער
טשוקטשישער ים
וועינרייט
באַראָו
וראַנגעלס א־ל
מיזרעח־סיבירישער ים
נײַ־סיבירישע א־לענ
באָפאָרט־ים
צאָפנדיקער מאַגנעט־פּאָליוס
צאָפן־פּאָליוס
אײַז־אָקעאַן
סעווערנאַיאַ זעמליאַ
לאַפּטיעוו ים
קאַראַ־ים
באַפין־אײַנבוס
קינגזבײ
שפּיצבערגען
גרענלאַנדישער ים
באַרענץ־ים
א־ל יאַן־מאַיען
צאָפנדיקער פּאָליאַר־קרײַז
איסלאַנד
אַטלאַנטישער אָקעאַן
160 180 140 120 100 80 60 40 20 0 20 40 60 70 80 85

ענדיקט געווענ, אונ די אופגאבע, וואָס די עקספעדיציע האָט זיכ געשטעלט, איז אויסגעפילט געוואָרנ גלענצנדיק אונ אינ־גאנצנ.

איצט האָט מענ געמוזט צוקומענ צו סיִעטל. די עקספעדיציע איז אָפ שיפלעכ ארויסגעפאָרנ פונ טעלער אונ האָט זיכ געלאָזט צו דער שטאָט, פונוואנענ עס גייענ דאמפערס ביז סיִעטל. דער אופנעמ אינ סיִעטל איז געווענ דער אָנהייב פונ די הארציקע אונ ברייט-גאסטפרייַנטלעכע באגעגענישנ, מיט וועלכע די אמעריקאנער האָבנ באגריסט די עקספעדיציע לופט־זיגער פונעמ צאָפנ-פאָליוס, וואָס זייַנענ צומ ערשטנ מאָל דורכ־געפלויגנ דעמ וועג איבערנ אָקעאנ, וועלכער צעטיילט צוויי קאָנטינענטנ.

די רייַזע דורכ די פאריייניקטע שטאטנ איז אדורכ ווי א גליקלעכער כאָלעמ. די אייַזנבאנ־געזעלשאפטנ האָבנ ארומגע־רינגלט די רייַזנדע מיט אלע באקוועמלעכקייַטנ, מיט קאָמפאָרט אונ לוקסוס, פונ וועלכע די פאָליאר-טוער האָבנ זיכ אזוי אָפ־געוווינט פאר דער צייַט פונ זייער הארבער אונ קימאט שלאָפ־לאָזער רייַזע. פונ אלע סטאנציעס האָבנ זיכ געטראָגנ טעלע־גראמעס מיט דער באקאָשע צו ווייַזנ זיכ באמ דורכפאָרנ כאָטש אפ דער פלאטפאָרמ פונעמ וואגאָנ. די הארציקייַט, מיט וועל־כער אלע האָבנ באגריסט דעמ פערסאָנאל פונ „נאָרוועגיע“ אפ די סטאנציעס, האָט פארקלעמט די הערצער אונ ארויסגערופנ טרערנ אינ די אויגנ פונ די מענטשנ; וואָס זייַנענ גאָר ניט געוווינט געווענ צו וויינענ.

די טריִומפאלע פראָצעסיע דורכ די פאריייניקטע שטאטנ האָט זיכ פארענדיקט ערשט דעמלט, ווענ די רייַזנדע זייַנענ, ענדלעכ, ארופ אפנ באָרט פונ „בערגענספיאָרד“, וואָס האָט זיי געזאָלט ברענגענ קיינ נאָרוועגיע. אינ ניו־יאָרק האָט אמונדסענענ פארשאפט אומפארגעסלעכע פרייד זייַנ „קאָנקורענט“ — ר י ־ ט ש א ר ד ב ע ר ד, וועלכער איז געקומענ אפנ וואָקזאל אינ דער שפיצ פונ א קאָלאָסאלער פראָצעסיע, אונ די פראָצעסיע האָט

באַ פֿײַערלעכע קלאַנגען פֿון אָרקעסטערס ארומגערינגלט און באַגריסט דעם גרויסן דעראָבערער פֿון די ביידע פּאָליוסן.

דער „צוויבער־כאָלעם", — אזוי האָבן אָנגערופֿן די באַגע־גענייש די אָנטיילנעמער פֿון דער עקספּעדיציע גופֿא — האָט זיך ווײַטער געצויגן אויך נאָך זייער אָנקומען קיין נאָרוועגיע. אויף יעדן בערגל, אויף יעדן פֿעלדז פֿונעם לאַנד האָט געפֿלאַטערט א יאָנטעוודיקער פֿלאַג, און אויף גאַנצן ברעג האָבן געהילכט דונערדיקע באַגריסונגען, מיט וועלכע דאָס נאָרוועגישע פֿאָלק האָט באַגעגנט זײַן נאַציאָנאַלן העלד. אָנענדלעכע פֿלאָטיליעס האָבן באַגלייט דעם דאַמפֿער „סטאַוואַנגערפֿיאָרד", מיט וועלכן די עקספּעדיציע איז געפֿאָרן קיין אָסלאָ.

די סטאַוואַנגערער יוגנט האָט אויפֿגענומען די געסט מיט אָריגינעלע פֿאָנען, אויף וועלכע עס זײַנען געווען באַצייכנט אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג אַלע אַמונדסענס עקספּעדיציעס. עסקאַדריליעס אַוויִאַטאָרן האָבן באַגריסט די עקספּעדיציע אינ־דערלופֿטן. די אויסלענדער האָבן יובלדיק באַגעגנט ראָאַלדן צוזאַמען מיט זײַנע לאַנדסלײַט, באַשטעטיקנדיק מיט רעדעס און פֿריידיקע אויסרופֿן, אַז דעם נאָרוועגער אַמונדסענס אויפֿטו איז די זאַך פֿון דער גאַנצער קולטורעלער מענטשהײַט.

דער העראָישער סאָפ פונעמ העראָישנ לעבנ

אינמיטנ יונ 1928 איז ראָאלד אמונדסענ, וואָס האָט געווינט ניט ווײַט פונ אָסלאָ, געזעסנ אינ איינעמ פונ די קאַפייענ פונ דער הויפּטשטאָט אונ געשמועסט מיט זײַנע פרײַנט. צו אימ איז צוגעקומענ א קעלנער:

— מע בעט אײַכ צומ טעלעפאָנ.

אמונדסענ איז צוגעגאנגענ צומ אפּאראט אונ האָט גענומענ דאָס טרײַבל.

— מיט אײַכ רעדט דער קריגס־מיניסטער.

— מיט וואָס קאָנ איכ נוצלעכ זײַנ?

אינ קורצע ווערטער האָט דער מיניסטער איבערגעגעבנ ראָאלדנ דעמ טאָכ פונעמ איניענ. די פראנצויזישע רעגירונג גיט דעמ הידראָפּלאַנ „לאטאמ" מיט איינעמ פונ אירע בעסטע אוויאטאָרנ גילבאָ, קעדיי צו העלפנ נאָבילע, וועלכער איז ארויסגעפלויגנ אפנ דיריזשאבל „איטאליע".

וועט דענ אמונדסענ ניט מאסקימ זײַנ צו נעמענ אפ זיכ די אָנפירונג מיט דער ארבעט אופצוזוכנ נאָבילענ אפ „לאטאמ"?

ראָאלד האָט געענטפערט, ניט איבערקלערנדיק:

— כ'בינ אײַנשטימיק.

אלצ, וואָס איז פאָרגעקומענ, האָט ער געוווּסט בעסער פאר אלעמענ. נאָכנ טריומפאלנ איבערפלי פונ „נאָרוועגיע" האָט אומבערטאָ נאָבילע אופגעבויט א פארפולקומטנ דיריזשאבל „איטאליע" פאר א נײַעמ איבערפלי צומ צאָפנ־פאָליוס.

דעם 24 מײַ איז נאָבילע אפּן דיריזשאַבל „איטאַליע“ װירק־לעך דורכגעפלויגן איבערן פּאָליוס, װוּ ער האָט אַראָפּגעװאָרפן די איטאַליענישע פאָן און דעם פלאַג פון דער שטאָט מילאַן. דערמיט האָט זיך נאָבילעס טריומף געענדיקט. אפן װעג צוריק איז דער דיריזשאַבל באַדעקט געװאָרן מיט אײַז, האָט געליטן אַן אַװאַריע און האָט אַראָפּגענידערט אפּ א קריִע.

עטלעכע מענטשן, און דערונטער נאָבילע, זײַנען אַרויס־געװאָרפן געװאָרן פון דער גאָנדאָלע אפן אײַז, און זעקס אָנ־טײלנעמער פונעם איבערפלי זײַנען געבליבן אינעם קאָרפּוס פונעם דיריזשאַבל; דער דיריזשאַבל, באַפרײַט פון איבעריקער לאַסט, האָט זיך װידער אופגעהויבן אין דער הײך און איז שפּורלאָז פאַרשװוּנדן אינעם נעפּל...

ערשט אין צװײ װאָכן אַרום האָט זיך די אָנטײלנעמער פון נאָבילעס עקספּעדיציע, װאָס זײַנען געװען פאַרװאָרפן אפּ דער קריִע, אײַנגעגעבן אײַנשטעלן א ראַדיאָ־פאַרבינדונג מיט דער איבעריקער װעלט. דעם 6 יוני האָט אײנער פון די סאָ־װעטישע ראַדיאָ־ליבהאָבער אין אַרכאַנגעלסק אופגעכאַפּט אפּ א קורצער כװאַליע די ערשטע ידיעס פון דער עקספּעדיציע.

אינמיטן יוני האָבן שוין 14 שיפן פון פאַרשײדענע נאַ־ציאָנאַליטעטן גענומען אָנטײל אין ראַטעװוּנג נאָבילעס און זײַנע באַגלײטער. אװיאַטאָרן אפּ 22 אַעראָפּלאַנען האָבן געהאָלפן די דאָזיקע שיפן.

גילבאָ איז אפּן הידראָפּלאַן „לאַטאַם“ אַרויסגעפלויגן קײן בערגען. און אַהין איז אויך אָנגעקומען אַמונדסען צוזאַמען מיט דיטריקסאָנען און װיסטינגען: זײ בײדע האָבן געזאָלט פליִען צוזאַמען מיט ראָאַלדן. פון בערגען איז „לאַטאַם“ אַרויס־געפלויגן קײן טראָמסע. פאַר װיסטינגען האָט ניט געקלעקט קײן אָרט, װײַל גילבאָ האָט גענומען אפּן אַעראָפּלאַן נאָך דרײַ פראַנצויזישע אַװיאַטאָרן. דעם 19 יוני זײַנען אַמונדסען און גילבאָ מיט די כאַװײרים אַרויסגעפלויגן פון טראָמסע.

נאָך דעם איז פון „לאַטאַם“ נאָך אָנגעקומען פון אַמונדסענען

אנ אָנפראגע דורכ ראדיאָ: אינ וואָס פאר א צושטאנד געפינט זיכ דאָס אײַז באם בערנ-אינדזל? אונ מער זײַנענ קיינ שום ידיעס פונעם אעראָפּלאנ ניט אָנגעקומענ. „לאטאמ" איז שפּורלאָז פארשוווּנדנ געוואָרנ אפ אייביק.

א לאנגע צײַט האָט קיינער ניט געגלייבט, אז אמונדסענ זאָל קאָנענ אומקומענ אינעמ אײַז. ער איז דער ערשטער ארײַנגעדרונגענ דורכנ צאָפנ-מײַרעוודיקנ דורכגאנג. ער האָט אנטדעקט דעמ דאָרעמ-פּאָליוס. ער איז דער ערשטער אריבערגעפלויגנ איבערנ צאָפנ-פּאָליוס. ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבנ די איבערפליִענ איבער דער ארקטיק. ער האָט דורכגעמאכט די גרעסטע צאָל מארשנ קיינ ארקטיק אונ אנטארקטיק. ער האָט שטודירט די דאָזיקע אײַז-לענדער, ווי דאָס האָט קיינער ביז אימ ניט געטאָנ, אונ האָט זיגרײַכ פארענדיקט אלע סאמע געפערלעכע אריבערגענג דורכנ אײַז פונ מידבאָריעס אונ אָקעאנענ... ניט שוינ זשע האָט ער איצט געקאָנט אומקומענ, אפילע ניט האָבנדיק דערפלויגנ ביז שפּיצבערגענ?

אלע פראגנ אונ ספּייקעס זײַנענ געבליבנ אָנ אנ ענטפער. ערשט דעמ 1 סענטיאבער 1928 יאָר האָט זיכ אינ אלע עקנ פונ דער וועלט צעטראָגנ די טראגישע טעלעגראפישע ידיעה:

„בא די ברעגנ לעבנ טראָמסע איז געפונענ געוואָרנ א שווימ-העלצל פונעמ הידראָפּלאנ „לאטאמ".

שפּעטער האָבנ די פישער ארויסבאקומענ פונ יאמ אויכ א ליידיקנ באק פונ בענזינ מיט דער אויפשריפט „לאטאמ". מער איז שוינ קיינ ספאָפּעק ניט געווענ: אמונדסענ, דיטריקסאָנ, גילבאָ אונ די דרײַ פראנצויזישע אוויאטאָרנ זײַנענ אומגעקומענ אינ די כוואליעס פונעמ אָקעאנ.

נאָבילע האָט אנ אעראָפּלאנ ארויסגענומענ פונ אײַז, אונ זײַנ גרופּע האָט געראטעוועט דער סאָוועטישער אײַזברעכער „קראסינ". דער קאָרבנ, וואָס דער גרויסער נאָרוועגער האָט געבראכט, איז געווענ אנ אומזיסטער.

אָבער דער בײַשפּיל, וואָס זײַנ אָפּערוויליקײַט האָט געוויזנ,

איז ניט ווייניקער באלערעוודיק, איידער דער ביישפּיל פון זיין גאנצן גרויסן לעבן.

צווישן די נעמען פון די עכטע העלדן פון דער מענטשהייט וועט אפ אייביק פארבלייבן אלס איינער פון די סאמע ליכטיקע און רומפולע — ראָאלד אמונדסען.

אינהאלט

	זײַט
ווײַסע פלעקנ	3
דער פײַגלעכער אויסוואל	10
א לעבעדיקער מוסטער	17
א סטודענט א מעדיקער	24
א סאָלדאט	31
די „פרוּוו־לעקציע“	38
אלצ צו אײנ ציל	50
„בעלגיע“	57
אמונדסענס באגלייטער אונ מיטארבעטער	66
דעמ קאפּיטאנ אמונדסענס פלאנ	74
די ערשטע זעלבשטענדיקע עקספּעדיציע	82
דער צאָפנ־מײַרעוודיקער דורכגאנג	91
צומ פּאָליוס	107
אויספירנ פונ דער פארגאנגענהײַט אונ פלענער אפ דער צוקונפט	118
„מאָד“	126
די לינקע זײַט פונ דער מעדאל	135
דער ערשטער איבערפלי	142
„נאָרוועגיע“	155
פונ קאָנטינענט צו קאָנטינענט	164
דער העראָישער סאָפ פונעמ העראָישנ לעבנ	172

Редактор перевода М. Иткин. Техредактор М. Погостер. Корректор М. Шпиллер. Сдано в набор 13|IV-37 г. Подписано к печати 4|VII 37 г. Ф. б. 82 X 110 1|32 11 п. л. Уч. авт. 8 3/4. Уполном. Главлита Б.—9928 Эмес № 72 Тираж 4 000. Цена 1 р. 90 коп. Переплет 50 коп.

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка 9. Зак. № 315

באַמערקטע דרוקפֿעלערן

זײַט	שורה	אָפּגעדרוקט	דאַרף זײַן
69	7 פֿון אויבן	אָפּענונג	האָפּענונג
71	15 ״ ״	״באַל־סוימפּעס״	„באַל־מוימפּעס״ (וווּנדערמאַכער)
162	13 ״ ״	זײַן	איר
162	15 ״ ״	אים	איר

ד ײַ ט ש — אַמונדסען.